STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05552

GEZAMELTE DRAMEN

Henrik Ibsen

Permanent preservation of this book was made possible
by Marc & Susan Platt
in honor of
Harold & Ann Platt, Father's Day and Mother's Day 2000

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העגריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

דער קליינער עאָלף
יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן
ווען מיר טויטע ערוואַכען

פערלאג: מייזעל עט קא.
424 גרענד סטריט,
ניו יארק.

Copyright, 1911, by
Maisel & Co., New York.

דער קליינער עאָלף

איבערזעצט פון ק. טעפער.

פערזאָנען.

אלפרעד אלמערס, א גוט־בעזיצער און ליטעראַט, אַ געוועזענער לעהרער.

ריטא אלמערס, זיין פרוי.

עאָלף, זייער קינד, 9 יאָהר אַלט.

פריילין אסטא אלמערס, אַלפרעד׳ס אינגערע שטיעף־שוועסטער.

באָרגהיים, אַן אינזשעניר.

די ראטען־פרוי.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַלמער׳ס גוט, האַרט ביי׳ן פיאָרד, צוועלף אדער פערצעהן מייל פון קריסטיאַניאַ.

ערשטער אקט.

א גארטענצימער פול מעבעל, בלומען און פלאנצען, איינגעריכטעט עלעגאַנט און מיט געשמאַק. אין הינטער גרונד אָפענע גלעזערנע טירען צום ווערהאַנדע. א ווייטער אויסקוק אויפ'ן פיאָרד. וואַלדיגע בערג פון ווייטען. אַ טיר אין יעדער זייטיגער וואַנד. רעכטס, גאַנץ אונטען, אַ רוק־טיר. פאָרינט רעכטס א סאָפע מיט לויזע קישען און דעקען. נעבען סאָפע — שטוהלען, אַ טישעל. פאָרינט לינקס אַ גרעסערער טיש מיט לעהן־שטוהלען. אויפ'ן טיש אַנ'אָפענער האַנדקופער. א זומער־פריה־מאָרגען, די זון שיינט וואַרעם.

ריטא — ביי'ם טיש, מיט'ן רוקען רעכטס־צו, פּאַקט אויס דעם קופער. זי איז אַ שעהנע, גאַנץ הויכע, רייצענדע בלאָנדע פרוי פון א יאָהר דרייסיג, אָנגעטהאָן אין אַ העלען מאָרגענראָק.

שפּעטער אַ ווייַלע געהט אַריין אַסטאַ אַלמערס דורך די טיר רעכטס. טראָגט אַ העלברוינעם זומערקאָסטיום, הוט, זשאַקעטע און שירם; אונטער'ן אָרעם אַ גאַנץ גרויסען, פערשלאָסענעם פּאָרטפעל. אַסטאַ איז שלאַנק, פון מיטלער וואוקס, האָט דונקעלע האָר און טיעפע, ערנסטע אויגען; איז פינף־און־צוואַנציג יאָהר אלט.

א ס ט א: (ביי'ם טיר) גוט מאָרגען, ליעבע ריטא!

ר י ט א: ((טהוט זיך אַ דרעה און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ) זעה נ״ר — דו, אסטא? אזוי פריה פון שטאָדט? צו אונז?

א ס ט א: (טהוט זיך אוים און לעגט איהרע זאַכען אויף אַ שטוהל נעבען טיר). ס'האָט מיך ניט געלאָזט רוהען קיין רגע. עפּעס האָב איך געפיהלט, איך מוז היינט זעהן עאָלף'ן, און דיך אויך (לעגט דעם פּאָרטפעל אויפ'ן טישעל ביי'ם סאָפע) נו, בין איך געקומען מיט'ן דאמפ שיף.

ר י ט א: (שמייכעלט צו איהר) און אויפ'ן שיף האָסטו גע־וויס עפּעס א גוטען פריינד בעגעגענט? גאנץ צופעליג, נאטירליך.

א ס ט א: (רוהיג) ניין, — פון בעקאנטע, קיין לעבעדיגען נפש ניט. (בעמערקט דעם קופער) אָבער ריטא, וואָס איז ד אָ ס?

ר י ט א: (פּאַקט ווייטער אוים) אלפרעד'ס רייזעקופער. קענסט איהם ניט?

א ס ט א: (פול פרייד, נעהנטער) וואָס? אלפרעד איז שוין דאָ?

ר י ט א: יא, שטעל זיך פאָר, — ער איז גאָר אומגעריכט מיט'ן נאכט־צוג געקומען.

א ס ט א: ד אָ ס האָט מיר דאָס הארץ געזאָגט! דאָס האָט מיך אהער געטריעבען! און ער האָט ניט אָנגעזאָגט אפריהער? קיין קארטעל אפילו ניט געשריעבען?

ר י ט א: קיין איינציג וואָרט ניט.

א ס ט א: טעלעגראפירט — אויך ניט?

ר י ט א: דאָס יא, — א שעה פאר'ן קומען. גאנץ קורץ און קאלט (לאַכט) איז עס דען ניט זיין שטייגער, אסטא?

א ס ט א: געוויס, ער בעהאלט שטענדיג אלעס אין זיך.

ר י ט א: איז מיין פרייד נאָך גרעסער, וואָס ער איז ווידער מיט מיר.

א ס ט א: יא, איך שטעל מיר פאָר.

ר י ט א: מיט גאנצע פיערצעהן טעג פריהער, ווי איך האָב ערוואַרט.

א ס ט א: און ער פיהלט זיך גוט? ניט שלעכט גע־שטימט?

ר י ט א: (פערמאַכט ראַשיג דעם קופער און שמייכעלט צו אסטאַ'ן) די שכינה האָט אויף איהם גערוהט ווען ער איז אין צי־מער אריין.

א ס ט א: און גאָר ניט מיעד געוועזן?

ר י ט א: נו, מיעד האָט ער אויסגעזעהן, און שטארק מיעד, אפילו. דער אָרימער יונג איז דאָך מייסטענס צו פוס געגאנגען.

א ס ט א: און דערצו האָט די לופט אויף די הויכע בערג געמוזט צו רויה זיין פאר איהם.

ר י ט א: ניין, — עס קען ניט זיין. איך האָב ניט געהערט ער זאָל א הוסט טהאָן.

א ס ט א: נו, זעהסט שוין! דאָך גוט געווען, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם איינגעשמועסט די רייזע צו מאכען.

ר י ט א: איצט, ווען מיר האָבען עס איבערגעקומען, ווען—. קענסט מיר אָבער גלויבען, אסטא, דאָס איז געווען פאר מיר א שרעקליכע צייט. איך האָב ניט געקענט דערפון ריידען. און דו ביסט אויך געווען אזא זעלטענער גאסט ביי מיר —

א ס ט א: דאָס איז געוויס ניט גוט געווען פון מיין זייט. אָבער —

ר י ט א: נו יא, נו יא, — דו האָסט דאָך דיין שוהלע געהאט אין שטאָדט (שמייכעלט) און אונזער אינזשעניר — ער איז דאָך אויך געווען אין וועג.

א ס ט א: אָה ריטא, ווי קענסט דו —

ר י ט א: שוין גוט, — דעם אינזשעניר לאָזען מיר צו רוה. האָסט ניט קיין בעגריף ווי שטארק איך האָב נאָך אלפרעד'ן געבענקט! די פוסטקייט! די איינזאמקייט! פו — א בר־מינן האָט זיך געפיהלט אין הויז —!

א ס ט א: מיין גאָט, דאָך נור זעקס — זיעבען וואָכען —

ר י ט א: יא, דארפסט אָבער ניט פערגעסען, אז אלפרעד האָט זיך קיינמאָל ניט צושיידט מיט מיר, אויף א מעת לעת, אפילו ניט. קיין איין מאָל פאר די גאנצע צעהן יאָהר —

א ס ט א: טאקי דערפאר מיין איך, איז שוין דאָס יאָהר געווען די העכסטע צייט, ער זאָל א קליינע רייזע מאכען. יעדען זומער האָט ער געדארפט אין די בערג געהן. זאָל ער עס נור טהאָן!

ר י ט א: (מיט א לייכטען שמייכעל) אָה, יא, דיר איז גרינג

צו ריידען. איך זאָל זיין אזוי — אזוי פערשטענדיג ווי דו, וואָלט איך איהם שוין פריהער אָבגעלאָזט — ס'קען זיין. אָבער איך האָב עס ניט געקענט ביי זיך פועל'ן, אסטא! עפּעס האָט זיך מיר געדאכט, איך וועל איהם שוין מעהר ניט זעהן. קענסטו דען דאָס ניט בעגרייפען?

א ס ט א: ניין. אפשר ווייל איך האָב ניט וועמען צו פערלירען.

ר י ט א: (לאַכט אונטער) טאקי גאָר קיינעם ניט —?

א ס ט א: קיינעם, וויפיעל איך וויים. (הויבט אויף) זאָג מיר נור, ריטא, — וואו איז ער, אלפרעד? ער שלאָפט פיעלייכט?

ר י ט א: אָה ניין, ער איז היינט אויפגעשטאנען פריה, ווי זיין שטייגער איז.

א ס ט א: איז ער, זעהט אוים, ניט שטארק מיעד געוועזן.

ר י ט א: געוועזן מיעד, היינט ביינאכט, ווען ער איז געקומען. איצט אָבער זיצט ער שוין מעהר ווי א שעה מיט עאָלפ'ען ביי זיך אין צימער.

א ס ט א: אָרימער, קליינער, בלאַסער אינגעל! שוין וויעדער דאָס אייביגע לערנען!

ר י ט א: (קוועטשט מיט די פּלייצעס) עס איז אלפרעד'ס פערלאנג, ווייסט דאָך.

א ס ט א: יאָ, אָבער מיר דוכט, דו האָסט געדארפט ניט דערלאָזען עס.

ר י ט א: (אַביסעל אונגעדולדיג) ניין, וואָס רעדסט דו, — דאָ קען איך זיך דאָך ניט אריינמישען. אלפרעד פערשטעהט די זאַכען בעסער, ווי איך. — און וואָס זאָל אייגענטליך עאָלף טהאָן? ער קען דאָך ניט ארומלויפען און שטיפען — ווי אנדערע קינדער.

א ס ט א: (ענטשלאָסען) איך וועל וועגען דעם זיך דורכריידען מיט אלפרעד'ן.

ר י ט א: טהו דאָס, ליעבע אסטא. — אָה, זעה נור —

(דורך די לינקע טיר געהט אריין אַלפרעד אלמערס, אין זומעראנ-

צוג, מיט עאָלפ'ען ביי דער האַנד. ער איז א שלאַנקער מאן, א יאָהר זעקס־זיעבען און דרייסיג, פון פיינעם וואוקס, האָט זאנפטע אויגען, שיטערע ברוינע האָר און באָרד. א פערטראַכט, ערנסט געזיכט. — עאָלף טראָגט א מין מונדיר, מיט גאָלדענע שנירען און וואַפּענקנעפּ. ער הינקט, געהט מיט אַ קוליע אונטער'ן לינקען אָרעם. דער פוס איז געלעהמט. ער איז קליין, זעהט אויס קרענקליך, האָט אָבער שעהנע, קלוגע אויגען.)

א ל מ ע ר ס: (לאָזט אָב עאָלפ'ען, געהט צו פול פרייד צו אסטאַ'ן און גיט איהר ביידע הענד) אסטאַ! ליעבסטע אסטאַ! דו ביי אונז! ווי גוט, וואָס איך זעה דיך שוין!

אַ ס ט אַ: איך האָב געפיהלט איך מוז —. הארציג וועל־קאָמען!

א ל מ ע ר ס: (דריקט איהר שטארק די הענד) ווי שעהן, פון דיין זייט!

ר י ט א: זעהט ער ניט פראַכטפול אויס?

אַ ס ט אַ: (טהוט ניט אָב קיין אויג פון איהם) וואונדערבאר! גאנץ וואונדערבאר! די העלע מונטערע אויגען! האָסט אודאי זעהר פיעל געשריעבען אין וועג? (אַן אויפגערעגטע פון פרייד) אפשר גאָר דאָס גאנצע בוך פארטיג, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: (מאַכט מיט די פלייצעס) דאָס בוך —? אה, דאָס —

אַ ס ט אַ: יאַ, איך האָב געמיינט, עס וועט ביי דיר פון האנד געהן, ווי נור דו וועסט אוועקפאהרען.

א ל מ ע ר ס: איך האָב עס אויך געמיינט. אויסגעלאָזט האָט זיך — זעהסטו — גאָר אנדערש. האָב ווירקליך קיין איין שורה ניט אָנגעשריעבען.

אַ ס ט אַ: איין שורה ניט —!

ר י ט א: אהא! איך האָב טאקי גאָר ניט פערשטאנען, וואָס עפּעס ליעגט דאָס גאנצע פאפּיער אין קופער ניט געריהרט.

אַ ס ט אַ: אָבער וואָס האָסטו, אלפרעד, די גאנצע צייט גע־טהאָן?

אלמערס: (שמייכעלט) געוועז פערטהאָן אין מיינע געדאנקען, נור אין מיינע געדאנקען —

ריטא: (לעגט די האַנד אויף זיין אַקסעל) האָסטו אויך אַ ביסעל געטראַכט וועגען די וואָס זיינען אין דער היים געבליעבען?

אלמערס: אודאי, און אפילו זעהר פיעל געטראַכט. טאָג איין, טאָג אויס.

ריטא: (נעהמט צו איהר האנד) אָה, איז דאָך אַלעס אין בעסטער אָרדנונג.

אסטא: און צום בוך האָסטו זיך גאַר ניט צוגעזעהרט? און דאָך זעהסטו אויס פרעהליך, צופריעדען? דאָס איז ניט דיין שטייגער געוועזען. איך מיין, ווען די ארבייט איז ניט געגאַנגען.

אלמערס: דאָ האָסטו רעכט. הער זשע, איך בין געוועזען אַ נאַר פריהער. דאָס בעסטע אין מענשען איז זיין דענקען. וואָס אויפ'ן פאַפּיער, האָט אַ קנאַפּען ווערטה.

אסטא: (אויפגערעגט) אַ קנאַפּען —

ריטא: (לאכט) ביסט פון זינען, אַלפרעד?

עאָלף: (קוקט אויף אלמערס'ן פול פערטרויען) אָה, פּאַפּאַ, — וואָס דו שרייבסט, דאָס האָט אַ ווערטה.

אלמערס: (שמייכעלט, גלעטענדיג זיינע האָר) פערשטעהט זיך, אז דו זאָגסט, איז — אָבער גלויב מיר, נאָך מיר קומט ווער, און מאכט עס בעסער פון מיר.

עאָלף: ווער איז ער דאָס? אה, זאָג דאָך!

אלמערס: האָב געדולד. ער וועט שוין קומען און מעלדען זיך.

עאָלף: וואָס טהוסט דו דעמאָלט?

אלמערס: (ערנסט) איך לאָז מיך ווידער אין די בערג—

ריטא: פע! שעהמען מעגסטו זיך, אלפרעד!

אלמערס: — ארויף אין דער הויך, אויפ'ן וועג צו די בערג־שפּיצען און ווייטע אונענדליכע שטרעקען. —

עַ אָ לְ ף: אַ יאָ, פּאַפּאַ, איך וועל אינגיכען געזונד זיין און דו וועסט מיך קענען נעהמען מיט זיך?

אַ לְ מַ עַ רְ סְ: (מיט אַ וועהטאג) אָה יאַ — פּיעליײכט, מײן קלײנער יונג.

עַ אָ לְ ף: ווי פײן ס'וואָלט געווען, איך זאָל אויך קענען ארומקלעטערן אויף די בערג!

אַ סְ טְ אַ: (האַקט איבער דעם שמועס) ביסט דו היינט פער־פוצט, עאָלף!

עַ אָ לְ ף: אַ יאָ, טאַנטע?

אַ סְ טְ אַ: געוויס, דאָס האָסטו זיך לכבוד פּאַפּאַ אַזוי אויס־געפוצט?

עַ אָ לְ ף: איך האָב געבעטען דעם אָנצוג, ביי מאַמאַ. גע־וואָלט, פּאַפּאַ זאָל מיך זעהן אין איהם.

אַ לְ מַ עַ רְ סְ: (שטיל צו ריטאַ'ן) האָסט ניט געדאַרפט מאַ־כען איהם אַזאַ אָנצוג.

רְ יְ טְ אַ: (שטיל) ער האָט מיך אָבער געמוטשעט די גאַנ־צע צייט, אַזוי שטאַרק געבעטען, ניט געלאָזט רוהען.

עַ אָ לְ ף: יאַ, ווייסט פּאַפּאַ, — באָרגהיים האָט מיר אַ פּיי־לענבויגען געקויפט. האָט מיר אויך געוויעזען ווי צו שיעסען פון איהם.

אַ לְ מַ עַ רְ סְ: אַה, דאָס איז גוט פאַר דיר, עאָלף.

עַ אָ לְ ף: ווען ער וועט ביי אונז ווייעדער זיין, וועל איך איהם בעטען, ער זאָל מיך לערנען שווימען.

אַ לְ מַ עַ רְ סְ: שווימען! וואָס דאַרפסטו עס?

עַ אָ לְ ף: ווייסט פּאַפּאַ, — אונטען ביי'ם ברעג, די אינג־לעך — זיי קענען אַלע שווימען. נור איך קען ניט.

אַ לְ מַ עַ רְ סְ: (אומאַרמט איהם, געריהרט) וואָס נור דו ווילסט, זאָלסט דו לערנען! וואָס נור דיין האַרץ געלוסט!

עַ אָ לְ ף: יאַ, ווייסט פּאַפּאַ, וואָס עס ווילט זיך מעהר פון אַלץ?

אלמערס: נו, זאג!

עאלף: מעהר פון אלץ ווילט זיך מיר א זעלנער זיין!

אלמערס: ליעבער עאלף, עס זענען דאך פאראן פיעל, פיעל זאכען בעסערע.

עאלף: א זעלנער מוז איך דאך ווערען, ווען איך וועל זיין א גרויסער. דו ווייסט עס גאנץ גוט.

אלמערס: (פרעסט צוזאמען די הענד) יא, יא, יא, מיר וועלען זעהן —

אסטא: (זעצט זיך לינקס ביי'ם טיש) עאלף! קום נור אהער — איך וועל דיר עפּעס דערצעהלען.

עאלף: (געהט צו) וואס, טאנטע?

אסטא: שטעל זיך פאר, עאלף, איך האב די ראטענפרוי געזעהן.

עאלף: וואס? האסט די ראטענפרוי געזעהן? אך, דו שפּאסט נור.

אסטא: ניין, אן אמת. איך האב זי נעכטען געזעהן.

עאלף: וואו האסטו זי דען געזעהן?

אסטא: אויפ'ן וועג, ארום שטאדט.

אלמערס: איך האב זי אויך דארט ערגעץ וואו בעגעגענט, אין דער הויך.

ריטא: (זעצט זיך אויפ'ן סאפע) פיעלייכט וועלען מיר זי איצט אויך זעהן, עאלף?

עאלף: זאג, טאנטע, איז עס ניט וואונדערליך, וואס זי הייסט ראטענפרוי?

אסטא: מענשען האבען איהר געגעבען דעם נאמען, ווייל זי האלט אין איין ארומגעהן איבער'ן לאנד און פערטרייבען ראטען.

אלמערס: מיר דוכט, איהר אמת'ער נאמען איז ווארג.

עאלף: ווארג? דאס הייסט דאך א וואלף.

אלמערס: (גלעט איהם דעם קאפּ) אה, דאס ווייסטו אויך, עאלף?

עאלף: (פערטראכט) איז עס דאָך אמת, אז ביינאכט פער־וואנדעלט זי זיך אין א וואָלף, א פער׳כשופ׳טען. גלויבסט עס, פאפא?

אלמערס: אָה ניין, כ׳גלויב ניט. — איצט געה זיך שפיעלען אין גאָרטען.

עאָלף: זאָל איך פיעליכט א פּאָר ביכער מיטנעהמען?

אלמערס: ניין, — אוים ביכער, פון היינט אָן. געה בעסער צום ברעג אראָב, צו די אינגלעך.

עאָלף: (פערזאָרגט) ניין, פּאפּא, איך וויל ניט היינט אראָב צו די אינגלעך.

אלמערס: פאר וואָס?

עאָלף: ווייל איך האָב דעם אָנצוג אָנגעטהאָן.

אלמערס: (קנייטשט דעם שטערען) ווי, זיי לאכען גאָר פון — פון דיין שעהנעם אָנצוג?

עאָלף: (אויסמיידענדיג) ניין, דאָס וואגען זיי ניט. כ׳וואָלט זיי אויסגעפּאטשט.

אלמערס: נו, וואָס זשע —?

עאָלף: שלעכטע אינגלעך, דערצו זאָגען זיי, אז איך וועל קיינמאָל ניט זיין קיין זעלנער.

אלמערס: (מיט איינגעהאלטענעם ווערטאָג) פאר וואָס, מיינסטו, זאָגען זיי דאָס?

עאָלף: זיי פערגינען מיר ניט, ווייזט אוים. זיי זענען גאָר אָרים, געהען ארום באָרוויסע.

אלמערס: (שטיל, מיט א געדעמפּטער שטים) אָך, ריטא— ווי הארצרייסענד דאָס אלץ איז!

ריטא: (שטעהט אויף, פּראוווט איהם בערוהיגען) איך בעט דיך, אלפרעד —!

אלמערס: (דראָהענדיג) יונגאטשעס, זיי וועלען דערפיהלען ווער איז בעל־הבית אונטען ביי׳ם ברעג!

אסטא: (הערט זיך צו) עמיצער קלאפּט.

ע אָ ל ף : דאָס מוז באַרגהיים זיין.

ר י ט א : אריין!

(די ראַטענפרוי געהט אריין שטיל, אָהן געריוש דורך די טיר רעכטס, זי איז א קליינינטשקע, אלטע, גראָהע, איינגעקאָרטשעטע בעשע־פעניש, מיט שארפע, שטעכעדיגע אויגען; טראָגט אן אַלט־פרענקיש קלייד, אַ שווארצען מאנטעל און א שארפקאנטיגען שווארצען ברייטען הוט, האַלט א גרויסען רויטען רעגענשירם, אויף א שנירעל הענגט אראָב א שווארץ זעקעל פון האנד.

ע אָ ל ף : (צופט אַסטאַ'ן פאר'ן קלייד, שטיל) טאנטע, דאָס איז זי, געוויס!

ר א ט ע נ פ ר ו י : (פערנייגט זיך ביי'ם טיר) מיט אלערגנע־דיגסטער ערלויבניש — האָבען די הערשאפטען עפעס, וואָס בייסט און נאָגט, אין הויז?

אַ ל מ ע ר ס : ביי אונז אין הויז? ניין, דוכט זיך.

ר א ט ע נ פ ר ו י : אויב איהר האָט, וועל איך מיט'ן גרעס־טען פערגניגען דערפון בעפרייען די הערשאפטען.

ר י ט א : יא, יא. מיר פערשטעהן, אָבער מיר האָבען ניט פון דעם מין.

ר א ט ע נ פ ר ו י : ס'ארא אומגליק! גראד איצט בין איך אין די געגענדען, און ווער ווייס, ווען איך וועל דאָ ווידער זיין. אָה, ווי מיעד איך בין!

אַ ל מ ע ר ס : (ווייזט אָן אויף א שטוהל) יא, איהר זעהט טאַ־קי אויס זעהר פערמאטערט.

ר א ט ע נ פ ר ו י : אודאי האָט מען קיינמאָל ניט געדארפט מיעד ווערען וואוילטהוענדיג די קליינע, אָרימע בעשעפענישען, וואָס ווערען אזוי אונ'ברחמנות'דיג געהאסט און פערפאָלגט; עס מאכט איינעם דאָך שרעקליך מיעד —

ר י ט א : איהר וועט זיך אפשר צוזעצען א ווײלע אָברוהען?

ר א ט ע נ פ ר ו י : איך דאנק אייך טויזענד מאָל (זעצט זיך

אויפ'ן שטוהל צווישען טיר און סאָפע) איך בין די גאנצע צייט פער־נומען געווען —

א ל מ ע ר ס: טאקי?

ר א ט ע נ פ ר ו י: יא, דאָרט אויף די אינזלען (לאכט קוואַ־קענדיג) ניט צו גלויבען — די לייט האָבען מיך דאך צו זיך פער־בעטען. שווער געגוג איז עס זיי אנגעקומען. גאָרניט געהאָלפען — געמוזט א בים טהאָן אינ'ם זויערן עפּעל (קוקט אויף עאָלפ'ען, צוא־ווינקענדיג) יא, יונגער הערר, אינ'ם זויערן עפּעל.

ע אָ ל ף: (א ביסעל דערשראָקען, ניט־ווילענדיג) וואָס עפּעס האָבען זיי געמוזט?

ר א ט ע נ פ ר ו י: וואָס?

ע אָ ל ף: א בים טהאָן.

ר א ט ע נ פ ר ו י: האָבען געמוזט. אַלדי ראַטען, גרויסע און קליינע, האָבען זיי אָטעמען ניט געלאָזט, ווי דער יונגער הערר וועט לייכט פערשטעהן.

ר י ט א: בררר! אָרימע מענשען — האָבען זיי דען א פּור־לע פון דעם מין?

ר א ט ע נ פ ר ו י: געווימעלט מיט זיי (לאכט מיט א רוהיגער הנאה) געקראָכען א גאנצינקע נאכט אין די בעטען ארום, אין די מילך־צובערס געשליידערט זיך, אויף דער פּאָדלאָגע ארומגעהוזשעט הין און צוריק.

ע אָ ל ף: (שטיל צו אַסטאַ'ן) אהין געה איך ניט, טאַנטע, קיינמאָל.

ר א ט ע נ פ ר ו י: דאָ בין איךגעקומען, און מיט מיר נאך איינער. און מיר האָבען זיי אלע מיטגענומען, אלע ביז איינעם, ליעבע, קליינע בעשעפּענישען! מיר אין צוויי'ען זענען מיט אלע פארטיג געוואָרען.

ע אָ ל ף: (גיט א געשריי) פּאפּא — קוק, קוק!

ר י ט א: אום גאָטעס ווילען, עאָלף!

א ל מ ע ר ס: וואָס איז געשעהן?

ע אָ ל ף: (ווייזט אָן) עס צאַפּעלט זיך עפּעס אין זעקעל!

ר י ט א: (שרייט, צולויפענדיג האסטיג לינקס) אָה גאָט! טרייב זי ארויס, אַלפרעד!

ר א ט ע נ פ ר ו י: (לאַכט) אַך, טייערינקע מאַדאַם, איהר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען פאַר אזא בעשעפעניש'על.

א ל מ ע ר ס: וואָס איז דען דאָס?

ר א ט ע נ פ ר ו י: ס'איז דאָך בלויז מאַפּסעל (בינדט אויף דאָס זעקעל) קום נור ארויס פונ'ם פינסטערניש, מיין הארציגער, אַלערליעבסטער חבר!

(אַ הינטעל מיט אַ שווארצער, ברייטער מאָרדע שטעקט ארויס דעם קאָפּ פונ'ם זעקעל.)

ר א ט ע נ פ ר ו י: (ווינקט צו עאָלף'ען) קום צו נעהנטער, מיין קליינער, פערוואונדעטער קריעגסמאַן. ער בייסט ניט. קום אהער, קום!

ע אָ ל ף: (טוליעט זיך צו אַסטאַ'ן) איך האָב מורא.

ר א ט ע נ פ ר ו י: געפינט דען ניט דער יונגער הערר, אז ער האָט א זאנפט, ליעבליך געזיכט?

ע אָ ל ף: (ווייזט אָן ערשטוינט אויפ'ן הונד) אָט דער?

ר א ט ע נ פ ר ו י: יא, דער.

ע אָ ל ף: (רעדט קוים וואָס מען הערט, קוקט שטאַר אויפ'ן הונד) מיר דוכט, ער האָט דאָס שרעקליכסטע געזיכט וואָס איך האָב ווען ס'איז געזעהן.

ר א ט ע נ פ ר ו י: (פערבינדט דאָס זעקעל) אָה, ס'וועט שוין קומען — שוין קומען.

ע אָ ל ף: (דערנעהנטערט זיך ניט־ווילענדיג, קומט צו גאָר נאָ־הענט, גלעט פאָרזיכטיג דאָס זעקעל) וואונדער — וואונדערשעהן איז ער דאָך!

ר א ט ע נ פ ר ו י: (פאָרזיכטיג) נור איצט איז ער פערמאַ־טערט נעבעך, מיעד. אָרימער יונג, גוט מיעד. (קוקט אויף אלמערס'ן)

עס נעהמט די כחות ארוים — אזא מין שפיעל, דער הערר מעג מיר גלויבען.

אלמערס: וואס פאר א מין שפיעל, מיינט איהר?

ראטענפרוי: די שפיעל פון ארייננארען.

אלמערס: און דער, וואס נארט אריין די ראטען — דאס איז דער הונד?

ראטענפרוי: (ווינקט צו) יא, מאפסעל און איך. מיר ביידע צוזאמען, און עס געהט א גאנג, דוכט זיך אזוי וועניגסטענס. א שנירעל בינד איך איהם צו צום האלזבאנד, פיהר איהם דריימאל ארום הויז און שפיעל צו אויף א פייפעל. ווי נור זיי דערהערען דאס מוזען זיי פון די קעלערס ארויף, פון די בוידעמער אראב, פון אלע לעכער ארוים — אלדי ליעבע בעשעפעניש'לעך.

עאלף: און ער צובייסט זיי אויף טויט?

ראטענפרוי: גאט זאל אבהיטען! ניין! מיר געהען צום שיפעל ארונטער, מאפסעל און איך, און זיי געהען אונז שוין נאך, די אלטע און די יונגינקע.

עאלף: (אנגעשטרענגט) נו, וואס דאן —? דערצעהלט נור!

ראטענפרוי: דאן רוקען מיר זיך אב פון ברעג, איך ארבייט מיט די וויאסלעס און שפיעל אויפ'ן פייפעל. און מאפסעל שווימט נאך (מיט גליהענדיגע אויגען) און די אלע, וואס האבען גע־נאגט און געפלאגט, זיי שווימען אלע ווייטער אונז נאך, אין די אלע טיעפע וואסערן אריין. דאס מוזען זיי.

עאלף: פאר וואס עפעס מוזען זיי?

ראטענפרוי: גראד וויל זיי ווילען ניט. גראד וויל זיי שרעקען זיך אזוי מורא'דיג פאר'ן וואסער, — מוזען זיי אין וואס־סער אריין.

עאלף: דאן ווערען זיי דערטרונקען?

ראטענפרוי: אלע ביז איינעם (שטילער) און דאן איז זיי אזוי גוט, און שטיל, און שאטען־קיהל, אט גאר ווי געוואונשען —

די הארציגע קליינוואַרג. טיעף אונטען שלאָפען זיי אַ לאַנגען, זי־סען שלאָף. זיי, וואָס מענשען האַסען און פערפאָלגען (שטעהט אויף) יאָ, אין פריהערע צייטען האָב איך קיין מאָפּסעל ניט געדאַרפט האָ־בען. אַליין געטהאָן פערנאַרען און פערפיהרען. איינע אַליין.

עָ לְ ף: וואָס האָט איהר דאָן פערנאַרט, פערפיהרט?

ראַטענפרוי: מענשען, בעזונדערס איינעם.

עָ לְ ף: (אָנגעשטרענגט) אַך, זאָגט מיר, ווער איז דען דאָס געוועזן?

ראַטענפרוי: געוועזן איז דאָס מיין טייערער געליעב־טער, קליינער הארצפרעסער!

עָ לְ ף: וואו איז ער איצט?

ראַטענפרוי: (הארט) אונטען, ביי די ראַטען (וויי־דער זאָנפט) איצט ווייעדער צו מיין געשעפט. בין שטענדיג אין וועג. (צו ריטא'ן) דאַרפען מיך טאַקי די הערשאַפטען ניט האָבען היינט? אויב יאָ, מאַך איך עס איינס און צוויי.

ריטא: ניין, איך דאַנק אייך. ניט נויטיג.

ראַטענפרוי: יאָ, יאָ — ליעבסטע, גנעדיגע פרוי. — מ'קען קיינמאָל ניט וויסען —. וועלען די הערשאַפטען בעמערקען אַז עפּעס נאָגט דאָ, קריכט אַרום און מאַטערט, — בעפעהלט נור נאָך מיר און מאָפּסעל'ן — אַדיע, אַדיע.

(אָב דורכ'ן טיר רעכטס.)

עָ לְ ף: (שטיל, טריאומפירענדיג, צו אַסטאַ'ן) איצט, טאַנ־טע, האָב איך אויך די ראַטענפרוי געזעהן!

(ריטא געהט אויפ'ן ווערענדע אַרויס, פאָכט מיט'ן נאָזטיכעל, באַלד נאָכדעם געהט עָלף פאַרזיכטיג און ניט־בעמערקט אַרויס דורכ'ן טיר רעכטס.)

אַלמערס: (נעהמט דעם פּאָרטפעל פונ'ם טיש ל״ינקס סאָפע) געהערט דער פּאָרטפעל דיר, אַסטאַ?

אַסטאַ: יאָ, האָב דאָ אַלטע בריעף, אַ טייל.

אַלמערס: האַ, פאַמיליען בריעף —

אסטאַ: האָסט דאָך מיך געבעטען ברענגען זיי אין אָר־דנונג אין דיין אבוועזענהייט.

אלמערס: (גלעט איהר דעם קאָפּ) און דערצו האָסטו צייט געפונען.

אסטאַ: אה, יא, איך האָב דאָס געטהאָן; א טייל דאָ, א טייל אין שטאָדט.

אלמערס: א דאנק דיר, ליעבע — נו, האָסט עפּעס בע־זונדערעס אין זיי געפונען?

אסטאַ: (לאַכט) הא, — אין אזעלכע אלטע פּאפּיערען ווייסטו, געפינט מען אלעמאָל עפּעס (שטילער, ערנסט) פאַרהאַן דער מוטער'ס בריעף אינ'ם פּאָרטפעל.

אלמערס: דו לאָזט זיי ביי זיך, פערשטעהט זיך.

אסטאַ: (זיך גוברזייענדיג) ניין איך וויל, דו זאָלסט זיי אויך דורכקוקען, אלפרעד. ווען ניט איצט איז, — שפּעטער, אמאָל. — האָב ניט דעם שליסעל ביי זיך איצט.

אלמערס: עס מאַכט ניט אויס, ליעבע אסטא. איך לעז דאָך ניט דיין מוטער'ס בריעף.

אסטאַ: נו, וועל איך ווען־ניט־איז, — אין א גוטער, שטי־לער שעה, אָבענדצייט, דערצעהלען עפּעס פון דעם, וואָס שטעהט דאָרט.

אלמערס: דאָס איז דאָס בעסטע. דו אָבער בעהאַלט דיין מוטער'ס בריעף. האָסט דאָך ניט פיעלע אנדענקען פון איהר.

(ער דערלאַנגט איהר דעם פּאָרטפעל. זי נעהמט צו און לעגט עס אויפ'ן שטוהל אונטער'ן מאַנטעל. ריטאַ קומט ווידער אריין.)

ריטאַ: פוּ, עפּעס איז מיר, ווי די אונהיימליכע אלטיטשקע וואָלט א בית־עולם געדוך מיט זיך געבראַכט.

אלמערס: אונהיימליך א ביסעל איז זי, אלענפאַלס.

ריטאַ: מיר איז געווען זעהר שלעכט די צייט, וואָס זי איז דאָ אין הויז געווען.

אלמערס: איבריגענס פערשטעה איך גאַנץ גוט די צווינ־

גענדיגע, פערפיהרערישע קראפט, וואָס זי האָט דערמאָנט. די איינ־זאמקייט הויך אויף די שפיצען־בערג און אויף די ווייטע פלאכע שטרעקען האָט עפּעס פון דעמזעלבען צויבער אין זיך.

א ס ט א : (קוקט אויפמערקזאם אויף איהם) וואָס איז אייך־גענטליך מיט דיר געשעהן, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס : (שמייכעלט) מיט מיר?

א ס ט א : מיט דיר. עפּעס מוז עס זיין. ביסט כמעט אנ־אנדערער געוואָרען. ריטא האָט עס אויך בעמערקט.

ר י ט א : איך האָב עס בעמערקט גלייך ווי דו ביסט געקו־מען. ס'איז צום גוטען, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס : עס זאָל און וועט צום גוטען זיין.

ר י ט א : (אויפגעבּעגט) דו האָסט עפּעס איבערגעלעבט אויף דער רייזע! לייקען ניט! איך זעה אָן דיר!

א ל מ ע ר ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) לחלוטין גאָרניט — אויסערליך ווענינסטענס, אבער —

ר י ט א : (הערט זיך צו געשפּאַנט) אָבער — ?

א ל מ ע ר ס : אינערליך האָב איך אלענפאלס א קליינע פער־וואנדלונג איבערגעלעבט.

ר י ט א : אה, גאָט —

א ל מ ע ר ס : (בערוהיגט זי, גלעטענדיג איהר האנד) צום בע־סערן נור, ליעבע ריטא. קענסט זיך דערויף פערלאָזען.

ר י ט א : (זעצט זיך אויפ'ן סאָפע) דאָס מוזטו אונז גלייך דערצעהלען, אלץ — אלץ!

א ל מ ע ר ס : (ווענדט זיך צו אסטא'ן) נו גוט, — וועלען מיר זיךביידע אוועקזעצען, און איך וועל פּרואוון דערצעהלען. אזוי גוט ווי איך קען.

(זעצט זיך אויפ'ן סאָפע נעבען ריט'ן. אַסטאַ רוקט צו א שטוהל, זעצט זיך גאָר נאָהנט צו איהר. א קורצע פּאַוזע.)

ר י ט א : (קוקט אויף איהם פול ערוואַרטונג) נו?

א ל מ ע ר ס : (קוקט פאר זיך) טהו איך צוריק א קוק אויף

מיין לעבען — אויף מיין שיקזאל — פאר די לעצטע צעהן, עלף יאָהר, — קומט עס מיר פאָר עפּעס ווי א צוּיבער־געשיכטע אָדער א חלום. דיר נישט, אסטא?

אסטא: אין אייניגע פּרטים, געוויס.

אלמערס: (זעצט פאָרט) דערמאָן איך מיך, וואָס מירביידע זענען פריהער געווען, אסטא, מיר צוויי אָרימע יתומים —

ריטא: (אונגעדולדיג) אך, דאָס איז דאָך אזא אלטע געשיכטע.

אלמערס: (שענקט איהר קיין אויפמערקזאמקייט ניט) און דאָ לעב איך איצט אין וואוילטאג און פּראכט. האָב געהאט די מעגליכקייט פאָלגען מיין בערוף, ארבייטען אגן שטודירען, — וואָס דאָס הארץ געלוסט. (שטרעקט אויס די הענד) און דאָס גאנצע, גרויסע, אונערגרינדליכע גליק — דאָס פערדאנקען מיר דיר, מיין טייערע ריטא.

ריטא: (גיט א קלאַפּ איבער זיין האַנד, האַלב שפּאסיג, האַלב אונצופריעדען) ווענסטו אויפהערען רעדען אזעלכע נארישקייטען?

אלמערס: דאָס איז א מין הקדמה.

ריטא: היפּ־זשע איבער די הקדמה!

אלמערס: ריטא, — מיין נור ניט, אז דאָס האָט מיך דעם דאָקטאָר'ס עצה געטריעבען אין די בערג.

אסטא: ניט דאָס, אלפרעד?

ריטא: וואָס־זשע האָט דיך אהין געטריעבען?

אלמערס: איך האָב געזעהן, אז קיין רוה קען איך מעהר ניט האָבען, דאָרט ביי מיין ארבייטסטיש.

ריטא: קיין רוה מעהר! אָבער בעסטער אלפרעד, ווער האָט דיר דען געשטערט?

אלמערס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) פון די ארומיגע — קיינער ניט. געדוכט האָט זיך מיר אז איך מאך א תל פון מיינע בעסטע קרעפטען, פערנאכלעסיג זיי, פערליר מיין צייט אומזיסט.

אסטא: (מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען) ארבייטענדיג אויף דיין ווערק?

אלמערס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דען איך בין דאָך ניט נור דערצו געשאפען. איך מוז דאָך קענען עפּעס אנדערש אויך אויפטהאָן.

ריטא: און דאָס האָט שטענדיג געמוטשעט דיין געדאנק?

אלמערס: דאָס מייסטענס.

ריטא: דערפאר ביסט דו עס געווען אונצופריעדען מיט זיך די לעצטע צייט, און מיט אונז אויך? דען דו ביסט גע־

אלמערס: דאָ בין איך געזעסען אָנגעבויגען איבער'ן טיש און געשריעבען טאָג איין, טאָג אויס, צייטענווייז אויך האלבע וועגן אונצופריעדען, אלפרעד.

נעכט. געהאלטען אין איין שרייבען דאָס גרויסע בוך וועגען דעם מענשענ'ס פעראנטוואָרטליכקייט. הם!

אסטא: (לעגט די האַנד אויף זיין אָרעם) דאָס בוך האָט דאָך דיין לעבענס אויפגאבע געזאָלט זיין.

ריטא: יא, דו פלעגסט עס זאָגען גאנץ אָפט.

אלמערס: אזוי האָב איך געדענקט נאָך אין דער פריהער יוגענד (מיט אַ ליעבליכען בליק) און דאָס האָסטו עס, ליעבע ריטא, געגעבען מיר די מעגליכקייט צו נעהמען זיך פאר דער אר־ בייט —

ריטא: אך, נארישקייטען!

אלמערס: (שמייכעלט צו איהר) — דו מיט דיינע גאָל־ דענע בערג און גרינע וועלדער —

ריטא: (האַלב לאַכענדיג, האלב פערדראסיג) הייבסטו וויע־ דער אָן דיינע נארישע מעשיות, וועסטו אַ גאָב קריעגען.

אסטא: (קוקט אויף איהם בעטריעבט) און דאָס ווערק, אלפרעד?

אלמערס: עס האָט זיך ווי דערוויטערט פון מיר. און

אלץ שטארקער איז געוואָרען אין מיר דער געדאנק וועגען די העכע־רע פליכטען, וואָס האָבען געמאָנט און געמאָנט.

ר י ט א: (כאַפּט אָן זיין האנד, שטראַהלענדיג פאר פרייד) אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: דער געדאנק וועגען עאָלפ׳ען, ליעבע ריטא.

ר י ט א: (לאָזט אָב זיין האַנד ענטטוישט) אך, וועגען עאָלפ׳ען.

א ל מ ע ר ס: אלץ א שטארקערע און שטארקערע שליטה האָט דער קליינער עאָלף געקראָגען איבער מיין נשמה, זייט דעם אונגליקליכען פאלען פון טיש —. און בעזאָנדערס זינט מיר האָבען זיך איבערצייגט, אז דער פעהלער איז אונהיילבאר.

ר י ט א: (אנגעשפּארט) דו זאָרגסט דאָך וועגען איהם, וויפיעל דו קענסט, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: ווי א שוהללעהרער, יא. אָבער ניט ווי א פאָטער. און פון היינט אָן וועל איך עאָלפ׳ען זיין אן אמת׳ער פאָטער

ר י ט א: (קוקט אויף איהם, שאָקעלנדיג מיט׳ן קאָפּ) איך פער־שטעה דיך מסתמא ניט גוט —

א ל מ ע ר ס: איך וויל זאָגען, אז איך וועל מיט אלע כחות פּרואווען לייכטער מאכען די לאסט פונ׳ם אונפערמיידליכען.

ר י ט א: איך מיין אז ער פיהלט עס גאָר ניט אזוי טיעף, גאָט צו דאנקען.

א ס ט א: (אויפגערעגט) ניין, ריטא, ער פיהלט עס.

א ל מ ע ר ס: יא, זיי זיכער, ער פיהלט עס טיעף.

ר י ט א: (אונגעדולדיג) אָבער, ליעבער אלפרעד, — וואָס־זשע נאָך קענסטו טהאָן פאר איהם?

א ל מ ע ר ס: איך וויל פּרואווען מיט ליכט בעשיינען אלדי רייכע מעגליכקייטען, וואָס דרעמלען אין זיין קינדערשער נשמה. אלדאָס עדלע, וואָס איז פערבאָרגען אין איהם, וועל איך מאכען צום בליהען, — און עס וועט פאנאנדערבליהען און פּרוכטען ברענגען (שטעהט אויף אלץ מעהר צוהיצט) און נאָך מעהר וועל איך טהאָן. איך וועל איהם העלפען זיינע בעגעהרען אין אנקלאנג צו ברענגען

מיט דאָס וואָס איז דערגרייכבאַר פאַר איהם. דען דערצו איז ער נאָך ניט דערגאַנגען. זיין גאַנץ דענקען און טראַכטען איז געציעלט צו דעם וואָס וועט פאַר איהם אייביג זיין איבער די כחות. איך וויל אָבער אויפוועקען אין זיין נשמה דאָס געפיהל פון גליק.

(געהט הין און צוריק איבער'ן צימער, אַסטאַ און ריטא פאָלגען איהם נאָך מיט די אויגען.)

ר י ט א: האָסט געדאַרפט רוהיגער קוקען אויף די זאַכען, אַלפרעד.

א ל מ ע ר ס: (שטעלט זיך אָב ביי'ם טיש לינקס) עיאָלף מוז אויפנעהמען מיין לעבענסאויפגאַבע, אויב ער וועט וועלען. אָדער זאָל ער זיך אויסקלייבען עפּעס אנדערש, וואָס וועט זיין אינגאַנצען זיינס. דאָס וועט פּיעלייכט זיין בעסער פון אַלץ. — אַלענפאַלס, וועל איך זיך פאַר מיין ווערק מעהר ניט נעהמען.

ר י ט א: (שטעהט אויף) אָבער, ליעבער אַלפרעד, — קענסט דו דען ניט אין דערזעלבער צייט אַרבייטען פאַר עיאָלפ'ען און פאַר זיך?

א ל מ ע ר ס: ניין, איך קען ניט. עס איז אונמעגליך. איך קען זיך אויף צווייען ניט צערייסען, און דאַרום גיב איך נאָך. עיאָלף דאַרף זיין די קרוין פון אונזער משפחה, און מיין נייע אויפגאַבע וועט זיין, ער זאָל די קרוין פערדיענען.

ר י ט א: (שטעהט אויף און געהט צו צו איהם) עס האָט דיר געמוזט שרעקליך שווער אנקומען, אַלפרעד!

א ל מ ע ר ס: געוויס, דאָ אין הויז וואָלט איך קיינמאָל ניט געקענט זיך גובר זיין, קיינמאָל ניט געקומען צו דער מדרגה פון זעלבסט-ענטזאַגונג. קיינמאָל ניט דאָ אין הויז!

ר י ט א: ביסטו עס דעריבער אוועקגעפאָהרען דעם זומער?

א ל מ ע ר ס: (מיט שיינענדיגע אויגען) יאָ, איך בין אוועק הויך הויך, אין איינזאַמקייט אָהן סוף. איך האָב געזעהן, ווי די אויפגעהענדע זון האָט בעשטראַהלט די שפּיצען-בערג, געפיהלט זיך נעהנטער צו די שטערן—ווי בעהעפט זיך מיט זיי. מיר האָבען זיך

פערשטאנען און דאָ בין איך געווען שטארק געוואָרען פאר מיין אויפ־גאבע.

אַ ס ט אַ : (קוקט אויף איהם טרויעריג) אלזאָ וועסט דו שוין מעהר ניט ארבייטען אויף דיין ווערק וועגען „דעם מענשענ׳ס פער־אנטוואָרטליכקייט״?

אַ לְ מ ע ר ס : ניין, מעהר קיינמאָל ניט, אסטא. איך קען זיך ניט אבגעבען אין איין צייט מיט צוויי אויפגאבען. איך וועל דעם מענשענ׳ס פעראנטוואָרטליכקייט דערוויזען מיט מיין לעבען.

ר י ט א : (מיט אַ שמייכעל) גלויבסט דו טאקי, אז אזאַ גראנ־דיעזע אויפגאבע וועסט דו אויספיהרען דאָ אין הויז?

אַ לְ מ ע ר ס : (כאַפּט אָן איהר האנד) האנד ביי האנד מיט דיר קען איך עס. (שטרעקט אויס די אַנדערע האנד) און מיט דיר, אסטא.

ר י ט א : (צונעהמענדיג די האַנד) אה, — מיט אונז ביידען! ווי עס ווייזט אויס, קענסטו זיך דאָך טיילען מיט צווייען.

אַ לְ מ ע ר ס : האַ, ליעבסטע ריטא — ?

(ריטאַ געהט אַוועק פון איהם און שטעלט זיך ביי׳ם טיר צום גאר־טען. אין דער טיר רעכטס הערט זיך א לייכטער קלאפּען. אינזשעניר בארג־היים געהט שנעל אריין אין צימער. ער איז א יונגער מאן פון א יאָהר דרייסיג, האַלט זיך גלייך, איז מונטער און פרעהליך אויפ׳ן אויסזעהן.)

ב אָ ר ג ה י י ם : גוט מאָרגען, גנעדיגע פרוי, גוט מאָרגען! (דערזעהט אלמערס׳ן און בלייבט שטעהן פריידיג איבערראשט) וואָס איך זעה! שוין צוריק, הערר אלמערס!

אַ לְ מ ע ר ס : (דריקט איהם די האַנד) יא, איך בין יוריק געקומען היינט ביי נאכט.

ר י ט א : (פרעהליך) ער האָט אויף לענגער ניט געהאט קיין ערלויבניש, הערר באָרגהיים.

אַ לְ מ ע ר ס : אָבער דאָס איז דאָך ניט אמת, ריטא —

ר י ט א : (נעהנטער) ניין, ס׳איז אמת. זיין וואקאציע האָט זיך געענדיגט.

באַרגהיים: ווי איך זעה, האלט איהר אייער מאן אין צוים, פרוי אלמערס?

ריטא: איך בעשטעה אויף מיינע רעכטע, און ווייטער, מוז דאָך אלעס האָבען אַ סוף.

באַרגהיים: אָה, ניט אלעס, מיין איך. גוט מאָרגען פריילין אלמערס!

אסטאַ: (אויסמיידענדיג) גוט מאָרגען.

ריטא: (קוקט אויף באַרגהיים'ען) ניט אלעס, האָט איהר געזאָגט?

באַרגהיים: איך בין פעסט איבערצייגט, אז אלענפאלס איז אויף דער וועלט פאראן עפּעס, וואָס איז אָהן אַ סוף.

ריטא: איהר מוזט איצט אין זינען האָבען ליעבע — אָדער עפּעס עהנליכעס.

באַרגהיים: (הייס) איך האָב אין זינען אלץ וואָס שעהן.

ריטא: און וואָס איז אייביג אָהן אַ סוף. גוט, לאָמיר לע־בען מיט דעם געדאנק, לאָמיר אלע האָפען.

אלמערס: (געהט צו צו זיי) איהר וועט גיך ענדיגען בויען דעם וועג דאָ?

באַרגהיים: יא, איך האָב שוין געענדיגט. נעכטען איז געוועזען דער לעצטער טאָג. געדויערט לאנג גענוג. נור, גאָט צו דאנ־קען, דאָך פארטיג געוואָרען.

ריטא: און איהר פרעהט זיך דאָס אזוי?

באַרגהיים: יא, פערשטעהט זיך.

ריטא: נו, איך מוז זיך מודה זיין —

באַרגהיים: וואָס ווילט איהר זאָגען, פרוי אלמערס?

ריטא: אז עס איז ניט בעזונדערס ליעבליך פון אייך, הערר באַרגהיים.

באַרגהיים: אזוי גאָר? און פאר וואָס?

ר י ט א : ווייל דערנאָך וועט איהר ניט אָפּט זיין אין אונזע־רע מקומות.

ב אָ ר ג ה י י ם : איהר זייט גערעכט, איך האָב וועגען ז׳עם גאָר ניט געטראכט.

ר י ט א : נור דאָך וועט איהר פון צייט צו צייט אונז בע־זוכען.

ב אָ ר ג ה י י ם : צום בעדויערן, ניט. דאָס וועט מיר א לאנגע צייט זיין אונמעגליך.

א ל מ ע ר ס : פאר וואָס ?

ב אָ ר ג ה י י ם : איך האָב, זעהט איהר, זיך גענומען צו א נייער ארבייט, וועלכע מען מוז באלד אָנהייבען.

א ל מ ע ר ס : יא, ווירקליך ? ((דריקט איהם די האַנד) עס פרעהט מיך פון גאנצען הארצען.

ר י ט א : גראטוליר איך, גראטוליר, הערר באָרגהיים !

ב אָ ר ג ה י י ם : שש, שש — אייגענטליך האָב איך דער־פון ניט געדארפט אזוי אָפען רעדען. נור מיט אייך מוז איך זיך טיילען די נייעס. עס איז א שווערע שטיקעל ארבייט ; דאָרט אוי־בען אין צפון, עס וועט אויסקומען בערג דורכצושניידען און די גרעסטע שטערונגען צו בעזיעגען. (אויפגערעגט) אָ, דו גרויסע, שעה־נע וועלט — און דאָס גליק א וועג־בויער צו זיין !

ר י ט א : (קוקט אויף איהם שפּאַסיג, שמייכעלט צו) ניט שוין־זשע האָט אייך די ארבייט געמאכט אזוי גליקליך ?

ב אָ ר ג ה י י ם : אָה, ניין, ניט נור דאָס. איך טראכט אויף פון די גלענצענדע אויסזיכטען, וואָס עפענען זיך פאר מיר.

ר י ט א : (ווי פריהער) אהאַ, דאָ איז עפּעס בעהאלטען, עפּעס שעהנערס !

ב אָ ר ג ה י י ם : (קוקט בגנבה אויף אַסטאַ׳ן) ווער וויים ! קומט דאָס גליק, קומט עס ווי א פריהלינגס־שטראָם, (ווענדט זיך צו אַסטאַ׳ן) פריילין אלמערס, אפשר זאָלען מיר זיך דורכגעהן, ווי מיר טהוען עס געוועהנליך.

אסטא: (האַסטיג) ניין, איך דאנק. איצט ניט, היינט ניט.

באַרגהיים: נו, לאָמיר געהן, נור אַ ביסעל. מיר דוכט זיך איך האָב אייך זעהר פיעל צו זאָגען איידער איך פאָהר אוועק.

ריטא: אפשר איז עס דאָס, וואָס איהר וואגט ניט צו דערצעהלען אויפ'ן קול?

באַרגהיים: עס ווענדט זיך —

ריטא: איהר קענט עס זאָגען שעפּטשענדיג (מיט אַ האַל־בען קול) אסטא, געה־זשע מיט איהם.

אסטא: אָבער, ליעבע ריטא —

באַרגהיים: (בעטענדיג) פריילין אסטא, — פערגעסט ניט, אפשר איז עס דער לעצטער שפּאציר — פאר א לאנגע, לאנ־גע צייט.

אסטא: (נעהמט הוט און רעגענשירם) נו גוט — לאָמיר זיך דורכגעהן א ביסעל אין גאָרטען.

באַרגהיים: אָ, ווי איך בין אייך דאנקבאר!

אלמערס: און אגב גיט אכטונג אויף עאָלפ'ען.

באַרגהיים: אַך, עאָלף, איך האָב אָן איהם פערגעסען. וואו איז ער? איך האָב עפּעס פאר איהם.

אלמערס: שפּיעלט ערגעץ וואו אין גאָרטען.

באַרגהיים: אזוי גאָר, שפּיעלט איצט. פריהער פלעגט ער גאנצע טעג אין צימער איבער זיינע ביכער אָבזיצען.

אלמערס: דאָס איז שוין אריבער. ער זאָל מיר א פריי־לופט־בחור זיין!

באַרגהיים! דאָס איז גוט. ארוים מיט איהם, דעם אָרי־מען יונג אויף דער פרייער לופט! גאָט, וואָס קען מען קליגערעס טהאָן אויף דער שעהנער וועלט ווי שפּיעלען זיך. איז דען ניט דאָס גאנצע לעבען — א שפּיעל? קומט, פריילין אסטא.

(באַרגהיים און אסטא געהען דורך די ווערא‍נדע ארא‍ב אין גאָרטען.)

אלמערס: (נאָכקוקענדיג) ריטא, דו מיינסט, צווישען זיי שפּינט זיך עפּעס?

ר י ט א: איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען. פריהער האָב איך עס געמיינט, נור אסטא ווערט פאר מיר די לעצטע צייט אלץ מעהר רעטזעלהאפט.

א ל מ ע ר ס: יא, טאקי? און דאָס איז געשעהן, ווען איך בין ניט געווען?

ר י ט א: יא, אין די לעצטע צוויי וואָכען, גלויב איך.

א ל מ ע ר ס: דו מיינסט, זי ליעבט איהם שוין ניט מעהר?

ר י ט א: ניט ערנסט, ניט מיט'ן גאנצען הארצען; איך גלויב אז ניין. (קוקט אויף איהם פאָרשענדיג) וואָלט'ס דיר אונאנגענעהם געווען, ווען זי אינטערעסירט זיך מיט איהם?

א ל מ ע ר ס: אונאנגענעהם — ניט, נור דער געדאנק שרעקט מיך דאָך —

ר י ט א: שרעקט?

א ל מ ע ר ס: פערגעס ניט, איך בין פעראנטוואָרטליך פאר איהר, פאר איהר גליק.

ר י ט א: אך, וואָס פאר א פעראנטוואָרטליכקייט! אסטא איז דאָך א דערוואקסענע מיידעל, איך רעכען, זי ווייס שוין אליין אויסצוקלייבען.

א ל מ ע ר ס: לאָמיר אמוועניגסטען האָפען, ריטא.

ר י ט א: איך פון מיין זייט געפין, אז באָרגהיים איז גאָר ניט קיין שלעכטע פארטיי.

א ל מ ע ר ס: אָבער, קינד — איך אויך ניט. פערקעהרט. כאָטש —

ר י ט א: איך וואָלט זעהר צופריעדען געווען ווען עס זאָל זיין א שדוך.

א ל מ ע ר ס: (אונצופריעדען) יא, פאר וואָס אייגענטליך?

ר י ט א: (אלץ מעהר אויפגערעגט) ווייל דאַן וואָלט זי אוועק ווייט מיט איהם, און שוין ניט זיין אזוי אָפט ביי אונז, ווי איצט!

א ל מ ע ר ס: (קוקט שטאַר אויף איהר, מיט פערוואונדערונג) וואָס? ווילסט לויז ווערען פון אסטא'ן?

ר י ט א: אודאי, אלפרעד, אודאי!

אַ ל מ ע ר ם: נור פאר וואָס, אום גאָטעס ווילען, זאָג — ?

ר י ט א: (נעהמט ארום לײדענשאפטליך זײן האַלז מיט איהרע הענד) דאן וועסטו ענדליך געהערען מיר אלײן! (ברעכט אויס אין קאָנוואולסיווען געוויין) אה, אלפרעד, אלפרעד — איך קען זיך ניט אַבזאָגען פון דיר!

אַ ל מ ע ר ם: (בעפרייט זיך פון איהר, ווייך) אָבער, ליעבע ריטא, זיי דאָך פערשטענדיג!

ר י ט א: אך, וואָס ארט עס מיך, פערשטענדיג צי ניט! איך טראכט נור פון דיר! פון דיר אלײן אין דער גאנצער וועלט! (ווארפט זיך איהם אויפ'ן האַלז) פון דיר, פון דיר!

אַ ל מ ע ר ם: אַ לאָז אָב — וועסט מיך דערשטיקען!

ר י ט א: (אַבלאָזענדיג) אָה, ווען איך וואָלט געקענט! (קוקט אויף איהם מיט ברענענדיגע אויגען) אָה, ווען דו וואָלסט גע־וואוסט ווי איך האָב דיר געהאסט — !

אַ ל מ ע ר ם: געהאסט!

ר י ט א: ווען דו ביסט געזעסען ביי זיך אין צימער, פער־טיעפט אין דײן ארבייט, ביז שפעט, שפעט אין דער נאכט. (זיך קלאָגענדיג) אזוי לאנג, אזוי שפעט, אלפרעד — אָ, ווי איך האָב דײן ארבייט געהאסט!

אַ ל מ ע ר ם: אָבער עס איז דאָך שוין אריבער.

ר י ט א: (מיט אַ בייסענדען געלעכטער) איצט גיבסטו זיך אָב מיט עפעס, וואָס איז נאָך ערגער!

אַ ל מ ע ר ם: (אויפגעבראכט) נאָך ערגער! מיינסט דו עס איז אונזער קינד! דאָס ערגערע!

ר י ט א: (צינדט זיך אָן) יא, דאָס מיין איך. ער שטעהט צווישען אונז — איז ער ביי מיר דאָס ערגערע. און דאָס קינד — דאָס קינד איז נאָך דערצו אַ לעבעדיג בעשעפעניש (מיט אַ וואקסענ־דער לײדענשאפטליכקייט) איך וועל עס ניט דערלאָזען, אלפרעד! ב'וועל ניט דערלאָזען — זאָג איך דיר!

אַלמערס: (קוקט אויף איהר שטאר און זאָגט שטיל) אַפּטמאָל, ריטאַ, האָב איך כמעט מורא פאַר דיר.

ריטא: (פינסטער) איך האָב מורא פאַר זיך אַליין און טאַקי דערפאַר דאַרפסט דו ניט דערוועקען דאָס בעזע אין מיר.

אַלמערס: אָבער, אום גאָטעס ווילען, טהו איך דען עס?

ריטא: יאָ, דו טהוסט עס — ווען דו צערייסט דאָס הייליגסטע צווישען אונז.

אַלמערס: (איינרעדענדיג) בעדענק זיך, ריטא. עס איז דאָך דיין לייבליך קינד — אונזער איינציג קינד.

ריטא: דאָס קינד איז בלויז האַלב מיין (לײדענשאַפטליך אופ'ס נײ) דו אָבער דאַרפסט אינגאַנצען מיר געהערען! אינגאַנצען מיינער! מיט רעכט פאָדער איך עס פון דיר!

אַלמערס: (קוועטשט מיט די פּלײצעס) אַך, ליעבע ריטא. פאָדערן — העלפט ניט. אַלעס מוז פרייוויליג געגעבען ווערען.

ריטא: (קוקט אויף איהם געשפּאַנט) און איצט קענסטו עס שוין מעהר ניט?

אַלמערס: ניין, — איך קען ניט. צו דיר און אַלפ'ען געהער איך.

ריטא: און ווען עיאָלף וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געוועזען? וואָס דאַן?

אַלמערס: (אויסמײידענדיג) נו, דאַן וואָלט אנדערש געוועזען. דאַן וואָלסט דו ביי מיר געוועזען איינע.

ריטא: (שטיל, מיט אַ ציטעריגער שטימע) וואָלט איך קיינמאָל ניט געוואָלט איהם געבוירען.

אַלמערס: (אויפשפּרינגענדיג) דו ווייסט אַליין ניט וואָס דו רעדסט.

ריטא: (ציטערענדיג פון אויפרעגונג) איך האָב איהם געבוירען אין פּיין, ניט איבערצודערצעהלען, נור דיר צוליעב האָב איך אַלץ אריבערגעטראָגען מיט פרייד און ענטציקונג —

אַלמערס: יאָ, יאָ, איך וויים עס גוט.

ר י ט א: (ענטשלאָסען) איצט זאָל אלעס אנדערש ווערען. מיין לעבען וויל איך לעבען — צוזאמען מיט דיר — איינגאנצען מיט דיר. איך קען ניט אייביג בלויז עאָלפ׳ס מוטער זיין — א מוטער צו איהם און נור דאָס. איך ו ו י ל עס ניט, זאָג איך דיר! איך קען ניט! נור ד י י נ ע וויל איך זיין! נור דיינע!

א ל מ ע ר ס: אָבער דאָס ביסט דו דאָך שוין, ריטא. אונזער קינד צוליעב —

ר י ט א: אָך — פּוסטע רייד! מעהר גאָר ניט. ניין, דו ווייסט, ס׳איז ניט פאַר מיר. ווערען א מוטער, דאָס האָב איך גע־קענט, זיין א מוטער — דערצו טויג איך ניט. דאַרפסט מיך נעה־מען, ווי איך בין, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: און דאָך האָסטו פריהער אזוי הארציג ליעב געהאט עאָלפ׳ען.

ר י ט א: איך האָב אויף איהם רחמנות געהאט, דען פאַר דיר איז ער ווי ניט געווען. דו האָסט איהם געהאלטען אין איין צווינגען לייענען, חזר׳ן אויסווענינ. פלעגסט אפילו אויף איהם קיין קוק ניט טהאָן.

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט פאמעליך מיט׳ן קאָפּ) איך בין געווען בלינד. די צייט איז נאָך ניט געקומען —

ר י ט א: (קוקט אויף איהם) און איצט איז זי געקומען?

א ל מ ע ר ס: יא, ענדליך. איך זעה איצט איין, אז ס׳איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין העכערע אויפגאבע — זיין אן אמת׳ער פאָטער עאָלפ׳ען.

ר י ט א: און איך? וואָס וועסט דו פאַר מיר זיין?

א ל מ ע ר ט: (ווייך) איך וועל דיר שטענדיג טריי זיין — שטיל און הארציג טריי (וויל אָננעהמען איהר האנד).

ר י ט א: (מיידט איהם אויס) דיין שטילע הארציגקייט איז פאַר מיר גאָרניט. איך וויל, דו זאָלסט מיר געהערען אין גאנצען. און [illegible]ו מיר. ווי אין יענע וואונדערשעהנע טעג — (אויפגערעגט

און הארט) מעהר בענוגען איך זיך ניט מיט ברעקלעך — קיינמאָל ניט, אלפרעד!

א ל מ ע ר ס: (ווייך) מיר דוכט, עס איז דאָ גליק גענוג פאר אונז אין דרייען.

ר י ט א: (שטעכעדיג) ניין, דו בענוגענסט זיך דאָך אלעמאָל מיט ווענינ (זעצט זיך ביי'ם טיש לינקס) איצט הער אויס.

א ל מ ע ר ס: (נעהנטער) וואָס?

ר י ט א: (מיט אַ מאַטען גלאַנץ אין די אויגען) ווען איך האָב נעכטען געקראָגען דיין טעלעגראם —

א ל מ ע ר ס: נו, —

ר י ט א: האָב איך זיך אין ווייסען אָנגעטהאָן —

א ל מ ע ר ס: איך האָב בעמערקט דו ביסט געווען אָנגע־טהאָן אין ווייסען, ווען איך בין געקומען צופאָהרען.

ר י ט א: האָב פאנאנדער געלאָזט די האָר.

א ל מ ע ר ס: דיינע גרויסאַרטיגע, שמעקעדיגע האָר.

ר י ט א: — און זיי זיינען אראָבגעהאנגען איבער מיינע שולטערן —

א ל מ ע ר ס: איך האָב עס געזעהן, איך האָב עס געזעהן. אָה, ביסט דו רייצענד געווען!

ר י ט א: ראָזע אבאזשורען אויף ביידע לאָמפען, און מיר זיינען געווען אליין, איך מיט דיר. אליין, מעהר קיינער ניט אין גאַנצען הויז. און אויפ'ן טיש — שאמפאניער.

א ל מ ע ר ס: איך האָב ניט געטרונקען.

ר י ט א: (קוקט אויף איהם ערביטערט) יא, דאָס איז אמת. (מיט אַ שניידענדען געלעכטער) „געווען שאמפאניער און ער האָט ניט געטרונקען" — ווי עס דערצעהלט זיך אין אַ ליעד (שטעהט אויף, און עפּעס ווי מיעד געהט צו צו דער סאָפא, לאָזט זיך אויף איהר אראָב האלב־ליעגענדיג).

א ל מ ע ר ס: (געהט אום איבער'ן צימער, שטעלט זיך אָב נעע־בען איהר) איך בין אזוי געווען פערנומען מיט מיינע געדאנקען.

איך האָב זיך געקליבען, ריטא, רעדען מיט דיר פון אונזער קינפטי־גען לעבען, און, דער עיקר פון עאָלפ'ען.

ר י ט א : (שמייכלענדיג) און דו האסט עס געטהאָן, מיין ליעבער.

א ל מ ע ר ס : מיר איז ניט אויסגעקומען, דען דו האסט זיך גענומען אויסטהאָן.

ר י ט א : יאָ, אין יענער צייט האסט דו גערעדט פון עאָלפ'ען. דערמאָהן זיך דאָך! דו האסט געפרעגט, ווי איז דער מאָגען ביי'ם קליינעם עאָלף.

א ל מ ע ר ס : (קוקט אויף איהר מיט פאָרוואורף) ריטא — !

ר י ט א : דערנאָך ביסט דו אוועק צו זיך אין בעט און האסט פיין איינגעשלאָפען.

א ל מ ע ר ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ריטא, — ריטא!

ר י ט א : (לעגט זיך איינגאַנצען אויפ'ן סאָפא און קוקט אויף איהם) אלפרעד?

א ל מ ע ר ס : וואָס?

ר י ט א : „געווען שאמפאניער, און דו האסט ניט געטרונ־קען."

א ל מ ע ר ס : יא, איך האָב ניט געטרונקען.

(געהט אוועק פון איהר און שטעלט זיך ביי'ם טיר צום גאָרטען. ריטא ליעגט עטליכע מינוט אָהן בעוועגונג, מיט פערמאַכטע אויגען.)

ר י ט א : (שפרינגט פלוצלונג אויף) נור איינס וויל איך דיר זאָגען, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס : (קעהרט זיך אום) נו?

ר י ט א : זיי ניט ביי זיך אזוי זיכער.

א ל מ ע ר ס : ניט אזוי זיכער?

ר י ט א : זיי ניט אזוי זאָרגלאָז — ניט אזוי זיכער, אז איך בין דיינע!

א ל מ ע ר ס : (נעהנטער צו איהר) וואָס ווילסטו דערמיט זאָגען?

ר י ט א: (מיט ציטערדיגע ליפּען) איך בין דיר אפילו אין געדאנק ניט אונטריי געווען, אלפרעד! קיין רגע ניט.

א ל מ ע ר ס: אָבער, ריטא, איך ווייס עס דאָך. איך קען דאָך מיין ריטא.

ר י ט א: (מיט גליהענדע אויגען) ווערסטו אָבער זיך אָבקעהרען פון מיר —

א ל מ ע ר ס: איך פערשטעה ניט וואָס דאָס הייסט.

ר י ט א: אָ, דו ווייסט ניט וואָס אין מיר קען אויפוואַכען, ווען —

א ל מ ע ר ס: ווען —?

ר י ט א: ווען איך זאָל ווען׳ס איז בעמערקען אז איך בין דיר גאָרניט, אז דו ליעבסט מיך ניט, ווי פריהער.

א ל מ ע ר ס: אָבער, מיין ליעבע ריטא, מענשען ענדערן זיך דאָך מיט יאָהרען — אנ׳ענדערונג מוז דאָך קומען אויך אין אונזער צוזאמענלעבען, ביי אונז, ווי אומעטום.

ר י ט א: איך וועל זיך קיינמאָל ניט ענדערן! איך וויל ניט הערען פון קיין ענדערונג. איך וואָלט עס ניט איבערגעטראָגען, אלפרעד. איך וויל דו זאָלסט בלייבען פאר מיר אליין.

א ל מ ע ר ס: (קוקט אויף איהר בעטריעבט) דו ביסט שרעקליך אייפערזוכטיג.

ר י ט א: איך קען זיך ניט איבערמאכען (דראָהענדיג) אויב דו ווערסט זיך טיילען צווישען מיר און נאָך עמיצען —

א ל מ ע ר ס: וואָס דאן —?

ר י ט א: וועל איך נקמה נעהמען, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: און ווי קענסט דו פון מיר נקמה נעהמען?

ר י ט א: איך ווייס ניט — אָה יא, איך ווייס.

א ל מ ע ר ס: נו?

ר י ט א: איך וועל געהן און זיך אָבגעבען —

א ל מ ע ר ס: זיך אָבגעבען זאָגסטו?

ר י ט א: יא, איך וועל עס טהאָן, זיך וואַרפען אין די אָרעמס פונ'ם ערשטען, בעסטען —

א ל מ ע ר ס: (קוקט ליעבליך אויף איהר, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) וועסט עס קיינמאָל ניט טהאָן — מיין עהרליכע, שטאָלצע, טרייע ריטא.

ר י ט א: (נעהמט מיט די הענד ארום זיין האַלז) דו ווייסט ניט אויף וואָס איך בין פעהיג, ווען — ווען דו וואָלסט מיך ניט געוואָלט מעהר קענען.

א ל מ ע ר ס: ווען איך וואָלט ניט געוואָלט דיך מעהר קענען, ריטא? ווי קענסטו אזוי רעדען?

ר י ט א: (האַלב לאַכענדיג, לאָזט איהם אָב) איך וואָלט געקענט פערמאַניען אין מיינע נעצען — נו אָט דעם וועג-בויער, וואָס געהט אימער אריין צו אונז אין הויז.

א ל מ ע ר ס: (דערלייכטערט) גאָט צו דאנקען — דו שפּאַסט נור, איך זעה.

ר י ט א: עס פאַלט מיר גאָר ניט איין. פאַר וואָס ניט איהם, גלייך ווי יעדען אנדערן?

א ל מ ע ר ס: ווייל ער איז שוין כמעט פערבונדען.

ר י ט א: איז נאָך בעסער. נעהם איך איהם אוועק פון אן אנדערער. האָט דאָך עֿאָלף גראָד דאָסזעלבע מיר געטהאָן?

א ל מ ע ר ס: אונזער קליינער עֿאָלף?

ר י ט א: (מיט אַן אויסגעשטרעקטען צייגע-פינגער) זעהסט, זעהסט, ווי נור דו רעדסט ארום זיין נאָמען, עֿאָלף'ס נאָמען, ווערסט דו גלייך ווייך, דיין שטימע ציטערט (דראָהענדיג מיט די פויסטען) איך וואָלט כמעט געוואָלט — נור גענוג —

א ל מ ע ר ס: (קוקט מיט שרעק אויף איהר) וואָס וואָלסטו געוואָלט?

ר י ט א: (ליידענשאפטליך, אָבגעהענדיג) ניין, ניין, ניין — דאָס זאָג איך ניט! קיינמאָל!

א ל מ ע ר ם: (נעהנטער) ריטא! איך בעשווער דיך, דיר און מיר צוליעב. — גיב זיך ניט אונטער דעם בייזען נסיון.

(באַרגהיים און אַסטאַ קומען אריין פון גארטען. בײדע — אי־נערליך אויפגערעגט, נור זיי האָבען זיך בעהערשט. זעהען אויס ערנסט און אונצופריעדען. אַסטאַ בלייבט אויף דער וועראַנדע. באַרגהיים געהט אַריין אין צימער.)

ב אַ ר ג ה י י ם: נו, יא. מיר האָבען אונזער לעצטען שפּאַ־ציער געמאכט, פריילין אַסטאַ און איך.

ר י ט א: (קוקט פערוואונדערט אויף איהר) הא! און נאָכ'ן שפּאציער וועט ניט זיין קיין לענגערע רייזע?

ב אַ ר ג ה י י ם: יא, וואָס מיך אַנבעלאַנגט —

ר י ט א: אייך אליין?

ב אַ ר ג ה י י ם: יא, מיך אליין.

ר י ט א: (ווארפט צו אלמערס'ען אַ פינסטערען בליק) הערסט, אלפרעד? (ווענדט זיך צו באַרגהיים'ען) איך וועט זיך, אז אַ בייז אויג האָט דאָ מיט אייך אַ שלעכטען שפּאַס געשפּיעלט.

ב אַ ר ג ה י י ם: (קוקט זי אָן) אַ בייז אויג?

ר י ט א: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אַ בייז אויג, נו יא!

ב אַ ר ג ה י י ם: איהר גלויבט אין אַ בייז אויג, פרוי אלמערס?

ר י ט א: ניט לאַנג האָב איך אָנגעהויבען צו גלויבען, און בעזונדערס אין אַ שלעכטען קינדערבליק.

א ל מ ע ר ם: (שעפּטשעט איהר אין אויער אויפגעבראכט) ריטא, ווי קענסטו —!

ר י ט א: (מיט אַ האַלבען קול) מאכסט מיך שלעכט און בייז, אלפרעד.

(פון ברעג הערט זיך אַ גערויש פון געמישטע געשרייען און רו־פענדע קולות. באַרגהיים געהט צו צו דער גלעזערנער טיר.)

ב אַ ר ג ה י י ם: וואָס 'אַרא רויש —?

אסטא: (אין טיר) זעהט נור וויפיעל עולם עס האָט זיך צונויפגעקליבען דאָרט אונטען ביי'ם ברעג!

אלמערס: וואָס קען דאָס זיין (קוקט א רגע ארויס) דאָס מוזען די גאסעניונגען זיין מיט זייער ווילדען שטיעפען.

(עס הערט זיך אונקלאר ווי עטליכע שטימען ענטפערען, איבערשלאָגענדיג איינער די אַנדערע.)

ריטא: וואָס זאָגען זיי?

באָרגהיים: זיי זאָגען, א קינד איז דערטרונקען.

אלמערס: א קינד דערטרונקען?

אסטא: (אונרוהיג) א קליין אינגעל, זאָגען זיי.

אלמערס: אָ, די אלע קענען דאָך שווימען.

ריטא: (מיט אַן אַנגסטגעשריי) וואו איז עאָלף?

אלמערס: בערוהיג זיך, בערוהיג זיך, עאָלף שפּיעלט אין גארטען.

אסטא: ניין, אין גאָרטען איז ער ניט געוועןֿ.

ריטא: (מיט אויפגעהויבענע הענד) אָה, ווען ס'איז נור ניט ער!

באָרגהיים: (הערט זיך צו און שרייט אראָב) זאָגט דאָרט וועמעס קינד איז עס?

(עס הערען זיך אונקלאָרע שטימען. באָרגהיים און אַסטאַ לאָזען ארויס אַן איינגעהאַלטענעם געשריי און לויפען האַסטיג אין גאָרטען.)

אלמערס: (אין שרעקליכער אויפרעגונג) דאָס איז ניט עאָלף! דאָס איז ניט עאָלף, ריטא!

ריטא: (אויף דער וועראנדע, הערט זיך איין) שטילער! שווייג! איך וויל הערען, וואָס זיי זאָגען.

(ריטאַ לויפט צוריק אריין אין צימער מיט אַ הארצרייסענדען געשריי.)

אלמערס: (הינטער איהר) וואָס האָבען זיי געזאָגט?

ריטא: (פאלט אויפ'ן לעהנשטוהל לינקס) זיי האָבען געזאָגט: די קוליע שווימט!

א ל מ ע ר ם: (ווי געלעהמט) ניין! ניין! ניין!

ר י ט א: (הייזעריג) עאָלף! עאָלף! זיי מוזען איהם דאָך רעטען!

א ל מ ע ר ם: (האַלב משוגע) זיי מוזען! אזא טייער לע־בען! אזא טייער לעבען!

(לויפט אַראָב האַסטיג אין גאָרטען).

צווייטער אקט.

אַ קליינער שמאָלער טהאל אין וואלד בײ׳ם ברעג. הויכע, אלטע בוימער פערשפּרייטען זייערע צווייגען ווייט איבער׳ן פּלאַץ. אין דעם הינטערגרונד, באַרג אראָב, פליסט אַ טײכעל, וואָס פערליערט זיך צווישען די שטײנער בײ׳ם ברעג וואַלד. אַ סטעזשקע ציהט זיך אין דער לענג פון׳ם טײכעל. רעכטס א פּאָר בוימער, צווישען זײ זעהט זיך דער פּיאַרד. פּאַרינט — אַ ווינקעל פון א פּלאַץ פאר שפּילער און אויפ׳ן ברעג — איין אנגעבונדענעם שיפעל.

אונטער אלטע בוימער לינקס — א טיש, אַ באַנק און אַ פּאָר שטוה־לען — צוזאַמענגעקלאַפּט פון דינע בעראָזעווע־ברעטער. א גראָהער, רעגענדיגער טאָג. וואָלקען ציהען זיך איבער׳ן הימעל.

אלפרעד אלמערס איז אָנגעטהאָן ווי פריהער; זיצט אויפ׳ן באַנק מיט די עלענבויגען אויפ׳ן טיש. זיין הוט ליעגט נעבען איהם. אונ־בעוועגליך און פערטראַכט קוקט ער אויפ׳ן פּיאַרד.

אין א ווײלע ארום לאָזט זיך אַסטאַ אראָב אויפ׳ן סטעזשקע, מיט אַן אָפענעם שירם אין האַנד.

א ס ט א: (געהט צו שטיל און פאַרזיכטיג צו אלמערס׳ען) האָסט ניט געדאַרפט אין אזא שלעכטען וועטער זיצען דאָ אונטען, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און שווייגט).

א ס ט א: (מאַכט צו דעם שירם) איך האָב א לאַנגע צייט דיך געזוכט.

א ל מ ע ר ס: (מעכאַניש) א דאנק דיר.

א ס ט א: (רוקט צו אַ שטוהל און זעצט זיך נעבען איהם) זיצסט שוין לאַנג דאָ? די גאַנצע צייט?

אלמערס: (ענטפערט ניט. אין א ווײַלע ארום זאָגט ער) ניין, איך קען עס ניט בענעהמען, עס שײַנט מיר גאַנץ אונמעגליך — דאָס אַלעס.

אסטא: ((לעגט איהר האַנד אויף זײַן אָרעם, מיט הארץ) אַרימער אַלפרעד!

אלמערס: (קוקט זי שטאַר אָן) איז עס טאקי אויפ׳ן וואָהר, אסטא? אפשר בין איך משוגע? אָדער איך חלום נור? אַ, ווען ס׳זאָל זײַן ניט מעהר ווי א חלום! מאָהל זיך נור, ווי שעהן דאָס ערוואַכען וואָלט געווען!

אסטא: אַ, ווען איך וואָלט דיך וואַכענדיג געקענט מאַכען!

אלמערס: (קוקט אויפ׳ן וואַסער) ווי אונרחמנות׳דיג זעהט היינט אוים דער פיאָרד, ווי שווער און פערשלאָפען זײַן אַנבליק — בלײַ־גרוי — מיט געלע פלעקען — און שפּיגעלט אָב די רעגענוואָלקען.

אסטא: (בעט זיך) אַ, אַלפרעד, הער שוין אויף אמאָל צו קוקען אויפ׳ן פיאָרד!

אלמערס: (הערט זיך ניט צו) אויף דער אויבערפלעכע — יא. אָבער אין דער טיעפעניש — דאָ געהט דער רעש׳יגער אונטערשטראָם —

אסטא: (אין אַנגסט) אַ, אום גאָטעס ווילען — ניט טראַכט פון דער טיעפעניש!

אלמערס: (קוקט איהר אָן זאַנפט) דו מײַנסט, ער ליעגט דאָ נאָהענט בײַ׳ם ברעג? אָ ניין, ליעבע אסטא. גלויב דאָס ניט. פערגעס ניט, ווי רעש׳יג דער שטראָם איז דאָ. גלײַך אין ים אַריין.

אסטא: (פערדעקט דאָס געזיכט מיט איהרע הענד, פאַלט צו צום טיש) אָה גאָט, אָה גאָט!

אלמערס: דו פערשטעהסט, דער קליינער עאָלף איז אַוועק אַזוי ווייט — איז איצט ווייט אַוועק פון אונז.

אסטא: (קוקט אויף איהם מיט א געבעט) א,אלפרעד, רעד ניט אזעלכע ווערטער!

אלמערס: קענסט אליין אויסרעכנען — ביסט דאך אזוי געשיקט — אין אכט און צוואנציג — ניין און צוואנציג שעה — ווארט נור —! ווארט נור — !

אסטא: (פערטראכט) ווי איז אויב עס זעהט נור אויס—?

אלמערס: (פרעסט צונויף די האנד פעסט אויפ'ן טיש) זאג נור, פערשטעהסטו דעם זין דערפון?

אסטא: (קוקט איהם אן) דעם זין — פון וואס?

אלמערס: דאס, וואס איז געשעהן מיר און ר-טא'ן.

אסטא: דעם זין?

אלמערס: (אונגעדולדיג) יא, איך זאג: דעם זין. דען עס מוז דאך א זין האבען. דאס לעבען, עקזיסטענץ, שיקזאל — דאס אלעס קען דאך ניט זיין אהן א זין.

אסטא: אה, ווער קען דעריבער זאגען עפעס זיכערעס, פאזיטיוועס, ליעבער אלפרעד?

אלמערס: (צו-לאכט זיך ביטער) יא, יא, ביסט גערעכט. ווער ווייס, אפשר געהט זיך אלעס אזוי זיך, געטריבען פון צופאל — ווי א צובראכענע שיף אהן א רודער? עס קען גרייליך זיין — ווענינגסטענס אזוי זעהט עס אויס.

אסטא: (פערטראכט) ווי איז אויב עס זעהט נור אויס—?

אלמערס: (היציג) הא? אפשר קענסט דו מיר אן ערקלערונג געבען. איך קען ניט. (זאנפטער) עס לעבט אן עלף; קומט די שעה, ווען ער דארף אנהויבען לעבען בעוואוסטזיניג, פול פון אונענדליכע מעגליכקייטען — רייכע מעגליכקייטען, אפשר. ער האט געזאלט אנפילען מיין לעבען מיט פרייד און שטאלץ. דארף זיך בעווייזען עפעס א משוגע'נע אלטיטשקע — עפעס א הינטעל אין זאק —

אסטא: מיר ווייסען דאך אייגענטליך גארניט, ווי דאס איז פארגעקומען.

אלמערס: אודאי, ווייסען מיר. די אינגלעך האבען איהר אויפ'ן שיפעל געזעהן, אויפ'ן פיארד. זיי האבען געזעהן עאלפ'ען שטעהענדיג איינער אליין אויפ'ן ראנד פון בריקעל. האבען געזעהן ווי ער האט געקוקט אויף איהר שטאר — און פלוצלונג האט איהם אנגעהויבען עפעס ווי שווינדלען אין קאפ. און דאן איז ער אראבגעפאלען — און איז פערשוואונדען.

אסטא: מעגליך, אבער דאך —

אלמערס: זי האט איהם פערשלעפט אין דער טיעפעניש אריין. זיי זיכער.

אסטא: אבער, ליעבער, וואס האט זי עס געדארפט?

אלמערס: דאס איז עס דאך! וואס האט זי עס געדארפט? פון קיין פערגעלטונג קען דא קיין רייד ניט זיין. עאלף האט ניט געזינדיגט, ער זאל דארפען פאר זיינע זינד אבקומען. עאלף האט קיינמאל איהר קיין שלעכטס ניט געטהאן, ניט גערייצט זיך מיט איהר, אויף איהר הונד קיין שטיינער קיינמאל ניט געווארפען, ער האט דאך ביז נעכטען זי און דעם הונד גאר אין די אויגען ניט אנגעזעהן. קיין פערגעלטונג הייסט עס. די גאנצע זאך, אסטא, איז דאך אהן א שום גרונד — גאר אהן א זין. — און דאך איז עס נייטיג געוועזן פאר דער וועלטארדנונג.

אסטא: האסט גערעדט דערפון מיט ריטא'ן?

אלמערס: (שאקלט מיט'ן קאפ) מיט דיר איז מיר עפעס לייכטער צו ריידען דערפון. (אטעמט שווער) ווי פון אלצדינג.

(אסטא נעהמט ארויס פון איהר טאש א נאדעל, פאדעם, און א פאפירענעם פעקיל. אלמערס קוקט פערטראכט).

אלמערס: וואס האסטו דא, אסטא?

אסטא: (נעהמט זיין חוט) א שטיקעל שווארצען קרעפ.

אלמערס: אך, צו וואס דארף מען דאס?

אסטא: ריטא האט מיך געבעטען, איך זאל עס אננעהען, ערלויבסטו?

אלמערס: ווי דו ווילסט. מיר איז אלץ איינס.

(זי נעהט צו דעם קרעפ צום הוט.)

א ל מ ע ר ס: (קוקט צו) וואו איז ריטא?

א ס ט א: זי געהט ארום א ביסעל אין גארטען, דוכט זיך. מיט איהר איז בארגהיים.

א ל מ ע ר ס: (אביסעל פערוואונדערט) הא? בארגהיים איז היינט אויך דא ביי אונז?

א ס ט א: יא, ער איז געקומען מיטאגצייט מיט'ן צוג.

א ל מ ע ר ס: דאס האב איך ניט ערווארט.

א ס ט א: (נעהט) ער האט דאך אזוי ליעב געהאט עאלפ'ען.

א ל מ ע ר ס: בארגהיים איז א טרייע נשמה, אסטא.

א ס ט א: (מיט רוהיגער ווארימקייט) יא, טריי, גאנץ געווים.

א ל מ ע ר ס: (קוקט זי אן) אייגענטליך האסטו איהם ליעב.

א ס ט א: יא, ליעב.

א ל מ ע ר ס: און קענסט זיך דאך ניט ענטשליסען — ?

א ס ט א: (שלאגט איהם איבער) אך, ליעבסטער אלפרעד, רעד ניט דערפון!

א ל מ ע ר ס: דאך, דאך — זאג מיר נור, פארוואס קענסטו ניט— ?

א ס ט א: אה ניין! איך בעט דיך, ניט פרעג! עס טהוט מיר אזוי וועה — נו, אט האבען מיר שוין דעם הוט פארטיג.

א ל מ ע ר ס: א דאנק.

א ס ט א: איצט דעם לינקען ארעם. —

א ל מ ע ר ס: אויף דעם אויך?

א ס ט א: יא, אזוי איז דער מנהג.

א ל מ ע ר ס: נו, — ווי דו ווילסט.

(זי רוקט זיך צו נעהנטער און הויבט אן נעהען.)

א ס ט א: ריהר ניט די האנד, א ניט וועל איך דיך איינ־

אלמערס: (האַלב שמייכלענדיג) גאַר ווי אין די אמאָלי־גע יאָהרען.

אסטא: ניט וואהר?

אלמערס: נאָך אלס קליין מיידעל פלעגסטו זיצען און פעררייכטען מיינע קליידער.

אסטא: ווי איך האָב געקענט.

אלמערס: דאָס ערשטע, וואָס דו האָסט פאַר מיר גע־נעהט — אַ שווארצע קרעפּ איז דאָס געווען.

אסטא: יא?

אלמערס: צו מיין סטודענטען היטעל. ווען מיין פאָ־טער איז געשטאָרבען.

אסטא: טאַקי, ווירקליך? — איך געדענק עס שוין גאָר־ניט.

אלמערס: אודאי, ביסט נאָך גאָר אַ קליינע דעמאָלט געווען.

אסטא: יא, אַ קליינע געווען.

אלמערס: אין צוויי יאָהר ארום, — ווען מיר האָבען דיין מוטער פערלוירען, — האָסטו מיר אויך אַ גרויסען קרעפּ־באַנד צום ארבעל אָנגענעהט.

אסטא: איך האָב געמיינט אז מען דאַרף אזוי.

אלמערס: (גלעט איהר די האַנד) יא, יא, מען האָט גע־דאַרפט אזוי, אסטא. מיר זיינען געבליבען אַליין אויף דער וועלט, מירביידע — . האָסט שוין געענדיגט?

אסטא: יא. (לעגט דאָס נעהגעצייג צוזאמען) דאָס איז דאָך אייגענטליך געווען אַ וואונדערשעהנע צייט פאַר אונז, אַל־פרעד. ווען מיר צוויי זיינען געבליבען אליין.

אלמערס: געווים. ווי שווער ס'איז אונז ניט אויסגע־קומען צו מאַטערן זיך.

אסטא: געמאַטערט האָסט דו זיך.

א ל מ ע ר ם: (לעבעדיגער) דו אויך — אויף דייז שטיי־גער, — (שמייכעלט) דו, מיין ליעבער, טרייער — עאָלף!

א ם ט א: אָ, דערמאָן מיר ניט די נארישקייטען מיט'ן נאָמען.

א ל מ ע ר ם: ווען דו ווערסט געבוירען א אינגעל, וואָלסטו דאָך עאָלף געהייסען.

א ם ט א: יא, ווען! — האָסט אָנגעהויבען צו געהן אין אוניווערסיטעט (לאכט ניטווילענדיג) דו זאָלסט אזוי קינדיש זיין!

א ל מ ע ר ם: בין א י ך קינדיש געווען?

א ם ט א: יא, — אלענפאלס דוכט מיר איצט אזוי. האָסט זיך דאָך געשעהמט, וואָס דו האָסט ניט קיין ברודער — נור א שוועסטער.

א ם ט א: ניין, דאָס האָסטו זיך געשעהמט.

א ם ט א: נו יא, איך אויך אביסעל, מעגליך. אויסערדעם האָט מיר עפּעס באנג געטהאָן פאר דיר —

א ל מ ע ר ם: יא, יא, האָסטו אויסגעזוכט מיינע אלטע אינגלישע קליידער —

א ם ט א: אמת, דיינע פיינע יום־טוב קליידער. געדענקסט די בלויע בלוזע און די הויזען ביז די קניה?

א ל מ ע ר ם: (לאָזט זיין בליק רוהען אויף איהר) ווי א לעבעדיגע שטעהסט דו פאר מיר אין דעם אנצוג.

א ם ט א: איך פלעג איהם דאָך אָנטהאָן, נור ווען מיר זיינען אליין געווען אין הויז.

א ל מ ע ר ם: ווי ערנסט מיר האָבען עס געטהאָן — צו־פריעדען מיט זיך, געדענקסטו! איך פלעג דיך שטענדיג רופען עאָלף.

א ם ט א: דאָס האָסטו, האָף איך, ריטא'ן ניט דערצעהלט?

א ל מ ע ר ם: דערצעהלט איהר, דוכט זיך, אמאָל.

א ם ט א: אָ, אלפרעד, ווי האָסטו עס געקענט טהאָן?

אלמערס: ווייסט דאָך, — מען דערצעהלט דער ווייב אלעס — אָדער כמעט אלעס.

אסטא: יא, מעגליך.

אלמערס: (ווי פון שלאָף, כאַפּט זיך פאר'ן שטערן און שפרינגט אויף) אָ—אָ! און איך קען דאָ זיצען און —

אסטא: (שטעהט אויף און קוקט איהם אָן פערזאָרגט) וואָס איז דיר?

אלמערס: ער איז עפּעס ווי ענטרונען פון מיר, גאָר אין גאנצען ענטרונען.

אסטא: עאָלף!

אלמערס: דאָ בין איך געזעסען, געלעבט אין דער וועלט פון זכרונות. און ער איז ניט געווען דערביי.

אסטא: אָך, אלפרעד, — הינטער אלעם דעם איז ער דאָך געשטאנען, דער קליינער עאָלף.

אלמערס: ניין, ניין, ער איז מיר ארויס פון זינען — פערשוואונדען פון מיין זכרון. ער איז מיר אויף אַ רגע אויפ'ן געדאנק ניט ארויף, זינט איך זיץ דאָ מיט דיר און רעד. איך האָב אינגאנצען פערגעסען אָן איהם.

אסטא: אָבער דו דארפסט דאָך קומען צו זיך פון די צרות.

אלמערס: ניין, ניין, ניין, — דאָס נישט! דאָס טאָר איך נישט. דערצו האָב איך ניט קיין רעכט — קיין הארץ ניט. (געהט אויפגערעגט רעכטס) אלע מיינע געדאנקען מוזען זיין מיט איהם דאָרט, וואו ער רוהט, אין דער טיעפעניש!

אסטא: (געהט איהם נאָך, פערהאַלט איהם) אלפרעד, געה ניט צום וואסער!

אלמערס: איך מוז געהן צו איהם! לאָז מיך אָב, אסטא! איך וויל זיך זעצען אין שיפעל.

אסטא: (מיט שרעק) געה ניט צום וואסער, זאָג איך!

אלמערס: (גיט נאָך) גוט, גוט, — איך געה ניט, לאָז מיך נור אָב.

אסטא: (פיהרט איהם צו צום טיש) מוזט די געדאנקען צו רוה לאָזען, אלפרעד, קום אהער און זעץ זיך.

אלמערס: (וויל זיך זעצען אויפ'ן באנק) נו יא, ווי דו ווילסט.

אסטא: ניין, זעץ זיך ניט דאָ.

אלמערס: אך, לאָז מיך —

אסטא: ניין, טהו עס ניט. וועסט ווייטער האלטען אין איין קוקען אהין — (צווינגט איהם זיך זעצען אויף א שטוהל, מיט'ן רוקען רעכטס) אזוי, — איצט גוט. (זעצט זיך אויף דער באַנק), איצט וועלען מיר ווידער אביסעל זיך דורכרעדען.

אלמערס: (אָטעמט שווער) ווי גוט, דאָס איך האָב אויף א מינוט פערגעסען מיין הארצוועהטאָג.

אסטא: דאָס מוזטו, אלפרעד.

אלמערס: איז'ס ניט שוואכקייט און טעמפּקייט פון מיר, וואָס איך קען פערגעסען?

אסטא: אָ ניין, עס איז דאָך אונמעגליך זיך אייביג ארומדרעהען ארום דעמזעלבען געדאנק.

אלמערס: מיר ווענינגסטענס איז עס אונמעגליך. פאר דיין קומען האָט מיך געפּייניגט א מורא'דיגער וועהטאָג, ניטאָ קיין ווערטער פאר דער פּיין —

אסטא: נו?

אלמערס: וועסטו גלויבען, אסטא? ה'ם —

אסטא: וואָס?

אלמערס: פּלוצלונג כאפּ איך זיך ביי'ם געדאנק, וואָס פאר א געריכטען וועלען מיר היינט צום מיטאָג האָבען.

אסטא: (בערוהיגענד) אבי נור עס בערוהיגט דיך, —

אלמערס: יא, שטעל זיך פאָר, — עס האָט מיך ווירק־ליך עפּעס ווי בערוהיגט (שטרעקט אויס די האַנד איבער'ן טיש) ווי

גוט, וואָס דו ביסט מיט מיר, אסטאַ. עס פרעהט מיך אזוי. פרעהט מיך — אין מיין טרויער.

אַ ס ט אַ : (קוקט איהם ערנסט אָן) מיסטענס דאַרפסט זיך פרעהען, וואָס דו האָסט ריטאַ'ן.

אַ ל מ ע ר ס : יאַ, געוויס. אָבער ריטאַ איז ניט קיין איי־גענע. אַ שוועסטער — דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש.

אַ ס ט אַ : (אָנגעשטרענגט) ביסט זיכער, אַלפרעד?

אַ ל מ ע ר ס : יאַ, אונזער פאַמיליע איז עפּעס גאָר אַן אנ־דערע. (האַלב אין שפּאַס) אונזערע נעמען האָבען זיך שטענדיג אָן מיט העלע בוכשטאַבען. געדענקסט, מיר האָבען אָפט דערפון גע־רעדט? און די קרובים, — זיי זיינען אַלע אָרימעלייט, איינער ווי דער אנדערער, און אַלע האָבען מיר דיעזעלבע אויגען.

אַ ס ט אַ : געפינסטו, אז איך אויך — ?

אַ ל מ ע ר ס : ניין, דו ביסט אינגאַנצען אין דיין מוטער געראָטען. ביסט גאָר ניט עהנליך צו אונז אַלע. אפילו צום פאָטער ניט. דאָך —

אַ ס ט אַ : דאָך — ?

אַ ל מ ע ר ס : איך מיין, אונזער צוזאַמענלעבען האָט אונז ביידען איבערגעגאָסען אין איין פורעם, מיך אין דיין, און דיך אין מיין געשטאַלט. גייסטיג, פערשטעהסט זיך.

אַ ס ט אַ : (בעוועגט, הארציג) זאָג דאָס ניט, אַלפרעד! מיין פורעם האָב איך פון דיר, דאָס איז ריכטיג. דו ניט. און דיר פערדאַנק איך אַלעס — אַלדאָס גוטע אין דער וועלט.

אַ ל מ ע ר ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דו האָסט מיר גאָרניט צו פערדאַנקען, אסטאַ. פערקעהרט —

אַ ס ט אַ : אַלעס האָב איך דיר צו פערדאַנקען! דאָס ווייסט דו גאַנץ גוט. קיין קרבן איז ניט געוועזען צו שווער פאַר דיר —

אַ ל מ ע ר ס : (שלאָגט זי איבער) אַ. נאַרישקייטען, קרבנות! הער אויף! — איך האָב דיך פּשוט ליעב געהאַט. אסטאַ, נאָך ווען דו ביסט געוועזען אַ קליין קינד. (נאָך אַ קורצער פּאוזע) דערצו האָט זיך

מיר שטענדיג געדוכט, אז איך דארף צו רעכט מאכען דאָס גרויסע אונרעכט, וואָס מען האָט דיר געטהאָן.

אסטא: (פערוואונדערט) אונרעכט? דו?

אלמערס: ניט גראד פון מיין זייט. אָבער —

אסטא: (אָנגעשטרענגט) אָבער —?

אלמערס: פונ'ם פאָטער'ס זייט.

אסטא: (כאפט זיך אויף פון דער באַנק) פון דעם פאָטער'ס זייט! (זעצט זיך ווידער) וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען, אלפרעד?

אלמערס: דער פאָטער איז קיינמאָל ניט געווען איבעריג גוט צו דיר.

אסטא: (היציג) זאָג דאָס ניט!

אלמערס: דאָך, איז עס אזוי. ער האָט דיך ניט געליעבט. ניט ווי ער האָט געדארפט ליעבען.

אסטא: (אויסמיידענדיג) אפשר ניט אזוי שטארק ווי דיך. דאָס איז דאָך גאנץ נאטירליך.

אלמערס: (רעדט ווייטער) און אויך מיט דיין מוטער איז ער אָפט געווען שטרענג. ווענינגסטענס אין די לעצטע יאָהרען.

אסטא: (שטיל) די מוטער איז דאָך געווען פיעל יינגער פון איהם. פערגעס ניט.

אלמערס: מיינסט, זיי זיינען ניט געווען קיין גלייכע פּאָר.

אסטא: אפשר ניט.

אלמערס: נו גוט, אָבער —. דער פאָטער איז דאָך אימער געווען אזא ווייכער, הארציג־גוטער מענש — פריינדליך צו יעדעם איינעם —

אסטא: (שטיל) די מוטער איז אויך ניט שטענדיג געווען דאָס, וואָס זי האָט געדארפט זיין.

אלמערס: דיין מוטער!

אסטא: פיעלייכט ניט שטענדיג!

אלמערס: קעגען דעם פאָטער, מיינסטו?

אסטא: יאָ.

אלמערס: איך האָב עס קיינמאָל ניט בעמערקט.

אסטא: (שטעהט אויף, איינהאלטענדיג טרעהרען) אָ, ליעבער אלפרעד, — לאָז זיי רוהען, — זיי, וואָס זיינען שוין ניט מעהר מיט אונז (געהט אוועק רעכטס).

אלמערס: (שטעהט אויף) יאָ, זאָלען זיי רוהען (ברעכט די הענד) אָבער זיי, וואָס זיינען שוין ניט מעהר מיט אונז, — זיי לאָזען אונז ניט רוהען, אסטא — ניט ביי טאָג, און אויך ביי נאכט ניט.

אסטא: (קוקט אויף איהםווארעם) די צייט היילט אלעס. ועסט זיך בערוהיגען, אלפרעד.

אלמערס: (קוקט זי אָן, אונבעהאָלפען) יאָ, רעכנסט אז יאָ? אָבער ווי קומט מען איבער די ערשטע שרעקליכע טעג —? (הייזעריג) דאָס ווייס איך ניט.

אסטא: (לעגט די הענד אויף זיינע פּלייצעס, בעט זיך) געה צו ריטאַ'ן, איך בעט דיך —

אלמערס: (בעפרייט זיך פון איהר, היציג) ניין, ניין, ניין — רעד ניט דערפון! איך קען ניט, פערשטעהסט. (רוהיגער) לאָז מיך בלייבען מיט דיר דאָ.

אסטא: יאָ, איך וועל דיך ניט פערלאָזען.

אלמערס: (כאַפּט אָן איהר האַנד און האַלט זי פעסט) איך דאנק דיר! (קוקט א ווייַלע אויפ'ן פיאָרד) וואו איז איצט מיין קליינער עאָלף? (שמייכעלט טרויריג צו) קענסט מיר עס זאָגען, דו, מיין גרויסער, קלוגער עאָלף? (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) קיין מענש אין דער וועלט וועט מיר דאָס ניט זאָגען. און איך ווייס ניט מעהר, ווי דאָס איינע שרעקליכע, אז ער איז אוועק פון מיר.

אסטא: (קוקט לינקס, נעהמט צו די האנד) דאָס זיינען זיי.

(ריטאַ און באָרגהיים לאָזען זיך אראָב אויפ'ן שטעג. זי געהט

פאַראויס, ער נאָך איהר. זי טראָגט א טונקעל קלייד, איבער'ן קאָפּ א שווארצען שלייער. האַלט א שירם אונטער'ן אָרעם.)

אלמערס: (געהט אַנקעגען ריטא'ן) ווי פיהלסטו זיך, ריטא?

ריטא: (געהט פארביי איהם) אך, פרעג ניט.

אלמערס: וואָס ביסטו אהער געקומען?

ריטא: נור זעהען, וואו דו ביסט. וואָס טהוסטו דו?

אלמערס: גאָרניט, אסטא איז געווען מיט מיר.

ריטא: און איידער זי איז געקומען? האָסט זיך ניט געוויעזען דעם גאַנצען פריהמאָרגען.

אלמערס: בין געזעסען דאָ און געקוקט אויפ'ן פיאָרד.

ריטא: או, — ווי קענסטו?

אלמערס: (אונרוהיג) איך וויל ליעבער זיין אליין.

ריטא: (געהט אונרוהיג אויף און אָב) און רוהיג זיצען! זיך ניט געריהרט פון אָרט!

אלמערס: ריהרען זיך — וואוהין? צו וואָס?

ריטא: איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. ווענינגער פון אַלעם — דאָ וואו דער פיאָרד איז פאר די אויגען.

אלמערס: אָט ווייל דער פיאָרד איז אזוי נאָהענט —

ריטא: (צו באָרגהיים'ען) אפשר זאָל ער מיט אונז איצט געהן?

באָרגהיים: (צו אלמערס'ען) איך רעכען, דאָס איז בעסער פאר אייך.

אלמערס: ניין, ניין, — לאָז מיך בלייבען, וואו איך בין.

ריטא: וועל איך בלייבען מיט דיר, אלפרעד.

אלמערס: מיינעטוועגען. — בלייב דו אויך, אסטא.

אסטא: (שטילערהייט צו באָרגהיים'ען) לאָמיר זיי לאָזען אליין!

באָרגהיים: (מיט אַ בליק, וואָס ווייזט, אז ער האָט

פערשטאַנען) פריילין אלמערס, וועלען מיר זיך פּיעלייכט אביסעל דורכגעהן — אויפ׳ן ברעג? צום אלערלעצטען מאָל!

א ס ט א: (נעהמט איהר שירם) קומט. מיר וועלען זיך אביסעל דורכגעהן.

(אַסטאַ און באַרגהיים געהען אוועק צום שאַפּע צו. אלמערס מאכט אַ פּאָר שריט, זעצט זיך אויף אַ שטיין אונטער די בוימער אין פאָרדערגרונד לינקס.)

ר י ט א: (דערנעהנטערט זיך. בלייבט שטעהן פאר איהם, אראָבלאָזענדיג די צוזאַמענגעלעגטע הענד). קענסט זיך געוואוינען צו׳ם געדאנק, אז מיר האָבען עָלפ׳ען פערלוירען?

א ל מ ע ר ס: (קוקט טרויעריג פאר זיך) מיר מוזען זיך צו־דעם געדאנק צוגעוואוינען.

ר י ט א: איך קען ניט, איך קען ניט. און דערצו די שרעקליכע געשטאלט, וואָס וועט דאָס גאנצע לעבען לאנג שטעהן פאר מיינע אויגען.

א ל מ ע ר ס: (טהוט אַ קוק אויף איהר) וואָס פאר אַ געשטאלט? וואָס האָסטו געזעהן?

ר י ט א: איך האָב ניט געזעהן מיט מיינע אויגען. איך האָב נור געהערט דערצעהלען. אַ —!

א ל מ ע ר ס: זאָג שוין.

ר י ט א: מיט באַרגהיים׳ען זיינען מיר צוגעגאנגען צו׳ם ברעג.

א ל מ ע ר ס: וואָס עפּעס?

ר י ט א: אויספרעגען די אינגלעך, ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

א ל מ ע ר ס: דאָס ווייסען מיר דאָך שוין.

ר י ט א: האָבען נאָך עפּעס דערוואוסט זיך.

א ל מ ע ר ס: נו?

ר י ט א: **עס** איז ניט אמת, אז ער איז פערשוואונדען מיט אמאָל.

א ל מ ע ר ס: דאָס זאָגען זיי איצט?

ר י ט א: יא. זיי זאָגען, זיי האָבען איהם געזעהן ליעגען אויפ'ן גרונד. טיעף אונטען אינ'ם קלאָרען וואסער.

א ל מ ע ר ס: (קריצט די ציין) און זיי האָבען איהם ניט גערעטעט?

ר י ט א: ניט געקענט, געוויס.

א ל מ ע ר ס: זיי קענען שווימען, — זיי אלע. האָבען זיי דיר דערצעהלט, ווי ער איז געלעגען?

ר י ט א: יא, זיי זאָגען, ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען, מיט גרויסע, אָפענע אויגען.

א ל מ ע ר ס: מיט אָפענע אויגען, אָבער גאנץ שטיל?

ר י ט א: יא, גאנץ שטיל. פלוצלונג האָט איהם עפּעס א כאפּ געטהאָן און אוועקגעטראָגען. א אונטערשטראָם זאָגען זיי.

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט פּאמעליך דעם קאָפּ) דאָס האָבען זיי צולעצט געזעהן!

ר י ט א: (טרעהרען שטיקען איהר) יא.

א ל מ ע ר ס: (מיט אַ קרעפטיגער שטימע) און קיין—קיין מענשליך אויג וועט איהם שוין מעהר ניט זעהן.

ר י ט א: (יאמערנדיג) טאָג און נאכט וועל איך איהם זעהן, ווי ער איז דאָרט אונטען געלעגען.

א ל מ ע ר ס: מיט די גרויסע, אָפענע אויגען.

ר י ט א: (שוידערענדיג) מיט די גרויסע, אָפענע אויגען, איך זעה זיי! אימער שטעהן זיי פאר מיר!

א ל מ ע ר ס: (שטעהט לאנגזאם אויף און קוקט זי שטיל דראָהענדיג אָן) זיינען דאָס געווען — בייזע אויגען, ריטא?

ר י ט א: (ווערט בלייך) בייזע—?

א ל מ ע ר ס: (נעהנטער) האָט דאָס א בייזער בליק זיך געצויגען שטאר אין דער הויך? פון דער טיעפעניש ארויס?

ר י ט א: (טרעט אָב) אלפרעד!

א ל מ ע ר ס: (געהט איהר נאך) ענטפער מיר! איז דאס געווען דער בייזער בליק פון קינד?

ר י ט א: (שרייט) אלפרעד! אלפרעד!

א ל מ ע ר ס: דיין בעגעהר איז מקוים געווארען.

ר י ט א: וואס האב איך דען בעגעהרט?

א ל מ ע ר ס: אז ער זאל ניט זיין.

ר י ט א: קיינמאל אין מיין לעבען האב איך עס ניט בעגעהרט! מיין ווּאונש איז נור געווען, ער זאל ניט שטעהן צווישען אונז.

א ל מ ע ר ס: נו יא, איצט שטעהט ער שוין ניט מעהר.

ר י ט א: (שטיל, שטארענדיג פאר זיך) אפשר מעהר, ווי ווען עס איז. (ציטערט אויף פלוצלונג) א, די שרעקליכע געשטאלט!

א ל מ ע ר ס: (שאקעלט מיט'ן קאפ) דער בייזער בליק פון קינד, יא.

ר י ט א: (ווייכט פון איהם, אין שרעק) לאז מיך אב, אלפרעד. איך שרעק זיך פאר דיר! זעהסט אוים אזוי מאדנע, ווי קיינמאל!

א ל מ ע ר ס: (קוקט אויף איהר הארט און קאלט) דער וועהטאג מאכט אונז שלעכט און העסליך.

ר י ט א: (דערשראקען אבער מיט טראץ) איך האב דאסזעלבע געפיהל.

(אלמערס געהט רעכטס, קוקט אויפ'ן פיארד, ריטא זעצט זיך ביי'ם טיש. א קורצע פאוזע.)

א ל מ ע ר ס: (מיט'ן קאפ צו איהר) האסט איהם קיינמאל ניט ליעב געהאט מיט'ן גאנצען הארצען. קיינמאל!

ר י ט א: (קוקט צו זיך, קאלט) ער האט זיך קיינמאל ניט געצויגען צו מיר מיט'ן גאנצען הארצען.

א ל מ ע ר ס: ווייל דו האסט ניט געוואלט איהם צוציהען צו זיך.

ר י ט א: א נייןֿ, געוואָלט, אפילו שטארק געוואָלט. אָבער עמיצער איז אין וועג געשטאנען, פון אָנהויב אָן.

א ל מ ע ר ס: (קעהרט זיך אינגאנצען אום) איך בין עס געשטאנען אין וועג!

ר י ט א: אָ, ניין! ניט אין אָנהויב —

א ל מ ע ר ס: (נעהנטער) ווער זשע?

ר י ט א: די טאנטע.

א ל מ ע ר ס: אסטא?

ר י ט א: יא, אסטא האָט זיך מיר געשטעלט אין וועג.

א ל מ ע ר ס: אסטא — זאָגסטו?

ר י ט א: געוויס, אסטא — זי האָט איהם צוגעשמידט צו זיך — באלד ווי דאָס איז געשעהן, — דאָס אונגליקליכע פאלען.

א ל מ ע ר ס: אויב געטהאָן, האָט זי עס געטהאָן אוים ליעבע.

ר י ט א: (קאָכט זיך) דאָס איז דאָך עס! איך וויל זיך ניט טיילען! אין ליעבע, מיין איך.

א ל מ ע ר ס: מיר האָבען געדארפט צוטיילען איהם צווישען זיך אין ליעבע.

ר י ט א: (קוקט מיט פעראכטונג אויף איהם) מיר? אויך דו האָסט אייגענטליך קיינמאָל ניט געפיהלט קיין אמת'ע ליעבע צו איהם.

א ל מ ע ר ס: (קוקט ערשטוינט) איך ניט — !

ר י ט א: ניין, אויך דו ניט. ביסט דאָך געווען אינגאנצען פערטהון אין דיין בוך — וועגען פעראנטוואָרטליכקייט.

א ל מ ע ר ס: (הייס) יא, געווען. אָבער גראד דאָס בוך, — דאָס האָב איך דאָך געאָפפערט צוליעב עאָלפ'ען.

ר י ט א: ניט אוים ליעבע צו איהם.

א ל מ ע ר ס: וואָס דען, מיינסטו?

ר י ט א: ווייל אין דיין הארצען האָט געברענט א פייער

פון אונצוטרוי צו זיך, ווייל דו האָסט אָנגעהויבען צו צווייפלען צי דיר איז ווירקליך בעשערט א גרויסע אויפגאבע אין לעבען.

אַ ל מ ע ר ס: (פאַרשענדיג) האָסט עפּעס בעמערקט אן מיר?

ר י ט א: אָ, יא — אביסעל. האָסט אָנגעהויבען צו זוכען עפּעס נייעס, וואָס זאָל אָנפילען דיין נשמה. מיט מיר, ווייזט אויס, האָסט זיך שוין מעהר ניט געקענט בענוגענען.

אַ ל מ ע ר ס: דאָס איז דאָס געזעץ פון אייביגער פער־וואנדלונג, ריטא.

ר י ט א: דערפאר האָסטו געוואָלט פון דעם קליינעם עאָלף א וואונדערקינד מאכען.

אַ ל מ ע ר ס: דאָס—ניט. געוואָלט האָב איך איהם מאכען פאר א גליקליכען מענש. נור — דאָס.

ר י ט א: אָבער ניט אויס ליעבע צו איהם. טהו נור א קוק אין זיך! (מיט אַנגסט) און טראַכט זיך אריין, וואָס איז געוועזען פערבאָרגען אין דעם און — הינטער דעם.

אַ ל מ ע ר ס: (מיידט אויס איהר קוק) דו פערשוויגסט עפּעס.

ר י ט א: דו אויך.

אַ ל מ ע ר ס: (קוקט אויף איהר, פערטיעפט אין געדאנקען) אויב ס'איז ווי דו זאָגסט, איז אייגענטליך אונזער קינד גאָר ניט אונזערס געוועזען.

ר י ט א: געוועזען ניט מיין, ניט דיין, אין וואָהרער ליעבע.

אַ ל מ ע ר ס: און דאָך געהען מיר יעצט ארום און פערגי־סען ביטערע טרעהרען אויף איהם.

ר י ט א: (סאַרקאַסטיש) איז עס ניט מאָדנע — ביטער קלאָ־גען איבער עפּעס א פרעמדען אינגעל?

אַ ל מ ע ר ס: (אויפגערעגט) אָ, זאָג ניט פרעמדער אינגעל!

ר י ט א: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, דערשלאָגען) איז קיינמאָל אונזער ניט געוועזען. ניט מיינער — אויך ניט דיינער.

אלמערס: (ברעכט די הענד) און איצט איז שוין שפעט! שפעט!

ריטא: און ניטאָ קיין טרייסט פאר אונז!

אלמערס: (פלוצלונג, ליידענשאפטליך) דו ביסט שולדיג!

ריטא: (שטעהט אויף) איך!

אלמערס: יא, דו! דו ביסט שולדיג, וואָס ער איז גע־וואָרען אזא — ווי ער איז געווען! ס'איז דיין שולד, וואָס ער האָט ניט געקענט זיך רעטען פון וואסער.

ריטא: (וועהרט זיך) אלפרעד, — ניט וואַרף די שולד אויף מיר.

אלמערס: (אַלץ מעהר אויסער זיך) איך טהו עס! דאָס האָסטו געלאָזט דאָס צאַרטע קינד אויפ'ן טיש!

ריטא: ער איז דאָך בעקוועם געלעגען אין די קישענס. גע־שלאָפען רוהיג, און דו האָסט צוגעזאָגט אכטונג צו געבען אויף איהם.

אלמערס: יא, צוגעזאָגט — (מיט א נידריגער שטימע) אָבער דאַן ביסט דו געקומען — דו, דו, דו און האָסט מיך פער־שלעפט צו זיך.

ריטא: (ארויסרופענד) זיי זיך בעסער מודה, אז דו האָסט פערגעסען דאָס קינד און אלעס אויף דער וועלט.

אלמערס: (האלט איין דעם כעס) יא, געוויס. — (שטי־לער) איך האָב דאָס קינד פערגעסען — אין דיינע אָרעמס.

ריטא: (עמפערט) אלפרעד! אלפרעד, — דאָס איז עקעלהאפט פון דיר!

אלמערס: (שטיל, דריקט די פויסטען) אין יענער רגע האָסטו צום טויט פעראורטיילט דעם קליינעם עאָלף.

ריטא: (אויסער זיך) דו אויך, דו אויך, — אויב שוין יא אזוי!

אלמערס: אָ, יא, — אויך פון מיר פאָדער דין וחשבון

— אויב דו ווילסט. מירביידע האָבען זיך פערזינדיגט. עאָלפ'ס טויט איז דאָך געווען א פערגעלטונג.

ר י ט א: א פערגעלטונג?

א ל מ ע ר ס: (בעהערשט זיך) יא. א משפט איבער אונז ביידען. און געשעהן איז, ווי מיר האָבען פערדיענט. פול געהייער, שרעקעדיגער חרטה, האָבען מיר געזעהן איהם אויסמיידען, ווען ער האָט געלעבט. ניט געהאט דעם מוט צו קוקען אויף דער זאַך, — וואָס האָט ארומגעשלעפט זיך מיט איהם —

ר י ט א: (שטיל) די קוליע.

א ל מ ע ר ס: יא, — און דאָס, וואָס מיר רופען אָן וועהטאָג, טרויער — דאָס זיינען נור געוויסענסביסע, ריטא, און ניט עפּעס אנדערש.

ר י ט א: (קוקט שטאַר אויף איהם, צוטומעלט) איך פיהל עפּעס, עס מוז אונז טרייבען צו פערצווייפלונג — אין משוגעת אריין, אונז ביידען. דען מיר קענען עס קיינמאָל—קיינמאָל ניט פעררריכטען.

א ל מ ע ר ס: (מילדער) היינט ביי נאכט האָב איך געזעהן עאָלפ'ען אין חלום. געדוכט האָט זיך מיר, ער געהט פון בריקעל. ארומגעלאָפען, ווי אַנדערע אינגלעך, הייסט עס, ס'אזי איהם גאָרניט געשעהן. אָבער מאַקי גאָרניט. די שרעקליכע ווירקליכקייט איז אלזאָ ניט מעהר ווי א חלום געווען, האָב איך זיך געטראַכט. אָ, ווי האָב איך געדאנקט און געלויבט — (בלייבט שטעהן) ה'ם —

ר י ט א: (קוקט אויף איהם) וועמען—?

א ל מ ע ר ס: (אויסמיידענדיג) וועמען—?

ר י ט א: יא, — וועמען האָסטו געדאנקט און געלויבט?

א ל מ ע ר ס: (מיידט אויס די פראגע) דאָס איז דאָך נור א חלום געווען, הערסט דאָך —

ר י ט א: עמיצען, וואָס דו גלויבסט אליין ניט אין איהם?

א ל מ ע ר ס: אזא מינוט געווען. אין שלאָף דאָך —

ר י ט א: (מיט א פאָרוואורף) האָסט ניט געדאַרפט דערוועי־קען צווייפעל אין מיר, אַלפרעד.

א ל מ ע ר ס: וואָלט עס רעכט געווען פון מיר צו לאָזען דיך ארומבלאָנדזשען דאָס גאנצע לעבען, מיט חלומות פוסטע אינ'ם קאָפּ?

ר י ט א: עס וואָלט געווען בעסער פאר מיר. וואָלט געהאט עפּעס אָן וואָס זיך אָנצוהאלטען. א האָפנונג, א טרייסט. איצט וויים איך שוין גאָר ניט, וואו איך בין אין דער וועלט.

א ל מ ע ר ס: (קוקט זי שאַרף אָן) ווי, מען זאָל דיר געבען אויסצוקלייבען איצט — זאָלסט קענען נאָך עאָלפ'ען געהן, וואו ער איז —?

ר י ט א: נו? איז וואָס?

א ל מ ע ר ס: זאָלסט זיכער זיין, אָהן יעדען צווייפעל, אז דו וועסט איהם טרעפען דאָרט — דערקענען איהם — פערשטעהן איהם —?

ר י ט א: יא, יא, — וואָס דאן?

א ל מ ע ר ס: וואָלסטו געטהאָן א שפּרונג צו איהם אריי־בער פרייוויליג? און פרייוויליג פערלאָזען אלץ וואָס אויף דער ערד? זיך אָבגעזאָגט פון דעם גאנצען לעבען, דעם ערדישען? וואָלסטו, ריטא?

ר י ט א: (שטיל) איצט, באלד?

א ל מ ע ר ס: יא — נאָך היינט. די רגע. ענטפער מיר, וואָלסטו?

ר י ט א: (וואַקעלט זיך) אך, איך וויים ניט, אַלפרעד, — ניין. איך רעכען, איך וואָלט דערווייל אביסעל נאָך מיט דיר פער־בראכט.

א ל מ ע ר ס: צוליעב מיר?

ר י ט א: יא, נור דיר צוליעב.

א ל מ ע ר ס: דערנאָך אָבער? וואָלסטו דאן—? גיב א ענטפער.

ר י ט א: וואָס קען איך ענטפערן אויף אזא פראגע? איך וואָלט דאָך ניט געקענט אוועקגעהן פון דיר, קיינמאָל! אַ קיינמאָל!

א ל מ ע ר ס: און ווען איך וואָלט אוועק צו עאָלפ'ען. און ווען ביי דיר וואָלט קיין ספק ניט געווען, אז דו וועסט בעגעגענען אונז ביידע דאָרט? וואָלסטו דאַן אריבערגעקומען צו אונז?

ר י ט א: איך וואָלט זעהר געוואָלט. שטארק, שטארק גע־וואָלט! אבער —

א ל מ ע ר ס: אָבער?

ר י ט א: (זיפצט שטיל) איך וואָלט ניט געקענט, — איך פיהל. ניין, ניין, פאר קיין פאל ניט.

א ל מ ע ר ס: איך אויך ניט.

ר י ט א: ניט וואהר, אלפרעד? דו וואָלסט אויך ניט גע־קענט?

א ל מ ע ר ס: ניין, ווייל דאָ, נור דאָ אויף דער ערד, זיי־נען מיר, די לעבעדיגע, אין דער היים.

ר י ט א: דאָ איז פערבאָרגען יענעם גליק, וואָס מיר בע־גרייפען —

א ל מ ע ר ס: (פינסטער) אָ, גליק — גליק —

ר י ט א: גליק — איז אונז שוין מעהר קיין גליק ניט בע־שערט? (קוקט פאָרשענדיג) אָבער שטעל זיך פאָר — (הייס) ניין, ניין; איך וואג עס ניט אויסצוריידען! האָב מורא אפילו א טראכט טהאָן.

א ל מ ע ר ס: ניין, זאָג. זאָג נור, ריטא!

ר י ט א: (צעגערט) אפשר זאָלען מיר פרואווען—? איז עס דען גאָר אונמעגליך איהם צו פערגעסען?

א ל מ ע ר ס: איהם פערגעסען?

ר י ט א: פערגעסען די חרטה און די געוויסענסביסע, מיין איך.

א ל מ ע ר ס: דו קענסט אזא פערלאנג האָבען?

ר י ט א: יא, ווען ס'זאָל מעגליך זיין. (פלאצט ארויס) דען

דאָס — דאָס וועל איך לאנג ניט אויסהאלטען! קען מען דען ניט אויסגעפינען עפּעס וואָס זאָל מאכען אונז פערגעסען!

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) וואָס קען דאָס זיין?

ר י ט א: אפשר פּרואווען אוועקפאָהרען ווייט—ווייט?

א ל מ ע ר ס: אוועקפאָהרען? דו פיהלסט זיך דאָך ערגעץ ניט אזוי גוט ווי אין דער היים.

ר י ט א: נו, וועלען מיר געסט עפּעטער עמפּפאנגען, און אָפען הויז פיהרען, זיך אריינוואַרפען אין וואָס ניט איז, וואס זאָל אונז צעשטרייען און בערוהיגען.

א ל מ ע ר ס: אזא לעבען איז מיר ניט צו'ם הארצען. — ניין, איך וועל ליעבער פּרואווען ווידער נעהמען זיך פאר מיין ארבייט.

ר י ט א: (בייסענד) דיין ארבייט, וואָס איז אזוי אָפט געשטאנען ווי א וואנד צווישען אונז?

א ל מ ע ר ס: (לאנגזאם, קוקענדיג שטאַר אויף איהר) צווי־שען אונז ביידע מוז אימער א וואנד שטעהן, פון איצט אָן.

ר י ט א: אָבער פארוואָס—?

א ל מ ע ר ס: ווער ווייס, צי קוקען ניט אויף אונז טאָג און נאכט גרויסע, אָפענע אויגען פון א קינד?

ר י ט א: (שוידערט, שטיל) אלפרעד — וואָס פאר א שרעק־ליכער געדאנק!

א ל מ ע ר ס: א צערשטערענדער פייער איז אונזער ליעבע געוועזען. געקומען די צייט, זאָל זיך אויסלעשען—!

ר י ט א: אויסלעשען!

א ל מ ע ר ס: (הארט) שוין אויסגעלאָשען — אין איינעם פון אונז.

ר י ט א: (ווי פערשטיינערט) דאָס וואגסטו מיר צו זאָגען?

א ל מ ע ר ס: (זאַנפטער) טויט איז די ליידענשאפט, ריטא — אָבער אין די געפיהלען, וואָס האָבען זיך איצט דערוועקט אין מיר צו דיר, אינ'ם בעוואוסטזיין, אז איך ווי דו בין שולדיג און

דארף מיין שולד אויסקויפען — זעה איך ציטערן דעם מאָרגענשיין פון וויעדעראויפלעבונג —

ר י ט א: (העפטיג) איך דארף ניט קיין וויעדער אויפלע־בונג!

א ל מ ע ר ס: ריטא!

ר י ט א: איך בין א לעבעדיגער מענש, הייס, קאָכיג בלוט! איך חלום ניט וואכענדיגערהייט — מיט פישבלוט אין די אָדערן! (ברעכט די הענד) און געפאנגען זיין דאָס גאנצע לעבען — אין חרטה און געוויסענסביסע! געפאנגען מיט דעם, וואָס איז שוין מעהר ניט מיינער, מיינער, מיינער!

א ל מ ע ר ס: דאָס האָט געמוזט זיין דער סוף — פריהער אָדער שפּעטער.

ר י ט א: אזא סוף — איז דען ניט געווען דער אָנהויב, היי־סע ליעבע, וואָס טהוט זוכען און בעגעהרען ליעבע.

א ל מ ע ר ס: פון בעגעהרען האָט מיין ליעבע ניט גע־וואוסט — אין אָנהויב.

ר י ט א: וואָס זשע האָסטו געפיהלט צו מיר גאָר די ער־שטע צייט?

א ל מ ע ר ס: שרעק.

ר י ט א: דאָס קען איך פערשטעהן. ווי פּאָרט האָב איך דיך צוגעצויגען?

א ל מ ע ר ס: (מיט א געדעמפּטער שטימע) ביסט געווען בע־צויבערנד שעהן, ריטא!

ר י ט א: (קוקט איהם אָן, פאָרשענדיג) דאָס בלויז? זאָג אלפרעד! דאָס בלויז?

א ל מ ע ר ס: (מאכט א אנשטרענגונג) ניין, אויסער דעם נאָך עפּעס.

ר י ט א: (ערקענט) איך שטוים זיך אָן, וואָס דו מיינסט. „די גאָלדענע בערג", ווי דו זאָגסט, יאָ, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: יא.

ר י ט א: (מיט אַ פאָרוואורף) ווי האָסטו עס געקענט — ווי האָסטו עס געקענט!

אַ ל מ ע ר ס: האָב געמוזט פאַר אסטאַ'ן זאָרגען.

ר י ט א: (אין כעס) הא, אסטא! (ביטער) אייגענטליך האָט אונז אסטא צוזאמענגעפיהרט.

אַ ל מ ע ר ס: זי האָט פון גאָרניט געוואוסט. האָט קיין אהנונג ניט ביז היינטיגען טאָג.

ר י ט א: אָבער דאָך, אסטא! (שמייכעלט, קוקט פון א זייט מיט פעראכטונג) ניין, ניין — דער קליינער עאָלף! דער קליינער עאָלף, ווייסט דאָך!

אַ ל מ ע ר ס: עאָלף —

ר י ט א: האָסטו דען ניט גערופען זי פריהער עאָלף? מיר דוכט, האָסט עס מיר דערצעהלט, אין א פערטרויליכער שטונדע (נעהנטער) האָסט זי פערגעסען — די בעצויבערנד שעהנע שעה?

אַ ל מ ע ר ס: (טרעט אָב, ווי אין שרעק) איך געדענק גאָר־ניט! איך וויל גאָרניט געדענקען!

ר י ט א: (פאָלגט איהם נאָך) עס איז די שעה, ווען דער אָרי־מער, קליינער עאָלף איז א קאליקע געוואָרען.

אַ ל מ ע ר ס: (שפּארט זיך אן אויפ'ן טיש, מיט אַ געדעמ־פטער שטימע) די פערגעלטונג!

ר י ט א: יא, די פערגעלטונג!

(אסטאַ און בארגהיים קומען פון שאַפּע צוריק. זי האָט וואסער־ליליען אין דער האנד.)

ר י ט א: (בעהערשט זיך ווידער) נו, אסטא — זיך גוט דורכגעשמועסט מיט'ן הערר בארגהיים?

א ס ט א: יא — גאַנץ גוט.

(שטעלט אוועק דעם שירם און לעגט די בלומען אויפ'ן טיש.)

ב אָ ר ג ה י י ם: פריילין אלמערס איז געווען זעהר קארג אויף ווערטער.

ר י ט א: יא? דערפאר האָבען מיר זיך היינט דורכגע־שמועסט, איך מיט אלפרעד'ען, אז ס'וועט קלעקען —

א ס ט א: (קוקט אלמערס'ען און ריטא'ן אונרוהיג אָן) וואָס בעדייטעט דאָס—?

ר י ט א: — אז ס'וועט קלעקען אויפ'ן גאנצען לעבען, זאָג איך. (רייסט איבער) לאָמיר אלע פיער איצט געהן אהיים. מיר מוזען געזעלשאפט האָבען, אלפרעד און איך, מיר קענען עס אליין ניט בייקומען.

א ל מ ע ר ס: (צו ריטא'ן און באָרגהיים'ען) איהר געהט פאראויס (קעהרט זיך אום צו אסטא'ן) מיט דיר, אסטא, האָב איך נאָך וואָס צו רעדען, איין וואָרט.

ר י ט א: (קוקט איהם אָן) אהא! נו גוט, וועט איהר מיך בעגלייטען, הערר באָרגהיים.

(ריטא און באָרגהיים געהן אויפ'ן שטעג ארויף.)

א ס ט א: (מיט אַנגסט) אלפרעד, וואָס איז?

א ל מ ע ר ס: (פינסטער) איך קען שוין מעהר דאָ ניט אויס־האלטען — דאָס איז עס.

א ס ט א: דאָ! דאָס הייסט, מיט ריטא'ן?

א ל מ ע ר ס: יא. מיר קענען ביידע מעהר ניט צוזאמען־לעבען.

א ס ט א: (טרייסעלט זיין אָרעם) אָ, אלפרעד! וואָס רעד־סטו — ס'איז דאָך שרעקליך.

א ל מ ע ר ס: איך זאָג נור, ווי עס איז. מיר מאכען איינער דעם אנדערן נור בייז און שלעכט.

א ס ט א: (בעוועגט, מיט א וגעהטאָג) קיינמאָל — קיינ־מאָל איז מיר דאָס ניט איינגעפאלען.

א ל מ ע ר ס: מיר אויך ניט, ביז היינט.

א ס ט א: און איצט ווילסטו! יא, וואָס ווילסטו איי־גענטליך, אלפרעד?

אלמערס: אוועקגעהן וויל איך, ווייט, ווייט פון אלעם און אלע.

אסטא: בלייבען גאר אליין אין דער וועלט?

אלמערס: (שאקעלט צו) ווי פריהער, יא.

אסטא: ביסט ניט פון די, וואס קענען זיין אליין.

אלמערס: דאך! בין געווען אמאל.

אסטא: אמאל—יא. בין איך דאך געווען מיט דיר.

אלמערס: (וויל אננעהמען איהר האנד) געווים, און צו דיר, אסטא, וויל איך איצט צוריקקומען, צו דיר אהיים.

אסטא: (מיידט איהם אויס) צו מיר! ניין, ניין, אל־פרעד! דאס איז גאר אונמעגליך!

אלמערס: (קוקט אויף איהר בעטריבט) שטעהט דאך בארגהיים אין וועג?

אסטא: (לעבעדיג) א ניין — ניט דאס! האסט א טעות.

אלמערס: גוט. דאן קום איך צו דיר — מיין ליעבע, טייערע שוועסטער. איך מוז צו דיר זיך אומקעהרען! אהיים צו דיר, כדי בעסער צו ווערען און געלייטערט, נאכ'ן צוזאמענלעבען מיט —

אסטא: (עמפערט) אלפרעד, — דו זינדיגסט נעגען ריטא'ן.

אלמערס: איך האב קעגען איהר געזינדיגט. אבער ניט דערמיט. דערמאן זיך, אסטא, ווי מיר האבען געלעבט צוזאמען. איז דען דאס ניט געווען א שטענדיגער יום־טוב, פון דער ערשטער ביז צו דער לעצטער מינוט.

אסטא: יא, געווען, אלפרעד. דאס לעבט מען נור איינ־מאל איבער.

אלמערס: (ביטער) מיינסטו, די הייראטה האט פון מיר א תל געמאכט?

אסטא: ניין, דאס מיין איך ניט.

אלמערס: גוט, לאָמיר זשע ווידער לעבען, ווי אמאָל.

אסטא: (בעשטימט) אונמעגליך, אלפרעד.

אלמערס: ניין, מעגליך, די ליעבע צווישען ברודער און שוועסטער —

אסטא: (אנגעשטרענגט) איז וואָס—?

אלמערס: איז דאָס איינציגע פערהעלטניס אין מענשליכען לעבען, וואָס איז ניט אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג.

אסטא: (מיט אַ ציטערדיגער שטימע, שטיל) און אז דאָס פערהעלטניס איז ניט —

אלמערס: ניט — ?

אסטא: — אונזער פערהעלטניס!

אלמערס: (קוקט ערשטוינט, שטאַר) ניט אונזערס? וואָס מיינסטו דערמיט, מיין ליעבע?

אסטא: בעסער זאָג איך דיר עס גלייך, אלפרעד.

אלמערס: איך בעט דיך.

אסטא: די בריעף צו דער מוטער — וואָס דאָרט אינ'ם פאָרטפעל —

אלמערס: יא — ?

אסטא: לעז זיי דורך — ווען איך וועל דאָ ניט זיין.

אלמערס: צו וואָס?

אסטא: וועסטו זיך דערוויסען, —

אלמערס: וואָס —

אסטא: — איך האָב ניט קיין רעכט דיין פאטער'ס נאָמען צו טראָגען.

אלמערס: (וואקעלט צוריק) אסטא! וואָס רעדסטו!

אסטא: קוק דורך די בריעף. וועסט אליין זעהן און פערשטעהן — און פיעלייכט אויך פערצייהען — מיין מוטער.

א ל מ ע ר ס: (כאַפּט זיך אָן פאר'ן שטערן) איך קען דאָס ניט בעגרייפען — קען דעם געדאנק ניט בענעהמען! דו, אסטאַ, — דו ביסט, הייסט עס, ניט —

א ס ט אַ: דו ביסט ניט מיין ברודער, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: (ראַש, האַלב טראַציג, קוקט אויף איהר) אָבער וואָס ענדערט עס אייגענטליך אין אונזערע פערהעלטניסע. דאָך גאָרניט, בעצם.

א ס ט אַ: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) עס ענדערט אלעס, אל־פרעד. אונזער פערהעלטניס איז ניט דאָס, וואָס צווישען ברודער און שוועסטער.

א ל מ ע ר ס: יאַ־יאַ. אָבער ניט וועניגער היילִיג. און הייליג וועט עס אימער בלייבען.

א ס ט אַ: פערגעס ניט — עס איז אונטערוואָרפען דעם גע־זעץ פון אייביגער פערוואַנדלונג, — ווי דו האָסט נור וואָס גע־זאָגט.

א ל מ ע ר ס: (קוקט זי אָן, פאָרשענדיג) ווילסטו זאָגען, אז —

א ס ט אַ: (געריהרט, שטיל) קיין וואָרט מעהר, — ליעבער, ליעבער אלפרעד, — (נעהמט די בלומען פון שטוהל) זעהסט די וואַ־סערליליען?

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט צו פאמעליך) דאָס זיינען בלומען, וואָס וואַקסען פון טיעפען, טיעפען גרונד ארויס.

א ס ט אַ: אין טייך האָב איך זיי אָנגעריסען, וואו ער גיסט אינ'ם פיאָרד זיינע וואַסערן אריין. (דערלאַנגט איהם די בלומען) ווילסט זיי האָבען, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: (נעהמט זיי) אַ דאנק.

א ס ט אַ: (מיט טהרערען אין די אויגען) אַ לעצטער גרוס פונ'ם קליינעם עאָלף!

א ל מ ע ר ס: (קוקט זי אָן) פון יענעם עאָלפ'ען? אָדער פון דיר?

אַ ס ט אַ: (שטיל) פון אונזביידען. (נעהמט דעם שירם) איצט קום מיט מיר צו ריטא'ן.

(געהט אויפ'ן שטעג.)

אַ ל מ ע ר ס: (נעהמט דעם הוט פון טיש און שעפטשעט, יזרוי־ריג) אַסטאַ—עאָלף, קליינער עאָלף!

(פאָלגט איהר נאָך.)

דריטער אקט.

אַ בערגעל בעוואַקסען מיט קוסטעס ביי די אַלמערס'עס אין גאַר־טען. אינ'ם הינטערגרונד אַ משופּע'דיגער פעלז מיט אַ געלענדער; לינקס אַ טרעפּיגער וועג אַראַב. טיעף אונטען זעהט זיך ווייט דער פיאָרד. ביי'ם געלענדער א פלאַג שטאַק מיט שטריק, נור אָהן א פאָהן. פאַרינט רעכטס אַן אַלטאַנע, אַרומגעוויקעלט מיט געוויקסען און וויל־דע וויינטרויבען־צווייגען. דערביי אַ באַנק. אַ שפּעטער זומער־אָבענד. דער הימעל איז קלאָר, דער האַלבדונקעל וואַקסט לאַנגזאַם.

אַ ס ט אַ זיצט אויפ'ן באַנק, די הענד אויף די קניה. זי איז אין מאַנטעל און הוט; נעבען איהר דער שירם; איבער'ן אַקסעל א רייזע־טאַש.

ב אָ ר ג ה י י ם בעוויזט זיך לינקס אינ'ם הינטער־גרונד. ער האָט אויך אַ רייזע טאַש איבער'ן אַקסעל, אַ צונויפגעלעגטע פאָהן אונ־טער'ן אָרעם.

ב אָ ר ג ה י י ם: (בעמערקט אַסטאַ'ן) אַ, זיצט איהר גאָר דאַ אין דער הויך?

א ס ט א: איך זיץ און קוק אהין דאָס לעצטע מאָל.

ב אָ ר ג ה י י ם: גוט, הייסט עס, וואָס איך האָב אַ קוק געטהאָן אהער.

א ס ט א: איהר האָט מיך דען געזוכט?

ב אָ ר ג ה י י ם: געוויס. האָב זעהר געוואָלט זיך זעגנען מיט אייך — דאַסמאָל. איך האָף ניט אויף אייביג.

א ס ט א: (מיט אַ שוואַכען שמייכעל) איהר זייט אַן איינגע־שפּאַרטער.

ב אָ ר ג ה י י ם: ווי עס דארף זיין דער, וואָס ברעכט דורך וועגען.

אַ ס ט אַ: האָט איהר געזעהן אַלפרעד'ן? ריטא'ן?

ב אָ ר ג ה י י ם: האָב זיי ביידען געזעהן.

אַ ס ט אַ: צוזאַמען?

ב אָ ר ג ה י י ם: ניין — בעזונדער.

אַ ס ט אַ: וואָס געהט איהר טהאָן מיט דער פאָהן?

ב אָ ר ג ה י י ם: פרוי ריטא האָט מיך געבעטען עס אויפ־הענגען אין דער הויך.

אַ ס ט אַ: א פאָהן איצט אויפהענגען?

ב אָ ר ג ה י י ם: ביז האַלבע הויך זאָל זי פלאַטערן טאָג און נאַכט, זאָגט זי.

אַ ס ט אַ: (זיפצט) אָרימע ריטא! אָרימער אלפרעד!

ב אָ ר ג ה י י ם: (פערנומען מיט'ן פאָהן) איהר האָט א הארץ איצט אוועקצוגעהן פון זיי? איך פרעג, דען איך זעה, איהר זייט גרייט צו'ם פאָהרען.

אַ ס ט אַ: (שטיל) איך מוז.

ב אָ ר ג ה י י ם: אָ, אויב איהר מוזט, —

אַ ס ט אַ: און איהר פאָהרט אויך אוועק, היינט ביינאַכט?

ב אָ ר ג ה י י ם: איך מוז אויך. פאָהר מיט'ן באהן. איהר אויך?

אַ ס ט אַ: ניין. איך פאָהר מיט'ן דאַמפּפער.

ב אָ ר ג ה י י ם: (קוקט אויף איהר בגנבה) יעדער זיין וועג, הייסט עס.

אַ ס ט אַ: יאָ.

(קוקט אויף איהר בשעת ער בינדט צו די פאָהן אין דער הויך, געהט צו צו איהר.)

ב אָ ר ג ה י י ם: פריילין אסטא, איהר קענט זיך ניט פאָר־שטעלען מיין טרויער איבער דעם קליינעם עָלף.

אַ ס ט אַ: (הויבט אויף די אויגען) איך צווייפעל נים.

באַרגהיים: דאָס איז אזא פיינליך געפיהל, ווייל טרוי־ערן איז אייגענטליך ניט מיין טבע.

אסטא: ס'וועט אריבער. מיט דער צייט געהט אלץ ארי־בער, יעדער אונגליק.

באַרגהיים: יעדער? איהר מיינט אזוי?

אסטא: ווי א בייזער שטורם אויפ'ן ים. מען לאָזט זיך אוועק ווייטער און —

באַרגהיים: צו ווייט וואָלט איך געדארפט זיך אוועק־לאָזען, אויף אזא אופן.

אסטא: ווידער, האָט איהר דאָך א נייען, גרויסען וועג צו בויען.

באַרגהיים: אָבער קיינעם ניט, וואָס זאָל מיר העלפען אין מיין ארבייט.

אסטא: אָ, איהר מוזט זיכער ווען מען ס'איז האָבען.

באַרגהיים: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) קיינעם. קיין איין מענש צו טיילען מיין פרייד מיט איהם. דער עיקר, די פרייד.

אסטא: נו, און מאטערניש, זאָרג?

באַרגהיים: אך — דאָס קען מען שוין אליין בייקומען.

אסטא: מיט פרייד אָבער מוז מען זיך טיילען, מיינט איהר?

באַרגהיים: אַ ניט איז די פרייד קיין פרייד ניט.

אסטא: מעגליך, ס'איז אזוי.

באַרגהיים: אַ ווילע קען מען זיך פרעהען פאר זיך גאָר אליין. ס'האָט אָבער קיין קיום ניט. פון אמת'ער פרייד וויים מען אין צווייען נור.

אסטא: נור אין צווייען? קיינמאָל מעהר? און מיט פיעלע פאר א מאָל?

באַרגהיים: אָ, דאן איז'ס גאָר עפּעס אנדערש, — פריילין אסטא, קענט איהר זיך ווירקליך ניט ענטשליסען צו טיילען

גליק און פרייד — מאטערניש און צרות — מיט איין מענש — מיט איין־איינציגען —

אסטא: האב שוין געפרואווט א מאל.

בארגהיים: איהר?

אסטא: יא, די גאנצע צייט, וואס מיין ברודער—אלפרעד און איך האבען געלעבט צוזאמען.

בארגהיים: א, מיט אייער ברודער! דאס איז דאך גאר עפעס אנדערש. איך רעכען, דאס איז א צופריעדען, רוהיג לעבען, אבער איך רעד פון גליק.

אסטא: דאך א וואונדערשעהנע צייט געווען!

בארגהיים: איהר זעהט, שוין דאס — האט זיך אייך אויסגעוויזען וואונדערשעהן, הײנט — ווען ער וואלט ניט אייער ברודער געווען?

אסטא: (וויל זיך אויפהויבען, האלט זיך אב, זיצט) וואל־טען מיר קיינמאל צוזאמען ניט געלעבט. דען דעמאלט בין איך נאך א קינד געווען. און ער כמעט א קינד.

בארגהיים: (נאך א קורצער פאוזע) ווירקליך געווען אזא שעהנע צייט?

אסטא: יא, געווען — מעגט גלויבען.

בארגהיים: האט איהר דעמאלט ווירקליך איבערגע־לעבט עפעס וואס, פול פרייד און גליק?

אסטא: א פיעל! אונענדליך פיעל!

בארגהיים: דערצעהלט עפעס דערפון, פריילין אסטא.

אסטא: אייגענטליך, נור קלייניגקייטען.

בארגהיים: צום ביישפיעל? זאגט!

אסטא: נו — צום ביישפיעל, ווען אלפרעד האט עקזא־מען געהאלטען און האט זיך אויסגעצייכענט. אדער, שפעטער, ווען ער האט אנגעהויבען שטעלעס בעקומען, אלס לעהרער. אדער ווען ער פלעגט ארבייטען אויף אן ארטיקעל — מיר פארעגעלעזען. און שפעטערצו, ווען ס'פלעגט ערשיינען אין א צייטשריפט —

באַרגהיים: יאָ, איך שטעל מיר פאָר, אז ס'האָט געמוזט זיין א צופריעדען, הערליך לעבען. שוועסטער און ברודער, וואָס טיילען צווישען זיך די פריידען. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך קען אָבער ניט פערשטעהן, ווי האָט עס אייער ברודער געקענט זיך שיידען מיט אייך, אסטא.

אסטא: (שטיקט איהר אויפרעגונג) אלפרעד האָט דאָך חתונה געהאט.

באַרגהיים: איז דאָס ניט געווען אייך פיינליך?

אסטא: יאָ, אודאי, פון אָנהויב. מיר האָט זיך דאן געדוכט, אז איך האָב איהם אינגאנצען פערלוירען.

באַרגהיים: צום גליק איז עס ניט געווען אזוי.

אסטא: יאָ.

באַרגהיים: דאָך — ווי האָט ער עס געקענט טהאָן? חתונה האָבען, מיין איך. ער האָט דאָך געקענט אויספיהרען, איהר זאָלט בלייבען מיט איהם אליין.

אסטא: (קוקט פאר זיך) אויך איבער איהם, ווייזט אויס, האָט געוועלטיגט דאָס געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג.

באַרגהיים: דאָס געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג?

אסטא: יאָ, אלפרעד רופט עס אָן אזוי.

באַרגהיים: אַך — א נאריש געזעץ מוז דאָס זיין! איך גלויב אין איהם ניט, אָבער טאקי גאָר ניט!

אסטא: מיט דער צייט — קען זיין — וועט איהר אָנהויבען גלויבען.

באַרגהיים: קיינמאָל אין לעבען! (איבערצייגענד) הערט נור, פריילין אסטא! זייט פערשטענדיג — דאס איינציגע מאָל, אין דעם פּרט, מיין איך.

אסטא: (שלאָגט איהם איבער) אָ, ניין, ניין! רעדט ניט ווייטער דערפון —

באַרגהיים: (ווי פריהער) ניין, איך קען זיך ניט אזוי לייכט אָבזאָגען פון אייך: איצט האָט אייער ברודער אלעס, וואָס

ער האָט נור געקענט זיך ווינשען. לעבט גאַנץ צופֿריעדען אָהן אייך. ער נעטיגט זיך ניט מעהר אין אייך. און דערצו נאָך דאָס —דאָס, וואָס האָט מיט איין קלאַפּ געביטען אייער לאַגע דאָ אין הויז —

א ס ט א: (ציטערט אויף) וואָס מיינט איהר?

ב אָ ר ג ה י י ם: דאָס אונגליק מיט׳ן קינד, מיין איך.

א ס ט א: (קומט צו זיך) דער קליינער עאָלף איז אומגעקומען, יא.

ב אָ ר ג ה י י ם: וואָס זשע אייגענטליך בלייבט אייך נאָך דאָ צו טהאָן? זאָרגען פאַר׳ן קליינעם, אומגליקליכען אינגעל — דאַרפט איהר שוין ניט. איהר האָט קיינע פליכטען ניט אין דעם הויז — קיין שום אויפגאַבע.

א ס ט א: איך בעט אייך, ליעבער באָרגהיים, — בעשטעהט דאָך ניט אזוי —

ב אָ ר ג ה י י ם: איך מוז. איך וואָלט געווען א ווילדער נאַר, איך זאָל ניט אויספּרואווען אַלע מיטלען. די טעג פערלאָז איך די שטאָדט. עס קען זיין, איך בעגעגען אייך ניט מעהר. וועל לאַנג, לאַנג אייך ניט זעהן. און ווער וויים, וואָס קען געשעהן פאַר דער צייט?

א ס ט א: איהר האָט פאָרט מורא פאַר׳ן געזעץ פון אייבערגער פערוואַנדלונג?

ב אָ ר ג ה י י ם: בשום אופן ניט (לאַכט ביטער) און וואָס זאָל זיך בייטען, ביי אייך, מיין איך, אייך אהרט ניט שטאַרק פאַר מיר.

א ס ט א: איהר ווייסט גוט אז מיך אהרט יא.

ב אָ ר ג ה י י ם: פיליכט, נור צו־וועניג. ניט אזוי ווי איך וויל (הייסער) אין גאָטעס ווילען, אסטא — פריילין אסטא — דאָס איז דאָך א ריינע משוגעת פון אייער זייט! הינטער׳ן שוועל פון היינט און מאָרגען איז אפשר דאָס גאַנצע גליק בעהאַלטען — וואַרט, און מיר געהען פערביי. ווענען מיר ניט חרטה האָבען, אסטא?

א ס ט א: (שטיל) איך ווייס נישט. דאָס אָבער ווייס איך. ליכטיגע אויסזיכטען זיינען נישט פאר אונז.

ב אָ ר ג ה י י ם: (קוקט אויף איהר זיך בעהערשענדיג) עס הייסט, מיר וועט אויסקומען אליין מיינע וועגען דורכברעכען.

א ס ט א: (הייס) אָ, ווען איך זאָל קענען דערביי זיין, די שווערע מיה פערלייכטערן, טיילען די פריידען —

ב אָ ר ג ה י י ם: איהר וואָלט וועלען — ווען איהר זאָלט קענען?

א ס ט א: יאָ, איך וואָלט וועלען.

ב אָ ר ג ה י י ם: איהר קענט אָבער נישט?

א ס ט א: (לאָזט אראָב די אויגען) וואָלט איהר זיך בענוגענט, איך זאָל זיין האלב אייערע?

ב אָ ר ג ה י י ם: ניין. איהר מוזט זיין מיינע, אינגאַנצען מיינע.

א ס ט א: (קוקט אויף איהם און זאָגט שטיל) דאַן קען איך אייערע נישט זיין.

(ער קלייבט זיך אוועקצוגעהן. לינקס אינ'ם הינטערגרונד בעווייזט זיך אַלמערס. באָרגהיים בלייבט.)

א ל מ ע ר ס: (נאָכגעהענדיג, אנווייזענדיג אויף דער אַלטאַנע, מיט אַ האַלבען קול) ריטא איז דאָרט?

ב אָ ר ג ה י י ם: ניין, דאָ איז קיינער נישטאָ, אויסער פרייליין אסטאַ.

(אַלמערס געהט צו נעהנטער.)

א ס ט א: (געהט איהם אַנקעגען) זאָל איך געהן אַ זוך טהאָן זי? אפשר זאָגען, זאָל קומען.

א ל מ ע ר ס: (שטעלט איהר אָב) אָ ניין — לאָז אָב (צו באָרגהיימ'ען) דאָס האָט איהר די פאָהן אויפגעהויבען?

ב אָ ר ג ה י י ם: יאָ. פרוי ריטא האָט מיך געבעטען. דעריבער טאקי בין איך געקומען.

א ל מ ע ר ס: איהר פאָהרט אוועק היינט ביינאכט?

באָרגהיים: יאָ. היינט ביינאַכט פאָהר איך שוין געווים אוועק.

אַלמערס: (וואַרפט אַ בליק אויף אַסטאַ'ן) איהר האָט זיך פערזאָרגט מיט אַן אנגענעהמען בעגלייטער, אויב איך האָב קיין טעות נים.

באָרגהיים: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך פאָהר אַליין.

אַלמערס: (צוטומעלט) אַליין!

באָרגהיים: איינער אַליין!

אַלמערס: (צעשטרייט) אזוי גאָר?

באָרגהיים: און בלייב אַליין.

אַלמערס: זיין אַליין — ווי שרעקליך דאָס איז. דאָס בלוט ווערט אין מיר פערקיהלט ביי דעם געדאַנק —

אַסטאַ: אַלפרעד, דו ביסט דאָך ניט אַליין!

אַלמערס: אויך דאָס קען שרעקליך זיין, אַסטאַ.

אַסטאַ: (געדריקט) רעד ניט אַזעלכע ווערטער! פערטרייב די געדאַנקען!

אַלמערס: אויב דו פאָהרסט ניט מיט, — ביסט ניט פערבונדען מיט קיין זאַך, פאַרוואָס זאָלסטו ניט בלייבען מיט מיר — און ריטאַ'ן?

אַסטאַ: (אונרוהיג) ניין, ניין, איך קען ניט. איך מוז צוריק אין שטאָדט.

אַלמערס: בלויז אין שטאָדט, אַסטאַ! הערסט?

אַסטאַ: יאָ.

אַלמערס: זאָגסט צו אינגיכען צוריקצוקומען?

אַסטאַ: (האַסטיג) ניין, ניין, דאָס קען איך דיר דערווייל ניט צוזאָגען.

אַלמערס: גוט, ווי דו ווילסט. וועלען מיר זיך זעהן אין שטאָדט.

אַסטאַ: (בעט זיך) אָבער, אַלפרעד, דארפסט דאָך בלייבען איצט אין דער היים מיט ריטאַ'ן!

אַ ל מ ע ר ס : (ענטפערט ניט, ווענדט זיך צו באַרגהיימ'ען) אפשר איז גאָר בעסער פאַר אייך, וואָס איהר האָט ניט קיין בעגלייטער אין וועג.

ב אַ ר ג ה י י ם : (פערדראסיג) ווי קענט איהר עס זאָגען!

אַ ל מ ע ר ס : יא, איהר קענט דאָך קיינמאָל ניט וויסען, ווען איהר וועט טרעפען — אמאָל — שפּעטער — אין וועג.

אַ ס ט אַ : (ניט ווילענדיג) אלפרעד!

ב אַ ר ג ה י י ם : (קוקט באלד אויף אַסטאַ'ן, באלד אויף אַלמערס'ען) וואָס מיינט איהר, איך פערשטעה ניט —

(ריטא בעוויזט זיך אינ'ם הינטערגרונד לינקס.)

ר י ט אַ : (זיך קלאגענדיג) אַ, פערלאָזט מיך ניט אלע!

אַ ס ט אַ : (געהט אנקעגען) האָסט דאָך געוואָלט בלייבען אליין —

ר י ט אַ : איך האָב מורא. עס ווערט טונקעל — ניט היימליך. מיר דוכט אלץ, גרויסע, אָפענע אויגען קוקען שטאר אויף מיר!

אַ ס ט אַ : (אַנטייל נעהמענדיג, מיט א ווייכער שטימע) און אויב אפילו יא, ריטא! דארפסט זיך ניט שרעקען פאַר די אויגען.

ר י ט אַ : וואָס רעדסטו! ניט שרעקען זיך!

אַ ל מ ע ר ס : (איבערצייגענד) אסטא, איך בעט דיך — אין נאָמען פון אלץ, וואָס איז הייליג, בלייב דאָ — מיט ריטאַ'ן!

ר י ט אַ : און מיט אלפרעד'ן! בלייב, אסטא, בלייב!

אַ ס ט אַ : (קעמפּפענדיג מיט זיך) אך, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט —

ר י ט אַ : נו, בלייב זשע! אלפרעד און איך, מיר קענען ניט אליין איבערטראָגען אונזער אונגליק, אונזער פערלוסט.

אַ ל מ ע ר ס : (פינסטער) זאָג בעסער — די חרטה און די געוויסענסביסע.

ר י ט אַ : מעגסט עס אָנרופען ווי דו ווילסט, — מיר ביידע

קענען עס ניט איבערטראָגען אליין. אסטא, הארציג בעט איך דיך! בלייב און העלף אונז! פערבייט אונז עָלפ׳ען!

אַ ס ט אַ: (אָבטרעטענדיג) עָלפ׳ען!

ר י ט אַ: ניט וואהר, אלפרעד — ?

אַ ל מ ע ר ס: אויב זי וויל און קען.

ר י ט אַ: פלעגסט איהר פריהער רופען מיין קליינער עָלף! (נעהמט איהר פאר׳ן האנד) ווערסט איצט זיין אונזער עָלף! עָלף, ווי אמאָל געוועזן!

אַ ל מ ע ר ס: (מיט בעהאַלטענער אויפרעגונג) בלייב — און טייל דאָס לעבען מיט אונז, אסטא, מיט ריטא׳ן, מיט מיר מיט מיר — דיין ברודער!

אַ ס ט אַ: (בעפרייט האַסטיג די האַנד) ניין, איך קען ניט (דרעהט זיך אויס) הערר באָרגהיים, ווען געהט אָב דער דאמפפער?

ב אָ ר ג ה י י ם: באלד.

אַ ס ט אַ: מוז איך באלד געהן. ווילט מיך בעגלייטען?

ב אָ ר ג ה י י ם: (מיט אן איינגעהאלטענעם אויסברוך פון פרייד) צי איך וויל! יא, יא.

אַ ס ט אַ: קומט־זשע.

ר י ט אַ: (לאנגזאם) אזוי גאָר. אויב אזוי — קענסטו מיט אונז ניט בלייבען.

אַ ס ט אַ: (וואַרפט זיך צו איהר אויפ׳ן האַלז) איך דאנק דיר ריטא. פאר אַלעס (געהט צו צו אַלמערס׳ען, נעהמט איהם אָן פאר׳ן האַנד) אלפרעד זיי געזונד, זיי געזונד!

אַ ל מ ע ר ס: (שטיל, אנגעשטרענגט) וואָס בעטייט עס, אסטא. עס זעהט עפּעס אויס, ווי דו אנטלויפסט.

אַ ס ט אַ: (מיט בעהאַלטענעם שרעק) יא, אלפרעד, איך אנטלויף.

אַ ל מ ע ר ס: פון מיר?

אַ ס ט אַ: (שעפטשעט) פון דיר — און זיך אליין.

אַ ל מ ע ר ס: (אָבטרעטענדיג) אַ — !

(אַסטאַ אײַלט טרעפּ אַראָב אין הינטערגרונד. באַרגהיים פּאַקט מיט׳ן הוט, געהט איהר נאָך. ריטאַ לעהנט זיך אָן ביי׳ם אַרײַנגאַנג פון דער אַלטאַנע. אַלמערס, אַ שטאַרק אויפגערעגטער, געהט צו צו׳ם געלענדער, קוקט אַראָב. פּאוזע.)

אַלמערס: (דרעהט זיך אום און רעדט, קוים בעהערשענדיג זיך) דער דאַמפּפער געהט צו. זעהסט, ריטאַ.

ריטאַ: איך האָב מורא צו קוקען אויף איהם.

אַלמערס: האָסט מורא?

ריטאַ: ווייל ער האָט אַ רויטען אויג, און אַ גרינעם אויך. גרויסע, גליהענדע אויגען.

אַלמערס: דאָס זיינען דאָך לאַמטערנס!

ריטאַ: דאָס זיינען אויגען. פון איצט אָן, פאַר מיר. זיי קוקען אַלץ און קוקען שטאַר — פון דער פינסטער — אין דער פינסטער אַריין.

אַלמערס: אָט שטעלט ער זיך אָב ביי׳ם ברעג.

ריטאַ: וואו?

אַלמערס: ביי׳ם בריקעל, ווי אַלעמאָל —

ריטאַ: ווי קען ער זיך דאָרט אָבשטעלען!

אַלמערס: מוז דאָך אודאי.

ריטאַ: דאָרט איז דאָך עאָלף — ווי קענען זיי דאָס טהאָן?

אַלמערס: יאַ, דאָס לעבען איז אונרחמנות׳דיג, ריטאַ.

ריטאַ: מענשען זיינען אָהן האַרץ, זיי אַהרט ניט פאַר לעבעדיגע, ניט פאַר טויטע.

אַלמערס: דאָס לעבען געהט זיך זיין וועג — גלייך ס׳איז גאָרניט געשעהן.

ריטאַ: (קוקט פאַר זיך) יאַ, ווירקליך, גאָרניט געשעהן. גאָרניט פאַר אַנדערע, נור פאַר אונז ביידען.

אַלמערס: (מיט אָן אויפ׳ס ניי ערוואַכטען וועהטאָג) יאַ, ריטאַ. האָסט איהם אָהן אַ צוועק געבוירען אין פּיין און יסורים,

דען ער איז ווידער אוועק אהין און קיין שפור איז פון איהם ניט געבליבען.

ר י ט א: בלויז די קוליע —

א ל מ ע ר ס: (שארף) שווייג! איך וויל ניט הערען דאס ווארט.

ר י ט א: (זיך קלאגענדיג) א, איך קען ניט אריבערטראגען דעם געדאנק, אז מיר האבען איהם שוין מעהר ניט.

א ל מ ע ר ס: (קאלט, מיט ביטערניש) ביסט לייכט אויס־געקומען אהן איהם, ווען דו האסט איהם געהאט. גאנצע טעג פלעגסטו איהם ניט זעהן.

ר י ט א: ווייל איך האב געוואוסט, איך קען איהם זעהן, ווען איך וועל וועלען.

א ל מ ע ר ס: אזוי האבען מיר די קורצע צייט פערלוירען, וואס עאלף איז מיט אונז געווען.

ר י ט א: (הערט זיך איין מיט שרעק) הערסט, אלפרעד, מען קלינגט ווידער.

א ל מ ע ר ס: (קוקט פאראויס) ס'איז דער גלאק פון דאמ־פפער. ער געהט באלד אב.

ר י ט א: א, איך מיין ניט די גלאק. א גאנצען טאג האט מיר אין די אויערן געקלונגען — איצט ווידער.

א ל מ ע ר ס: (געהט צו צו איהר) עס ווייזט זיך דיר אויס, ריטא.

ר י ט א: ניין, איך הער גאר קלאר. עס קלינגט ווי א לויה־גלאק. פאמעליך, פאמעליך. און אימער דיזעלבע ווערטער.

א ל מ ע ר ס: ווערטער? וואסערע ווערטער?

ר י ט א: (שאקעלט אין טאקט מיט'ן קאפ) „די קר־ליע שווימט די קר־ליע שווימט". א, מיר דוכט, דו דארפסט עס אויך הערען —

א ל מ ע ר ס: איך הער גארניט. ניטא וואס צו הערען.

ר י ט א: קענסט זאגען וואס דו ווילסט. איך הער עס קלאר.

אַלמערס: (קוקט דורכ'ן געלענדער) איצט זיינען זיי אויפ'ן דאמפּפער. ער איז שוין אָבגעגאַנגען צו דער שטאָדט צו.

ריטא: ווי הערסטו עס ניט? די קור־ליע שווימט, די קור־ליע —

אַלמערס: (געהט צו איהר) הער זיך ניט צו צו ־עס וואָס איז ניטאָ. אסטא און באָרגהיים זיינען אויפ'ן דאמפּפער, זאָג איך, שוין אין וועג. אוועקגעפאָהרען — אסטא.

ריטא: (קוקט דערשראָקען אויף איהם) פאָהרסט דו, הייסט עס, אויך אין גיכען אוועק, אַלפרעד?

אַלמערס: וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען?

ריטא: אז דו וועסט נאכפאָלגען דיין שוועסטער.

אַלמערס: האָט דען אסטא עפּעס געזאָגט?

ריטא: האָסט דאָך אבער אליין געזאָגט, אז צוליב אסטא'ן זיינען מיר זיך צוזאמענגעקומען.

אַלמערס: אָבער דו, דו האָסט מיך צוגעבונדען צו זיך — דורך אונזער צוזאמענלעבען.

ריטא: אין דיינע אויגען בין איך שוין ניט אזוי בעצויבערנד־שעהן.

אַלמערס: דאָס געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג קען אונז נאָך צוזאמענהאלטען, ווער ווייס.

ריטא: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) עפּעס אן ענדערונג קומט איצט אַלענפאלס פאָר אין מיר. און דאָס איז פּיינליך.

אַלמערס: פּיינליך?

ריטא: יא, ענדערונג איז אויך אַ מין געבורט.

אַלמערס: אַ געבורט, אָדער — ווידערגעבורט, אן איבערגאנג צו אַ העכערען לעבען.

ריטא: (קוקט האָפנונגסלאָז פאר זיך) יא, דערביי אָבער געהט פערלוירען דאָס גאנצע, גאנצע לעבענסגליק.

אַלמערס: דער פערלוסט איז אַ געווינס.

ר י ט א: אך, פראזען! סוף כל סוף זיינען מיר דאך נור מענשען!

א ל מ ע ר ס: דאך זיינען מיר אויך נאהענט צום ים און הימעל, ריטא.

ר י ט א: אפשר דו, ניט איך.

א ל מ ע ר ס: א ניין, דו אויך, מעהר ווי דו רעכענסט.

ר י ט א: (נעהנטער א טריט) הער זיך איין, אלמערס. איז עס אונמעגליך, זאלסט זיך אויפ'ם ניי נעהמען פאר דיין ארבייט?

א ל מ ע ר ס: די ארבייט, וואס דו האסט תמיד געהאסט.

ר י ט א: האב אנגעהויבען בענוגענען זיך מיט וועניג. איך בין גרייט צו טיילען דיך מיט דיין ווערק.

א ל מ ע ר ס: פארוואס?

ר י ט א: כדי צו האבען דיך נעבען מיר, נאהענט צו מיר.

א ל מ ע ר ס: א, איך קען דיר אזוי וועניג העלפען, ריטא.

ר י ט א: אפשר וואלט איך דיר געקאנט העלפען?

א ל מ ע ר ס: ביי דער ארבייט, מיינסטו?

ר י ט א: ניין, איך מיין העלפען דיר לעבען דיין לעבען.

א ל מ ע ר ס: (שאקעלט מיט'ן קאפ) מיר דוכט, איך האב ניט וואס צו לעבען.

ר י ט א: דאן העלף איך דיר דאס לעבען איבערטראגען.

א ל מ ע ר ס: (קוקט פינסטער פאר זיך) איך מיין, ס'וואלט געווען גלייכער פאר אונז ביידע, מיר זאלען זיך צושיידען.

ר י ט א: (קוקט פארשענדיג אויף איהם) וואוהין וועסטו געהן? אפשר, צו אסטא'ן?

א ל מ ע ר ס: צו אסטא'ן קיינמאל מעהר, פון איצט אן.

ר י ט א: וואוהין פארט?

א ל מ ע ר ס: אהין — אין איינזאמקייט אוועק.

ר י ט א: אויף די הויכע בערג — מיינסטו?

א ל מ ע ר ס: יא.

ר י ט א: דאָס איז דאָך אַלץ חלומות, אַלפרעד. וועסט ניט קענען לעבען דאָרט, אין דער הויך.

אַ ל מ ע ר ס: און דאָך ציהט עס מיך אהין.

ר י ט א: פאַרוואָס? זאָג!

אַ ל מ ע ר ס: זעץ זיך צו, איך וועל דיר עפּעס דערצעהלען.

ר י ט א: עפּעס, וואָס איז מיט דיר געשעהן.

אַ ל מ ע ר ס: יאַ.

ר י ט א: און דו האָסט עס פון אַסטאַ'ן און מיר בעהאַל־טען?

אַ ל מ ע ר ס: יאַ.

ר י ט א: אימער בעהאַלטסט דו אַלעס, מען דאַרף ניט.

אַ ל מ ע ר ס: זעץ זיך און איך וועל דיר דערצעהלען.

ר י ט א: יאַ, יאַ — רעד (זעצט זיך נעבען דער אַלטאַנע אויף אַ באַנק).

אַ ל מ ע ר ס: איך בין אַליין געווען דאָרט אין דער הויך, אויף די שפּיצען־בערג. עפּעס בין איך פאַרגאַנגען אין אַ וויסטען געגענד צו אַ גרויסער אָזערע, האָב געדאַרפט אַריבער אויפ'ן אַנ־דערען ברעג. ניט געקענט טהאָן, ווייל איך האָב קיין מענשען ניט געזעהן דאָרט, ניט קיין שיפעל.

ר י ט א: וואָס זשע האָסטו געטהאָן?

אַ ל מ ע ר ס: האָב איך זיך געלאָזט אויף גאָט'ס בעראָט אָן אַ זייט צו אַ טהאָל צו. געמיינט, איך וועל קענען אין דער הויך, צווישען די בערג־שפּיצען אַ וועג געפינען און דערנאָך זיך אַראָב־לאָזען אונטען אויף דער אַנדערער זייט וואַסער.

ר י ט א: האָסט פערבלאָנדזשעט, אַלפרעד?

אַ ל מ ע ר ס: יאַ, איך האָב אַ טעות געהאַט אין דער ריכ־טונג, ווייל ס'איז ניט געווען קיין וועג, און קיין סטעזשקע ניט. האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקיעט אַ גאַנצען טאָג, און אַ גאַנצע נאַכט דערצו. צו'ם סוף האָב איך פערלוירען יעדע האָפנונג צו דערגעהן צו אַ מענשליכען ישוב.

ריטא: אויך צו אונז ניט — א היים? איך בין זיכער, אז אין דיינע געדאנקען האסטו זיך געאיילט אהיים.

אלמערס: ניין, דאס ניט.

ריטא: ניין?

אלמערס: ניין, ס'איז געווען אזוי מאדנע, עפעס האט זיך מיר געדוכט, אז איהר זייט ווייט, ווייט פון מיר. דו, עאלף, און אסטא אויך.

ריטא: וואס האסטו געטראכט?

אלמערס: האב גארניט געטראכט, בין געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער, אין דער לענג פון די אבגרונדען און מיין נשמה איז געווען פול רוה און גליקזעליגקייט, וואס דער מענש פיהלט אויפ'ן שוועל פון טויט.

ריטא: (שפרינגט אויף) וואס זיינען דאס פאר ווערטער, — רעדסט דאך פון אזעלכע שרעקליכע זאכען!

אלמערס: איך האב געהאט אזא געפיהל, קיין זכר פון שרעק. דער טויט און איך, מירביידע געהן אונטער וועג, ווי צוויי הארציגע וועג־חברים, האט זיך מיר געדוכט. דאס איז דאך גאנץ נאטירליך, גאנץ איינפאך, טראכט איך מיר. דען אין מיין פאמיליע, עלטערט מען זיך ניט —

ריטא: רעד ניט קיין נארישקייטען, אלפרעד! ביסט דאך בשלום ארויס.

אלמערס: יא, פלוצלינג שטעה איך ביי'ם ציעל — אויף יענער זייט וואסער.

ריטא: ס'איז געווען א שרעקליכע נאכט פאר דיר, אל־פרעד. ווילסט זיך איצט ניט מודה זיין.

אלמערס: די נאכט האט מיך דערהויבען צו א בעשלוס. דערנאך האב איך זיך אומגעקעהרט און אוועק גלייך אהיים צו עאלפען.

ריטא: (שטיל) צו שפעט געוועזן.

אלמערס: יא, און ווען ס'איז געקומען מיין וועג־חבר

און האָט איהם אוועקגעטראָגען — איז מיך א שרעק בעפאַלען — פאר איהם — פאר אלץ ארום אונז, וואָס איז אונז דאָך אזוי טייער. צוגעבונדען צו דער ערד זיינען מיר, ריטא, מיר ביידע.

ר י ט א: (מיט א פונק פרייד) זעהסט, דו אויך! (נעהנטער צו איהם) אָ, לאָמיר צוזאמען לעבען אונזער לעבען וואָס לענגער.

א ל מ ע ר ס: (קוועטשט מיט די פּלייצעס) לעבען, יא! און ניט האָבען גאָרניט, וואָס זאָל אנפילען דאָס לעבען! אלץ איז אומזיניג און פוסט, וואו נור דו גיסט א קוק.

ר י ט א: (אומרוהיג) אָך, פריהער אָדער שפּעטער וועסטו מיך פערלאָזען, אלפרעד! איך פיהל עס, איך זעה עס אן דיר. וועסט אוועק געהן פון מיר?

א ל מ ע ר ס: מיט מיין וועג־חבר מיינסטו?

ריטא: ניין, איך מיין עפּעס ערגערעס. וועסט מיך פריי־וויליג פערלאָזען, דען נור דאָ, מיט מיר, דוכט זיך דיר, איז קיין ציעל פאר דיר ניטאָ, ענטפער! דאָס האָסטו אין געדאַנק?

א ל מ ע ר ס: (קוקט אויף איהר הארט) און אז יאַ—?

(פון אונטען הערט זיך א וויטער געוויש, צובייזערטע קולות, אַלמערס געהט צו צו׳ם געלענדער.)

ר י ט א: וואָס קען עס דען זיין? (אויפגערעגט) אַ, וועסט זעהן, זיי האָבען איהם געפונען!

א ל מ ע ר ס: מען וועט איהם קיינמאָל ניט געפינען.

ר י ט א: וואָס זשע איז עס?

א ל מ ע ר ס: (געהט צו) וויעדער א געשלעג, ווי אימער, די מענער זיינען אהיים געקומען. שכור׳ע, ווי אלעמאָל. זיי שלאָגען די קינדער, הער זיך נור איין, ווי די אינגלעך שרייען. די פרויען יאמערן, בעטען הילף —

ר י ט א: לאָמיר שיקען עמיצען צו הילף —

א ל מ ע ר ס: (בייז און פינסטער) הילף — צו די — וואָס האָבען ניט געהאָלפען עאָלפ׳ען. זאָלען זיי אומקומען, ווי זיי האָבען עאָלפ׳ען געלאָזט אומקומען.

ר י ט א: אַך, דארפסט ניט אזוי רעדען, אלפרעד! דארפסט ניט אזוי טראכטען!

א ל מ ע ר ס: איך קען ניט טראכטען אנדערש, די אלטע חורבות מוז מען אברוימען.

ר י ט א: וואָס וועט ווערען פון די אלע אָרימע מענשען?

א ל מ ע ר ס: זאָלען זיי געהן ערגעץ אנדערש!

ר י ט א: און די קינדער?

א ל מ ע ר ס: צי איז ניט אלץ איינס, וואו זיי וועלען אומקומען?

ר י ט א: (ווארפט איהם שטיל אויף) צווינגסט זיך צו זיין אזא אכזר, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: (אויפגערעגט) איך האָב רעכט צו זיין אן אכזר איצט. און א פליכט.

ר י ט א: א פליכט?

א ל מ ע ר ס: מיין פליכט צו עאָלפ'ען. זיין טויט טאָר ניט בלייבען אָהן נקמה. הכלל, ריטא! הער זיך איין, בעטראכט גוט, וואָס איך זאָג דיר. דעם גאנצען אָרט אונטען — גלייך אוים מיט דער ערד, א תל עולם מאך פון איהם, — ווען איך וועל אוועקגעהן.

ר י ט א: (קוקט איהם ערנסט אָן) ווען דו וועסט אוועקגעהן?

א ל מ ע ר ס: וועסטו האָבען מיט וואָס דאָס לעבען אָנצו־פילען. דאָס מוזטו האָבען.

ר י ט א: (ענטשלאָסען) ביסט גערעכט, דאָס מוז איך האָבען. אָבער טרעף, וואָס איך וועל טהאָן, ווען דו וועסט אוועק?

א ל מ ע ר ס: וואָס, א שטייגער?

ר י ט א: (פאמעליך, ענטשלאָסען) ווי דו וועסט נור אוועק, וועל איך אראָב צו'ם ברעג־געגענד און וועל צונויפנעהמען אלדי אָרימע, פערלאָזענע קינדער, צו זיך אהיים אלע מיאוסע אינגלעך —

א ל מ ע ר ס: וואָס וועסטו מיט זיי טהאָן?

ר י ט א: איך וועל זיי צו זיך נעהמען.

א ל מ ע ר ס: דו?

ר י ט א: יא, איך. פונ'ם טאָג אָן, וואָס דו וועסט מיך פער־לאָזען — וועלען זיי אַלע דאָ זיין, אלע צוזאמען, ווי זיי וואָלטען מיינע אייגענע קינדער געווען.

א ל מ ע ר ס: (אויפגעבראכט) אנשטאט דעם קליינעם עאָלף!

ר י ט א: יא, אנשטאט דעם קליינעם עאָלף. זיי וועלען וואוינען אין עאָלפ'ס צימער. לערנען זיינע ביכלעך. מיט זיינע שפּילצייג שפּילען זיך. זיי וועלען איינער נאָכ'ן אנדערן זיצען ביי'ם טיש אויף זיין שטוהל.

א ל מ ע ר ס: דו רעדסט ווי פון היץ! איך האָב ניט בע־געגענט קיין מענש אין דער וועלט, וואָס זאָל וועניגער טויגען פאר אזא זאך, ווי דו.

ר י ט א: אויב אזוי, וועט מיר אויסקומען אנדערש צו ווע־רען. איך וועל זיך לערנען — געוואוינען.

א ל מ ע ר ס: אויב דו מיינסט עס אלץ ערנסט, איז אַן ענ־דערונג אין דיר פאָרגעקומען.

ר י ט א: אודאי, אלפרעד. און דיר צו פערדאנקען. האָסט געלאָזט א פּוסטקייט אין מיין נשמה, מוז איך עס מיט וואָס ס'איז אָנפילען; מיט עפּעס, וואָס איז כאָטש אביסעל צו ליעבע עהנליך.

א ל מ ע ר ס: (שטעהט אביסעל פערטראכט, קוקט דערנאָך אויף איהר) אייגענטליך האָבען מיר גאָר וועניג געטהאָן פאר די אָרימע מענשען דאָרט אונטען.

ר י ט א: מיר האָבען פאר זיי גאָרניט געטהאָן.

א ל מ ע ר ס: מיר האָבען קוים אמאָל וועגען זיי א טראכט געטהאָן.

ר י ט א: מיר האָבען קיינמאָל ניט מיטגעפיהלט מיט זיי.

א ל מ ע ר ס: מיר, וואָס האָבען פערמאָגט „גאָלדענע בערג“.

ר י ט א: פערמאכט זיינען אונזערע הענד געווען פאר זיי, און אונזערע הערצער —

א ל מ ע ר ם: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האָבען זייער לעבען ניט איינגעשטעלט פאר'ן קליי־נעם עאָלף.

ר י ט א: (שטיל) ביסט זיכער, אז מיר וואָלטען עס געוואגט!

א ל מ ע ר ם: (בעאונרוהיגט, בעשיצענדיג זיך) נו אין דעם ריטא, צווייפעל שוין ניט!

ר י ט א: ווייסט דאָך, מיר זיינען בלויז שטערבליכע מענשען.

א ל מ ע ר ם: וואָס אייגענטליך טראכסט דו צו טהאָן פאר די אלע פערוואָרפענע קינדער?

ר י ט א: קודם כל, וועל איך פּרואווען פערגרינגערן זייער לעבענסשיקזאל, און ערדעלער מאכען זיי.

א ל מ ע ר ם: אויב דאָס וועט דיר געראָטען, איז דער קליינער עאָלף ניט אומזיסט געבוירען געוואָרען.

ר י ט א: און ניט אומזיסט צוגענומען געוואָרען פון אונז.

א ל מ ע ר ם: (קוקט אויף איהר שטאַר) איינס מוזטו קלאָר אין זינען האָבען, ריטא. דאָס, וואָס טרייבט דיך צו דיין נייער ארבייט איז ניט ליעבע.

ר י ט א: יא, ניט ליעבע, אלענפאלס. דערווייל איז עס נאָך ניט ליעבע.

ר י ט א: וואָס אייגענטליך?

ר י ט א: (האלב אויסמיידענדיג) האָסט אזוי אָפט גערעדט מיט אסטא'ן וועגען דעם מענשענ'ס פעראנטוואָרטליכקייט —

א ל מ ע ר ם: דאָס ווערק, וואָס דו האָסט געהאסט.

ר י ט א: איך האָס נאָך איצט דאָס ווערק, איך האָב זיך דאָך צוגעהערט. ווען דו פלעגסט דערצעהלען. איצט וועל איך פּרוּ־ווען דורכפיהרען עס אין לעבען. אויף מיין שטייגער.

אלמערס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניט שוין זשע דעם ניט־דערענדיגטען ווערק צוליעב —

ריטא: ניין, איך האָב נאָך אנאנדער גרונד.

אלמערס: וואָס פאר א גרונד?

ריטא: (שטיל, מיט אַ טרויעריגען שמייכעל) איך וויל גע־נאך געפינען ביי די גרויסע, אָפענע אויגען, פערשטעהסט —

אלמערס: (צוטומעלט, קוקט אויף איהר שטאר) אפשר וואָלט איך אויך געקענט דיר ביישטעהן אין דער ארבייט? דיר העלפען, ריטא?

ריטא: ווילסט?

אלמערס: ווען איך וואָלט נור געוואוסט, אז איך קען עס.

ריטא: (וואקעלט זיך) דאן מוזטו אָבער בלייבען דאָ.

אלמערס: (שטיל) לאָמיר פּרואווען, אפשר וועט עס אונז געראָטען.

ריטא: (קוים וואָס מען הערט) לאָמיר פּרואווען, אלפרעד.

(ביידע שטעהען א צייט שווייגענדיג. דערנאָך געהט צו אלפרעד צום פלאַגשטאָק און הענגט אויף די פאָהן ביז גאָר אין דער הויך. ריטאַ שטעהט ביי דער אַלטאַנע און קוקט אויף איהם שווייגענדיג.)

אלמערס: (געהט ווידער צו צו איהר) אונז שטעהט פאָר א שווערער ארבייטס־טאג, ריטא.

ריטא: וועסט זעהן, אמאָל וועט אויך אין אונזער גע־צעלט שטילע יום־טוב רוה נידערן.

אלמערס: (שטיל, מיט געפיהל) אין מיר וועלען אפשר אין דער נאָהנט טריט פון גייסטער פיהלען.

ריטא: (שעפּטשעט) גייסטער?

אלפרעד: (ווי פריהער) יא, אפשר וועלען זיי ארום אונז זיין, די וואָס מיר האָבען פערלוירען.

ריטא: (שאָקעלט לאנגזאם מיט'ן קאָפּ) אונזער קליינער עאָלף. און דיין גרויסער עאָלף, אויך.

אלמערם: (קוקט שטאַר פאַר זיך) מיר וועלען, ס'קען זיין, נאָך פון צייט צו צייט, אויף אונזער לעבענסוועג, כאַטש אַן אָבגלאַנץ זייערן דערזעהן.

ריטא: וואוהין זאָלען מיר אונזער אויג ווענדען, אַל־פּרעד?

אלמערם: (קוקט אויף איהר) אין דער הויך.

ריטא: (שאָקעלט איינשטימענדיג) יא, יא — אין דער הויך.

אלמערם: אין דער הויך — צו די שפּיצען־בערג. צו די שטערן און דער גרויסער שטילקייט.

ריטא: (גיט איהם די האַנד) א דאנק דיר.

ע נ ד ע.

יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן

איבערזעצט פון א. פרומקין

פערזאנען:

יאהאן גאבריעל בארקמאן, געוועזענער באנק־דירעקטאר.

מאדאם גונהילד בארקמאן, זיין פרוי.

ערהארד בארקמאן, סטודענט, זייער זוהן.

פרייליין עללא רענטהיים, מאדאם בארקמאן'ס צווילינג־שוועסטער.

מאדאם פעני ווילטאן.

ווילהעלם פאלדאל, געהילף־שרייבער אין א מיניסטעריום.

פרידא פאלדאל, זיין טאכטער.

א דיענסטמיידעל, ביי מאדאם בארקמאן.

די האנדלונג קומט פאר אין א ווינטער־אבענד אין'ם הויז פון דער פאמיליע רענטהיים, ניט וויט פון דער הויפט־שטאדט.

ערשטער אַקט.

מאַדאַם באַרקמאַן׳ס וואוין־צימער. אין דער אויסשטאַטונג איז קענטיג דער אַבבלאַקירטער גלאַנץ פון אַמאָליגע בעסערע צייטען. אַן אָפענע רוק־טיר פיהרט צו אַ גאַרטען־צימער מיט פענסטער און א גלעזערנער טיר אין היגטערגרונד. דורך די טיר קען מען אריינקוקען אין גאָרטען, וואו עס טרייבט אַ שנעע. ביי דער רעכטער זייטען־וואַנד אַ טיר, וואָס פיהרט אריין פון הויף. ווייטער פאָרענט — אַ גרויסער, אַלטער, אייזערנער אויוועז, וועלכער הייצט זיך. לינקס, אַביסעל היבּטערוויילאַכס, אַן איינצעלנע, קלענערע טיר. פאָרענט לינקס, א פענסטער מיט שווערע פאָרהאַנגען. צווישען דעם פענסטער און דער טיר אַ קאַנאַפע, בעצויגען מיט פערד־האָר און דערביי אַ פערדעקטער טיש. אויף׳ן טיש אַן אנגעצונדענער לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור. ביים אויוועז אַ הויכער אָרם־שטוהל.

מאַדאַם באַרקמאַן זיצט אויף דער קאַנאַפע ביי איהר העקעל־אַרבייט. זי איז אַן עלטערע פרוי מיט אַ קאַלטען, בכבוד׳יגען אויסזעהן. זי האַלט זיך שטייף, איהר פּנים שטרענג און שטאַר. איהרע געדיכטע האָר זיינען שטאַרק גראָה. די הענד זייגען פיין און דורכזיכטיג. זי טראָגט אַ שווער, דונקעל זיידען־קלייד, וואָס איז אַמאָל געווען זעהר עלעגאַנט, נאָר איצט איז עס אַבגענוצט און אַלט. איבער די שולטערן אַ וואָלענעם שאַל. זי זיצט אַ ווייַלע פערטראַכט, אונבעווועגליך, מיט איהר העקעל־אַרבייט אין האַנד. פון דרויסען הערט זיך דער גערויש פון אַ פערביי־פאַהרענדען שליטען.

מאַדאַם באַרקמאַן (הערט זיך צו; איהרע אויגען פינקלען אויף פון פרייד, שעפּטשעט): ערהאַרד! ענדליך!

זי הויבט זיך אויף און קוקט אַרום דורך די פאָרהאַנגען, זי זעהט אויס ענטטוישט און זעצט זיך צוריק אַנידער אויף דער קאַנאַפע צו איהר ארבייט.

אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַרײַן דאָס דיענסט־מײדעל דורך די קאָרידאָר־טיר, און טראָגט אַרײַן אַ וויזיט־קאַרטע אויף אַ טאַץ.

מאַדאַם באָרקמאַן (שנעל): דער יונגער הערר — דאָס איז ער דאָך געקומען?

דאָס דיענסט־מײדעל: ניין, מאַדאַם. ס׳איז אַ דאַ־מע דרויסען —

מאַדאַם באָרקמאַן (לעגט אַוועק די העקעל־אַרבייט אַן אַ זייט): אַך, מאַדאַם ווילטאָן —

דאָס דיענסט־מײדעל (נעהענטער): ניין, ס׳איז אַ פרעמדע דאַמע.

מאַדאַם באָרקמאַן (שטרעקט אויס די האַנד נאָך דער קאַרטע): לאָמיך זעהן — (לייענט איבער דעם נאָמען, הויבט זיך שנעל אויף און וואַרפט אַ שאַרפען בליק אויף דער דיענסט). זייט איהר זיכער, אז די קארטע איז פאר מיר?

דאָס דיענסטמײדעל: יאָ, זי איז פאר דער מאַ־דאם; אזוי האָב איך עס פערשטאַנען.

מאַדאַם באָרקמאַן: האָט זי געזאָגט, אז זי וויל רע־דען מיט מאדאם באָרקמאַן?

דאָס דיענסטמײדעל: יאָ, אזוי האָט זי געזאָגט.

מאַדאַם באָרקמאַן (ענטשלאָסען): נו גוט; זאָגט, אז איך בין אין דערהיים.

דאָס דיענסט־מײדעל עפענט פאַר דער פרעמדער די טיר און געהט אַליין ארויס.

עללאַ רענטהיים קומט אַרײַן אין צימער. זי זעהט אויס עהנליך צו איהר שוועסטער; דאָך איהר געזיכט האָט גיכער אַ לײַ־דענדען איידער אַ האַרטען אויסדרוק. עס טראָגט נאָך די סימנים פון אַמאָליגער גרויסער און כאַראַקטערפולער שעהנקייט. די געדיכטע האָר פערקאַמט פון׳ם שטערן אַרויף און זיינען ווייס ווי זילבער. זי טראָגט אַ שוואַרץ סאַמעטען קלייד מיט אַ הוט און אַ פעלצמאַנטעל פון׳ם זעלבען שטאָף. ביידע שוועסטער שטעהען אַ ווײַלע און קוקען זיך אָן מיט

דורכדרינגליכע בליקען. ס'זעהט אויס, ווי יעדע פון זיי ערוואַרט, אַז די אַנדערע וועט אָנפאַנגען רעדען.

עללא רענטהיים וועלכע בלייבט שטעהן לעבען טיר): יאָ, גונהילד, קענסט קוקען אויף מיר מיט פערוואונדערונג.

מאדאם באָרקמאן (שטעהט אונבעוועגליך צווישען קאַנאַפּע און טיש און דריקט די שפּיץ־פינגער אין טיש־טוך): האָסטו ניט פערבלאָנדזשעט? דער פערוואַלטער וואוינט דאָך אין דער געביידע ביי דער זייט.

עללא רענטהיים: ניט מיט'ן פערוואלטער וויל איך היינט רעדען.

מאדאם באָרקמאן: פערלאַנגסטו פון מיר עפּעס?

עללא רענטהיים: יאָ, כ'האָב מיט דיר א פּאָר ווערטער צו רעדען.

מאדאם באָרקמאן (אַ טראָט געבענדיג פאָרווערטס): נו, — זעץ זיך.

עללא רענטהיים: א דאנק; איך קען גאנץ גוט שטעהן א קליינע ווייל.

מאדאם באָרקמאן: ווי דו ווילסט זיך. אָבער טהו וועניגסטענס אויס דעם מאַנטעל.

עללא רענטהיים (קנעפּעלט זיך אויף דעם מאַנטעל): ס'איז ווירקליך זעהר ווארים דאָ —

מאדאם באָרקמאן: איך פריהר שטענדיג.

עללא רענטהיים (שטעהט אַ ווײַלע און בעטראַכט זי, שפּארט בשעת מעשה אָן איהר אָרם אָן דעם רוקען פון אָרם־שטוהל): יאָ, — גונהילד, שוין באלד אכט יאָהר, זינט מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געזעהן.

מאדאם באָרקמאן (קאַלט): יעדענפאלס זינט מיר האָבען געזעדט איינע צו דער אנדערער.

עללא רענטהיים: ריכטיגער געזאָגט: זינט מיר האָבען גערעדט איינע צו דער אנדערער, יאָ. וויל געזעהן האָסט דו

מיך נאָך אמאָל — ווען איך האָב געמוזט מאכען מיין יעהרליכע רייזע אהער צום פערוואלטער.

מאדאם באָרקמאַן: איינס אָדער צוויי מאָל, גלויב איך.

עללא רענטהיים: איך האָב דיך אויך אַ פּאָר מאָל פערביילויפענדיג געזעהן. ביים פענסטער דאָרט.

מאדאם באָרקמאַן: דו האָסט מיך געמוזט זעהן הינ־טער די פאָרהאנגען. דו האָסט גוטע אויגען. (הארט און שניידענ־דיג): געררעדט אָבער האָבען מיר דאָס לעצטע מאָל, ביי מיר אין צימער —

עללא רענטהיים (ווי זי וואָלט איהר ווען אָבהאַל־טען): יאָ; יא, — איך וויים, גונהילד!

מאדאם באָרקמאַן: איין וואָך איידער ער — איידער ער איז ארויסגעקומען.

עללא רענטהיים (שפּאַצירט איבער'ן צימער): אַך, דערמאָן כּאָטש דאָס ניט!

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ פעסטער אָבער שטילער שטי־מע): ס'איז געווען די וואָך, איידער ער — דער באַנק־דירעקטאָר איז ארויס פריי.

עללא רענטהיים (מאכט עטליכע טריט פאָרווערטס): געוויס, געוויס! יענע שטונדע וועל איך אודאי ניט פערגעסען! אָבער עס איז צו שרעקליך צו דענקען וועגען דעם. צו טראכטען דערפון אפילו איין אויגענבליק — אָה!

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ האַלב פערשטיקטען טאָן): און דאָך מוזען זיך די געדאנקען דרעהען נאָר ארום דעם! (שטאַרק אויפגערעגט, פערברעכענדיג מיט די הענד): ניין, איך בעגרייף עס גאָר ניט! מיין לעבען לאנג וועל איך עס ניט בעגרייפען! איך קען גאָר ניט פערשטעהן, ווי אזוי אזא זאך — אזא שרעקליכער בראָך האָט געקענט קומען אויף וועלכער עס איז פאמיליע! און בערעכען נור — אויף אונזער פאמיליע! אויף אזא אנשטענ־דיגער פאמיליע ווי אונזערע! ווער האָט עס געזאָלט דענקען, אז

גראָד זי וועט דערפון געטראָפּען ווערען!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: אך, גונהילד — עס זיינען נאָך געווען אַ סך, אַ סך אנדערע פאמיליען, וועמען דער שלאָג האָט געטראָפּען.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן: נו, יאָ; אָבער פאר די אַלע אנדערע אָרט מיך ניט אזוי שטארק. דען יענע האָבען דאָך נור פערלאָרען אביסעל געלד — אָדער עטליכע פאפירען! אָבער מיר —! איך! און דאָן ערהארד — װעלכער איז דאמאָלסט נאָך אַ קליין קינד געװען! (מיט אַלץ מעהר אויפרעגונג). די שאנדע, וואָס איז אונז צוויי אונשולדיגע אָנגעטהאָן געוואָרען! די חרפה! די מיאוס'ע, שרעקליכע חרפה! און דערצו נאָך פאָלשטענדיג רואינירט!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (פאָרזיכטיג): זאָג מיר, גונהילד, — ווי טראָגט ער עס אריבער?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן: ערהארד, מיינסטו?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: ניין, — ער אַליין. ווי טראָגט ער עס אריבער?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן (איראָניש): דו מיינסט, אז איך פרעג זיך נאָך וועגען דעם?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: פרעגען? דו דארפסט דאָך ניט פרעגען —

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן (קוקט איהר אָן ערשטוינט): דו דענקסט דאָך ניט, אז איך פערקעהר מיט איהם? אז איך קום זיך מיט איהם צוזאמען? אז איך זעה איהם ווען עס איז פאר מיינע אויגען?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: אפילו דאָס ניט!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן (מיט דערזעלבער מינע): ער, וואָס האָט געמוזט זיצען פינף יאָהר הינטער שלאָס און ריגעל! (פערדעקט זיך דאָס געזיכט מיט ביידע הענד). אָה, וואָס פאר אַ שמאך! (מיט מעהר אויפרעגונג). און אז מען בעדענקט זיך נאָך, וואָס דער נאָמען יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן האָט צו יענער צייט בעדייטעט!

— ניין, ניין, ניין, — איך וויל איהם קיינמאָל מעהר ניט זעהן! — קיינמאָל ניט!

עללא רענטהיים (קוקט איהר אָן אַ ווײַלע): האָסט א שטיינערן הארץ, גונהילד.

מאדאם באָרקמאן: אנטקעגען איהם, יאָ!

עללא רענטהיים: ער איז דאָך דיין מאַן.

מאדאם באָרקמאן: האָט ער ניט געזאָגט פאר'ן גע־ריכט, אז איך בין געוועזן די ערשטע אורזאך פון זיין אומגליק? אז איך האָב אויסגעגעבען צופיעל געלד —?

עללא רענטהיים (פאַרזיכטיג): איז דען ניט געוועזן אין דעם אביסעל אמת?

מאדאם באָרקמאן: האָט ער עס אליין ניט געוואָלט? אלץ האָט געמוזט געפיהרט ווערן מיט א אונזיניגען לוקסוס —

עללא רענטהיים: דאָס ווייס איך וואויל. אָבער טא־קע דערפאר האָסטו איהם בעדארפט אָבהאלטען דערפון. און דאָס האָסטו ניט געטהאָן.

מאדאם באָרקמאן: האָב איך דען געוואוסט, אז עס איז ניט זיין אייגען געלד, — דאָס געלד וואָס ער האָט מיך גע־לאָזט פערשווענדען? און וואָס ער האָט אליין אויך פערשווענ־דעט. צעהן מאָל ערגער נאָך ווי איך!

עללא רענטהיים (רוהיג): נו, דאָס שטעל איך מיר פאָר האָט אזוי געדארפט זיין צוליעב דער שטעלע, וואָס ער האָט פערטראָטען. א גרויסער טייל, וועניגסטענס.

מאדאם באָרקמאן (שפּאָטיש): נאטירליך, ס'האָט דאָך שטענדיג געהייסען, אז מיר מוזען „זיך ארויסווייזען", און ארויסווייזען זיך, דאָס האָט ער געקאָנט גרינדליך! מיט א פיער־שפאן פלעגט ער ארויספאָהרען, — פונקט ווי ער וואָלט געוועזן א קעניג. געלאָזט דעם עולם זיך בוקען פאר איהם, ווי פאר א קע־ניג. (לאַכט). און ביים ערשטען נאָמען האָבען זיי איהם גערופען — אין גאנצען לאנד, — אקוראט ווי ער וואָלט געוועזן דער קעניג

אליין. „יאָהאַן גאבריעל", יאָהאַן גאבריעל". יעדעס קינד האָט גע־וואוסט, וואָס פאר א שררה „יאָהאַן גאבריעל" איז!

עללא רענטהיים (פעסט און מיט וואַרעמקייט): ער איז דאָך ווירקליך דאמאָלסט געווען א גרויסער מאַן.

מאדאם באָרקמאַן: אזוי האָט עס אויסגעוויזען. אָבער קיינמאָל, מיט קיין איין איינציגען וואָרט, האָט ער מיר ניט געגע־בען צו פערשטעהן, וואו ער האָט אייגענטליך געהאלטען אין דער וועלט. קיינמאָל האָב איך פון איהם ניט געהערט, וואו ער האָט גענומען די מיטלען צו אזא גרויסארטיגען לעבען.

עללא רענטהיים: דאָס איז מעגליך, — אנדערע מענ־שען האָבען דאָך אויך דערפון קיין אהנונג ניט געהאַט.

מאדאם באָרקמאַן: ווי ער האָט געהאנדעלט געגען אנדערע וואָלט איך איהם נאָך מוחל געווען. אָבער מיר איז ער פערפליכטעט געווען צו זאָגען די ווארהייט. און דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געטהאָן; נור געליינט האָט ער מיר, — שענדליך געליינט —

עללא רענטהיים (שלאָגט איהר איבער די רייד): דאָס האָט ער זיכער ניט געטהאָן, גונהילד! ער האָט אפשר פערשוויגען דעם אמת! אָבער קיין ליגען האָט ער זיכער ניט געזאָגט.

מאדאם באָרקמאַן: רוף עס ווי דו ווילסט. ס'איז אלץ איינס. דאן איז אָבער געקומען דער קראַך. אלצדינג איז חרוב געוואָרען. די גאנצע גדולה איז געגאנגען צום טייפעל.

עללא רענטהיים (פאַר זיך): יאָ, אלצדינג איז חרוב געוואָרען, — פאר איהם — און פאר אנדערע.

מאדאם באָרקמאַן (דראָהענד): אָבער וויסען זאָלסט דו, עללא, — אונטערגעגעבען האָב איך זיך נאָך אויף קיין פאל ניט! איך וועל נאָך וויסען, ווי אזוי זיך אָבצורעכענען. קענסט זיך פערלאָזען דערויף!

עללא רענטהיים (געשפּאַנט): אָברעכענען זיך? וואָס מיינסטו דערמיט?

מאדאם בארקמאן: אַברעכענען זיך פאר'ן פערלאָ־רענעם נאָמען און פאר דער עהרע און דעם רייכטהום! א בעצאָה־לונג פאר מיין גאנצען פערשפּיעלטען לעבען, אָט דאָס מיין איך! איך האָב אָנגעגרייט איינעם, דו מעגסט עס וויסען.—איינעם, וועל־כער זאָל ריינוואשען אַלצדינג, וואָס — דער באַנק־דירעקטאָר האָט בעשמוצט.

עללא רענטהיים: אָבער גונהילד! גונהילד!

מאדאם בארקמאן (מיט אַ העכערען טאָן): זיי וויסען, עס לעבט א ראַכע־נעהמער! איינער, וועלכער דאַרף פערריכטען און גוט־מאַכען אַלצדינג, וואָס זיין פאָטער האָט געגען מיר פער־בראָכען.

עללא רענטהיים: ערהארד, הייסט עס!

מאדאם בארקמאן: יאָ, ערהארד, — מיין הערליכער יונג! ער וועט ווידער אויפריכטען דאָס הויז, די פאמיליע, דעם נאָמען! אַלעס, וואָס קען נאָך צוריקגעשטעלט ווערן אויף די פיס. — און פיליייכט נאָך מעהר.

עללא רענטהיים: און ווי אזוי, מיינסטו, קען דאָס געשעהן?

מאדאם בארקמאן: זאָל דאָס געשעהן ווי עס וויל. איך וויים ניט, ווי אזוי עס וועט קומען. אָבער איך וויים, אז עס וועט אמאָל קומען, אז עס מוז קומען. (קוקט זי אָן מיט אַ פראַגע אין די אויגען). יאָ, — עללא, — האָסט דו זיך דען אייגענטליך ניט ארומגעטראָגען מיט דעם זעלבען געדאנק, פון דער צייט אָן וואָס ער איז נאָך געוועזען א קליין קינד?

עללא רענטהיים: ניין, דאָס קען איך אייגענטליך ניט זאָגען.

מאדאם בארקמאן: ניין? פאר וואָס דען האָסטו איהם גענומען אונטער דיין שוץ? דאַמאָלסט, ווען דער שטורם האָט אויסגעבראָכען איבער — איבער אָט דעם הויז.

עללא רענטהיים: דו אליין האָסט דאָך דאַמאָלסט דאָס ניט געקענט טהאָן, גונהילד.

מאדאם באָרקמאן: אך ניין, — דאָס איז גאנץ ריכטיג. און זיין פאָטער — ער האָט געהאט אזא וויכטיגען גרונד אָבצוהאלטען זיך, — דאָרט, וואו ער איז געזעסען, — אזוי גוט געהיט —

עללא רענטהיים (צוקאָכט): אָה, ווי קענסט דו גאָר ארויפברייגנען אזעלכע ווערטער אויף די ליפען? — דו!

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ גיפטיגען שמייכעל): און דו האָסט געקענט ביי זיך פועל'ן צוצונעהמען צו זיך א קינד, — דאָס קינד פון א יאָהאן גאבריעל! אקוראט ווי דאָס וואָלט געווען דיין אייגען קינד —. ביי מיר עס צונעהמען, — און דערמיט אהיימפאָהרען. און האלטען איהם ביי דיר יאָהר־אוים יאָהר־איין. ביז וואנען דער איינגעל איז שוין כמעט געווען דערוואקסען. (קוקט זי אָן מיט מיסטרויען). פארוואָס האָסטו דאָס אייגענטליך געטהאָן, עללא? פארוואָס האָסטו איהם געהאלטען ביי זיך?

עללא רענטהיים: איך האָב איהם מיט דער צייט אזוי הארציג ליעב געקראָגען —

מאדאם באָרקמאן: מעהר נאָך ווי איך, — זיין מוטער!

עללא רענטהיים (אויסווייכענדיג): דאָס ווייס איך ניט. און אחוץ דעם איז דאָך ערהארד געווען א שוואכליך קינד איינגעלוויז.

מאדאם באָרקמאן: ערהארד — א שוואכליכער!

עללא רענטהיים: יא, אזוי האָט זיך מיר געדוכט — דאמאָלסט ווענינגסטענס. און אויסער דעם איז דאָך די לופט אין מעריב־געגענד א סך מילדער ווי דאָ, ווייסטו.

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ ביטערען שמייכעל): אזוי גאָר. כ'האָב גאָר ניט געוואוסט. (אָבהאַקענדיג דעם געשפרעך). יאָ, דו האָסט ווירקליך געטהאָן זעהר פיעל פאר ערהאַרד'ן. דו. (ענדערט דעם טאָן). נו, ס'פערשטעהט זיך, דו האָסט דאָך די מיטלען דערצו. (שמייכעלט). דו האָסט דאָך געהאט אזא גליק, עללא.

ס'איז דאָך דיר געלונגען צו ראַטעווען אַלצדינג, וואָס האָט גע־הערט צו ד י ר.

עללא רענטהיים (געקרענקט): איך האָב קיין טריט ניט געמאַכט עפּעס צו ראַטעווען, — דאָס קען איך דיר פערזיכערן. איך האָב קיין אַהנונג ניט געהאַט דערפון — ביז אַ לאַנגע צייט נאָכדעם — אַז די פּאַפּירען, וואָס זיינען געלעגען אין באַנק אויף מיין רעכנונג, — אַז ד י פּאַפּירען זיינען געבליבען גאַנץ —

מאַדאַם באָרקמאַן: יאָ, יאָ; איך פערשטעה זיך ניט אויף אַזעלכע זאַכען. איך זאָג נור, אַז דו האָסט געהאַט גליק. (קוקט זי אָן מיט אַ פראַגע). אָבער ווען דו האָסט זיך אַליין פאָרגע־נומען צו ערציהען ערהאַרד'ן אויף מיין פּלאַץ — וואָס פאַר אַ כונה האָסט דו דערביי געהאַט?

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן): וואָס פאַר אַ כונה — ?

מאַדאַם באָרקמאַן: יאָ, האָסט דאָך געמוזט האָבען עפּעס אַן אַבזיכט. צו וואָס האָסטו איהם געוואָלט ערציהען? וואָס האָסטו פון איהם געוואָלט מאַכען, מיין איך?

עללא רענטהיים (לאַנגזאַם): כ'האָב געוואָלט ער־האַרד'ן פערלייכטערן דעם וועג, צו קענען ווערען אַ גליקליכער מענש אויף דער וועלט.

מאַדאַם באָרקמאַן (אַ מאַך טהאָנדיג מיט דער האַנד): נאַ, — מענשען אין אונזער צושטאַנד האָבען עפּעס אַנדערש וואָס צו טהאָן איידער צו דענקען פון גליק.

עללא רענטהיים: פון וואָס דען זאָלען זיי דענקען?

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט ערנסטע און אויסדרוקספולע בליקען): ערהאַרד מוז פריהער פון אַלצדינג זיך פאַרנעהמען אַזוי הויך אַרויפצושטייגען און אַזוי ווייט אַרויסצוגלאַנצען, אַז קיין מענש אין גאַנצען לאַנד זאָל ניט זעהען מעהר דעם שאָטען, וואָס זיין פאָטער האָט געוואָרפען אויף מיר — און אויף מיין זוהן.

עללא רענטהיים (פאָרשענדיג): זאָג מיר, גונהילד, —

איז דאָס אויך די אויפגאבע, וואָס ערהארד אליין האָט זיך פאָרגענומען אין לעבען — ?

מאַדאַם באַרקמאַן (פיהלט זיך געטראָפען): יאָ, דאָס קענען מיר דאָך ערוואַרטען!

עללא רענטהיים: — אָדער דאָס איז אייגענטליך א אויפגאבע, וואָס דו הענגסט איהם אָן?

מאַדאַם באַרקמאַן (קורץ): איך און ערהארד האָבען אימער דיזעלבע אויפגאבען אין לעבען.

עללא רענטהיים (מיט א שווער געמיטה און לאַנגזאַם): אזוי שטארק, הייסט עס, בויסטו אויף דיין זוהן, גונהילד?

מאַדאַם באַרקמאַן (מיט אַן אויסדרוק פון טריאומף): יאָ, — גאָט זיי דאַנק. אזוי שטארק בוי איך. קענסט זיך פערלאָזען דערויף!

עללא רענטהיים: אויב אזוי מוזטו דאָך אין גרונד גענומען זיך פיהלען גליקליך. נאָך אלעם דעם.

מאַדאַם באַרקמאַן: אזוי איז עס טאקע. אין דער הינזיכט ווענינגסטענס. דאַן קומט אָבער אָן אויף מיר, — יעדען אויגענבליק, פערשטעהסטו, — די אנדער געשיכטע, ווי א בייזער שטורם.

עללא רענטהיים (ענדערט דעם טאָן): זאָג מיר — זאָג מיר עס גלייך — דען כ'בין אייגענטליך צוליעב דעם אהער געקומען —

מאַדאַם באַרקמאַן: וואָס?

עללא רענטהיים: א זאַך, וועגען וועלכער איך האָב מיט דיר געוואָלט רעדען. — זאָג מיר, — ערהארד וואוינט דאָך ניט דאָ ביי — ביי אייך — ?

מאַדאַם באַרקמאַן (שאַרף): ערהארד קען דאָ ביי מיר ניט וואוינען. ער מוז וואוינען אין שטאָדט —

עללא רענטהיים: דאָס האָט ער מיר געשריבען.

מאַדאַם באַרקמאַן: ער מוז דאָס טהאָן צוליעב זיין

שטודיום. אָבער ער קומט ארויס יעדען אָבענד אויף א ווײלע צו מיר.

עללא רענטהיים: אויב אזוי קען איך איהם פיליכט זעהן? און גלייך מיט איהם רעדען?

מאדאם באָרקמאַן: ער איז נאָך ניטאָ. איך ערווארט איהם אָבער יעדען אויגענבליק.

עללא רענטהיים: אָבער גונהילד, — ער מוז שוין זיין דאָ. כ'הער איהם דאָך ארומגעהן אויבען.

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ שנעלען בליק): אויבען אין זאאל?

עללא רענטהיים: יאָ. כ'האָב איהם געהערט ארומגעהן אויבען די גאנצע צייט, וואָס איך בין דאָ.

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ בליק אָן אַ זייט): דאָס איז ניט ער, עללא.

עללא רענטהיים (האַלב פערוואונדערט): דאָס איז ניט ערהארד? (אַזוי ווי זי וואָלט זיך אָנשטויסען). ווער דען איז עס?

מאדאם באָרקמאַן: דער באנק־דירעקטאָר.

עללא רענטהיים (שטיל, אין אונטערדריקטען שמערץ): באָרקמאַן. יאָהאַן גאבריעל באָרקמאַן!

מאדאם באָרקמאַן: אזוי געהט ער ארויף און אראָב. אהין און צוריק. פון אין דערפריה ביז ביינאכט. טאָג־אויס טאָג־איין.

עללא רענטהיים: עפּעס האָב איך יעדענפאַלס געהערט וועגען דעם —

מאדאם באָרקמאַן: דאָס קען איך זיך פאָרשטעלען. מענשען ריידען געווים וועגען אונז דאָ אַלערליי זאכען.

עללא רענטהיים: ערהארד האָט עפּעס אָנגעדייטעט וועגען דעם אין זיינע בריעף. אז זיין פאָטער האלט זיך מייסטענס פאר זיך, דאָרט אויבען. און דו — דאָ אונטען.

מאדאם באָרקמאַן: יאָ, — אזוי האָבען מיר זיך געהאלטען, עללא. די גאנצע צייט, זינט זיי האָבען איהם ארויסגע־

לאָזט פריי און צוגעשיקט אהער צו מיר. — די גאנצע לאנגע אכט יאָהר נאָכאנאנד.

עללא רענטהיים: כ'האָב זיך אָבער קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז ווירקליך אזוי. אז עס איז איבער־הויפט מעגליך —!

מאדאם באָרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ס'איז וואהר. און ס'קען אויך קיינמאָל ניט אנדערש ווערן.

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן): דאָס מוז דאָך זיין א שרעקליך לעבען, גונהילד.

מאדאם באָרקמאַן: ערגער נאָך ווי שרעקליך! באלד ניט מעהר צום אויסהאַלטען.

עללא רענטהיים: דאָס פערשטעה איך גאנץ גוט.

מאדאם באָרקמאַן: נאָכאנאנד רק הערען זיינע טריט דאָ אויבען! פון פריה־מאָרגען ביז שפעט אין דער נאכט. — און ווי דאָס קלינגט אָב דאָ אונטען!

עללא רענטהיים: דער ווידער־קלאנג איז ווירקליך גאנץ שטארק.

מאדאם באָרקמאַן: אָפטמאָל קומט מיר פאָר, אזוי ווי איך וואָלט געהאט א קראנקען וואָלף אין שטייג אויבען אין זאאל. פונקט איבער מיין קאָפּ. (הערט זיך צו א ווייל און שעפטשעט). הער נאָר! הערסט? אהין און צוריק, — אהין און צוריק געהט דער וואָלף.

עללא רענטהיים (פאָרזיכטיג): וואָלט עס ניט געקענט ווערן אנדערש, גונהילד?

מאדאם באָרקמאַן (צוריקוויזענדיג): ער האָט קיינמאָל ניט געמאכט קיין איין איינציגען שריט דערצו.

עללא רענטהיים: וואָלסט דו אָבער דען ניט געקענט מאכען דעם ערשטען שריט?

מאדאם באָרקמאַן (אויפגערעגט): איך! נאָך אלעם דעם, וואָס ער האָט געגען מיר פערבראָכען! — ניין, איך דאנק דיר

זעהר! זאָל דער וואָלף ליעבערשט בלייבען אויבען און ווייטער וואויען.

עללא רענטאיים: מיר ווערט דאָ צו היים. דו מוזט מיר שוין ערלויבען זיך אביסעל אויסצוטהאָן.

מאדאם באָרקמאן: כ'האָב דאָך דאָס דיר פריהער געזאָגט —

עללאַ רענטהיים לעגט אַוועק דעם מאַנטעל און דעם הוט אויף אַ שטוהל ביי דער קאָרידאָר־טיר.

עללא רענטהיים: טרעפט זיך ניט אמאָל, אז דו בע־געגענסט איהם ערגעץ וואו אויסערן הויז?

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ ביטערן געלעכטער): אין געזעלשאפט, מיינסט דו?

עללא רענטהיים: כ'מיין, ווען ער געהט ארויס כאַ־פען פרישע לופט. דרויסען אין וואלד אָדער —

מאדאם באָרקמאן: דער באנק־דירעקטאָר געהט קיינ־מאָל ניט ארויס.

עללא רענטהיים: אין אָבענד אפילו אויך ניט?

מאדאם באָרקמאן: קיינמאָל ניט.

עללא רענטהיים (געריהרט): ער קען עס ניט פועל'ן ביי זיך?

מאדאם באָרקמאן: עס שיינט אזוי. זיין גרויסער מאנטעל און זיין פילץ־הוט הענגען אין דער וואנד־שאפע. אין קאָ־רידאָר, ווייסט דאָך —

עללא רענטהיים (פאַר זיך): — די וואנד־שאפע, וואו מיר פלעגען זיך שפיעלען, בעת מיר זיינען געווען קינדער —

מאדאם באָרקמאן (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ): און צייַ־טענווייז, — שפּעט ביינאכט, — הער איך, ווי ער קומט אריינטער — כדי זיך אָנצוטהאָן און ארויסגעהן. נאָר ער בלייבט געוועהנ־ליך שטעהן אין מיטען וועג אויף די טרעפ — און קעהרט זיך אום צוריק. און ער געהט ווידער ארויף אין זאאַל

עללא רענטהיים (שטילערהייט): קומט גאָר קיינער ניט פון זיינע אַלטע פריינד צו איהם צו גאסט?

מאדאם באָרקמאן: ער האָט ניט קיין אַלטע פריינד.

עללא רענטהיים: ער האָט דאָך געהאט אזוי פיעל — אין די פריהערדיגע יאָהרען.

מאדאם באָרקמאן: הם! פון די האָט ער דאָך אויף אזא פיינעם אופן געוואוסט ווי פטור צו ווערן. ער איז זיינע פריינד געוואָרען א טייערער פריינד, — דער יאָהאן גאבריעל.

עללא רענטהיים: נו יאָ, אין דעם ביסט דו אפשר גע־רעכט, גונהילד.

מאדאם באָרקמאן (בייז): און נאָך אַלעם דעם מיז איך דיר זאָגען, אז עס איז קלעגליך, געמיין און קליינליך צו לעגען אזוי פיעל געוויכט אויף א ביסעל שאָדען, וואָס זיי האָבען צוליעב איהם געליטען. דאָס איז דאָך בלויז א געלד־שאָדען. ווייטער גאָרנישט.

עללא רענטהיים (ניט ענטפערענדיג): און אזוי לעבט ער, הייסט עס, אויבען גאַנץ איינזאם. איינער אַליין מיט זיך.

מאדאם באָרקמאן: אזוי ווייזט עס אויס. יעדענפאלס האָב איך געהערט זאָגען, אז אן אַלטער קאָפּירער אָדער געהילף־שרייבער געהט ווען־ניט־ווען ארויף צו איהם.

עללא רענטהיים: אַך, דאָס מוז אודאי זיין איינער מיט'ן נאָמען פאָלדאַל. כ'וויים, אז זיי ביידע זיינען געוועזען יו־גענד־פריינד.

מאדאם באָרקמאן: יאָ, כ'מיין, אז דאָס מוז זיין דערזעלבער. איבעריגענס קען איך איהם גאָר ניט. אין אונזער געזעלשאפטס־קרייז פלעגט ער דאָך ניט קומען. אין דער צייט, ווען מיר האָבען נאָך געהאט אזא קרייז —

עללא רענטהיים: איצט אָבער קומט ער, הייסט עס, צו באָרקמאן'ן?

מאדאם באָרקמאן: יאָ, ער איז ניט קיין גרויסער

אויסקלייבער. אָבער אפילו ער קומט אהער נור ווען ס'איז פינ־סטער.

עללא רענטהיים: אַט דער פאַלדראַל איז אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבען געליטען שאָדען, בעת די באנק איז צו גרונד געגאנגען.

מאדאם באַרקמאן: אזוי ווייט ווי איך קען זיך דער־מאָנען, האָט ער אויך ווירקליך פערלאָרען אביסעל געלד. אָבער דאָס איז דאָך געווים געווען אזוי ווענינ —

עללא רענטהיים (מיט אַ לייכטער בעטאָנונג): ס'איז געווען זיין גאַנץ פערמעגען.

מאדאם באַרקמאן (שמייכעלט): נאַ, דו ליעבער גאָט, — זיין פערמעגען, ווייסט דו, איז דאָך געווים געווען אזוי קליין, אז ס'איז גאָרנישט ווערטה צו ריידען דערפון.

עללא רענטהיים: פון פאַלדראַל'ס זייט איז טאקע דערפון קיין רייד ניט געווען, בעת'ן פראָצעס.

מאדאם באַרקמאן: און איבערהויפּט קען איך דיר זאָגען, אז ערהארד האָט איהם מיט דער פולער האנד בעצאָהלט פאר דער קלייניגקייט.

עללא רענטהיים (פערוואונדערט): ערהארד! ווי אזוי איז ערהארד געווען אימשטאנד דאָס צו טהאָן?

מאדאם באַרקמאן: ער האָט זיך אָנגענומען פאר פאַלדראַל'ס איינגסטער טאָכטער. און ער האָט מיט איהר געלע־רענט—, אזוי אז עס וועט נאָך אמאָל עפּעס ווערן פון איהר און זי וועט מיט דער צייט קענען שטעהן אויף איהרע אייגענע פיס. זעהסט דו, — דאָס איז זיכער א סך מעהר ווי דאָס, וואָס דער פאָ־טער איהרער וואָלט געקענט טהאָן פאר איהר.

עללא רענטהיים: יאָ, דער פאָטער, קען איך מיר פאָרשטעלען, לעבט געווים אין אָרעמע אומשטענדען.

מאדאם באַרקמאן: און אחוץ דעם האָט ערהארד דורכגעפיהרט זי זאָל שפּיעלען מוזיק. זי האָט שוין אזוי ווייט,

אז זי קען ארויפגעהן צו איהם — צו איהם, אויבען אין זאאל, און שפיעלען פאר איהם.

עללא רענטהיים: אזוי, ער האט נאך אלץ ליעב מוזיק?

מאדאם בארקמאן: יא, עס זעהט אזוי אויס. ער האט דאך די פיאנא, וואס דו האסט ארויסגעשיקט אהער — בעת מען האט איהם דא ערוואַרט —

עללא רענטהיים: און זי שפיעלט פאר איהם אויף דער פיאנא?

מאדאם בארקמאן: יא, פון צייט צו צייט. אין אבענד־שטונדען. דאס האט אויך ערהארד איינגעפיהרט.

עללא רענטהיים: דאס ארים מיידעל מוז אלזא געהן אזא ווייטען וועג ביז אהער ארוים? און דאן ווידער צוריק אין שטאדט?

מאדאם בארקמאן: ניין, זי פערשפארט צו מאכען דעם ווייטען גאנג. ערהארד האט איהר פערשאפט א פלאץ ביי א דאמע, וואס וואוינט דא ניט וויים. ביי א מאדאם ווילטאן —

עללא רענטהיים (מיט אימפעט): מאדאם ווילטאן!

מאדאם בארקמאן: א זעהר רייכע דאמע. דו קענסט זי געוויס ניט.

עללא רענטהיים: דער נאמען איז מיר בעקאנט. מא־דאם פעני ווילטאן, דוכט זיך —

מאדאם בארקמאן: יא, גאנץ ריכטיג.

עללא רענטהיים: ערהארד האט זי אפט דערמאנט אין זיינע בריעף. — זי וואוינט איצט דא אין דער געגענד?

מאדאם בארקמאן: זי האט דא געדונגען א ווילא. און מיט א קורצער צייט צוריק האט זי אריבערגעצויגען אהער פון דער שטאדט.

עללא רענטהיים (מיט א האלבען מויל): מען זאגט, אז זי האט זיך געג'גט מיט איהר מאן.

מאדאם באַרקמאַן: דער מאַן איז שוין טויט זינט עטליכע יאָהר.

עללא רענטהיים: דאָס איז ריכטיג, אָבער גע'גט זיי־נען זיי געווען — ער האָט זיך מיט איהר געשיידען.

מאדאם באַרקמאַן: ער האָט זי פערלאָזען, דאָס איז וואָס ער האָט געטהאָן. זי איז געווים ניט שולדיג געווען אין דעם.

עללא רענטהיים: ביסטו גוט בעקאנט מיט איהר, גונהילד?

מאדאם באַרקמאַן: אזוי נישקשה'דיג. זי וואוינט דאָך דאָ ניט ווייט, קומט זי צייטענווייז צו מיר אויף בעזוך.

עללא רענטהיים: און זי געפעלט דיר?

מאדאם באַרקמאַן: זי איז זעהר א פערשטענדיגע. זי האָט א מערקווירדיג קלאָהרען קאָפּ צו אורטיילען —

עללא רענטהיים: איבער מענשען, מיינסטו?

מאדאם באַרקמאַן: דער עיקר איבער מענשען. ער־האַרד'ן, צום ביישפּיעל, האָט זי פּאָלשטענדיג דורכגעשטודירט. ביז'ן גרונד — ביז טיעף אין דער נשמה אריין. און טאקע דערי־בער פערגעטערט זי איהם אזוי — וואָס עס איז דאָך גאנץ נאַ־טירליך.

עללא רענטהיים (אביסעל לויערענדיג): איז זי, הייסט עס, מיט ערהארד'ן נאָך בעסער בעקאנט איידער מיט דיר?

מאדאם באַרקמאַן: ערהארד פלעגט זיך יעדענפאלס עפטערס צונויפקומען מיט איהר אין שטאָדט. איידער זי האָט ארויסגעצויגען אהער.

עללא רענטהיים (אָהן איבערלעגונג): און דאָך האָט זי ארויסגעצויגען פון שטאָדט?

מאדאם באַרקמאַן (קוקט זי אָן מיט פערוואונדערונג): און דאָך! וואָס מיינסטו דערמיט?

עללא רענטהיים (וויל זיך ארויסדרעהען): נאָ, דו ליעבער גאָט, — וואָס זאָל איך מיינען דערמיט —?

מאדאם באַרקמאַן: ס'האָט געקלונגען אזוי מאָרנע. דו האָסט עפּעס געמיינט דערמיט, עללא!

עללא רענטהיים (קוקט איהר פעסט אין די אויגען): נו יאָ, גונהילד. כ'האָב ווירקליך עפּעס געמיינט דערמיט.

מאדאם באַרקמאַן: נו, טאָ זאָג עס אָפען ארויס!

עללא רענטהיים: פאר אלעם וויל איך דיר זאָגען, אז איך האָב אויך א שטיקעל רעכט אויף ערהארד'ן, ווי מיר ווייזט אויס. אָדער מיינסטו פיליייכט, אז ניט?

מאדאם באַרקמאַן (קוקט ארום אין צימער): נאטיר־ליך! אזוי פיעל געלד וואָס ער האָט דיך אָבגעקאָסט —

עללא רענטהיים: אַך, וואָס! ניט פון דאָס וועגען, גונהילד. נאָר ווייל איך האָב איהם ליעב —

מאדאם באַרקמאַן (מיט א שפּאָטישען שמייכעל): מיין זוהן? קענסט דו דאָס? דו? ניט קוקענדיג אויף אלצדינג?

עללא רענטהיים: יאָ, איך קען עס. ניט קוקענדיג אויף אלצדינג. און איך טהו דאָס. כ'האָב ליעב ערהארד'ן. אזוי ליעב, ווי איך קען א מענשען איבערהויפּט ליעב האָבען — איצט. אין מיין עלטער.

מאדאם באַרקמאַן: נו יאָ, דאָס קען שוין זיין; אָבער —

עללא רענטהיים: און דערום, זעהסט דו, בין איך אונ־רוהיג, ווען איך שפּיהר, אז עפּעס דראָהט איהם.

מאדאם באַרקמאַן: אז עפּעס דראָהט ערהארד'ן! יאָ, אָבער וואָס דראָהט איהם דען? אָדער ווער דראָהט איהם?

עללא רענטהיים: ערשטענס דו אליין, — אויף דיין אופן —

מאדאם באַרקמאַן (אויפגערעגט): איך!

עללא רענטהיים: און אויסער דעם, אָט די מאדאם ווילטאָן, — איך האָב מורא —

מאדאם באַרקמאַן (קוקט זי אָן א ווײלע, ניט אויסריי־

דענדיג קיין וואָרט): און דו גלויבסט עטוואָס דערגלייכען אויף ער־הארד'ן! אויף מיין זוהן! אויף איהם, וועלכער האָט דורכצו־פיהרען זיין גרויסע מיסיאָן!

עללא רענטהיים (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד): וויים איך וואָס, אַ מיסיאָן — !

מאדאם באָרקמאַן (אויסער זיך): און דאָס וואגסט דו צו זאָגען מיט אַזאַ שפּאָט!

עללא רענטהיים: גלויבסטו טאקע, אַז אַ מענש אין ערהארד'ס יאָהרען, — יונג, פריש און געזונד, — גלויבסטו אפשר, אַז ער וועט געהן און זיך אויפאָפּפערן פאר — פאר עפּעס אַ מין „מיסיאָן"!

מאדאם באָרקמאַן (מיט פעסטער זיכערקייט): ער־הארד וועט עס טהאָן! דאָס ווייס איך זיכער.

עללא רענטהיים (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דו ווייסט עס ניט און דו גלויבסט ניט אין דעם, גונהילד.

מאדאם באָרקמאַן: איך גלויב ניט אין דעם!?

עללא רענטהיים: דו האָסט זיך נור איינגעבילדעט אין דעם! דען אויב דו וואָלסט ניט געקענט זיך פעסט אָנקלאַמערן אָן דעם, וואָלסטו זיכער אינגאַנצען פערצווייפעלט געוואָרען.

מאדאם באָרקמאַן: גאַנץ געוויס וואָלט איך פערצוויי־פעלט געוואָרען. (מיט כעס). און דאָס וואָלט דיר פיליכט געווען אם ליעבסטען, עללא!

עללא רענטהיים (הויבט אויף דעם קאָפּ אין דער הויך): יאָ! דאָס וואָלט מיר געווען אם ליעבסטען, — אויב דו קענסט זיך אנדערש ניט העלפען, סיידען אז ערהארד זאָל מוזען ליידען!

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ דראָהענדען טאָן): דו ווילסט זיך שטעלען צווישען אונז! צווישען מוטער און זוהן! דו!

עללא רענטהיים: איך וויל איהם בעפרייען פון דיין איינפלוס, — פון דיין געוואלט, — פון דיין הערשאפט.

מאדאם באָרקמאַן (מיט טריאומף): דאָס קענסטו שוין ניט מעהר! דו האָסט איהם געהאט אין דיין נעטץ — ביז זיין פופ־

צעהנטען יאָהר. אָבער קוק נור, איצט האָב איך איהם ווידער געוואונגען!

עללא רענטהיים: אויב אזוי וועל איך איהם פון דיר צוריק אָבגעווינען! (הייזעריג, מיט אַ האַלב שעפּטשענדיגער שטימע). מירביידע האָבען שוין איינמאָל געקעמפּפט אויף לעבען און טויט איבער א מענשען, גונהילד!

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ רשעות'דיגען בליק): יאָ, און איך האָב דאן געזיעגט.

עללא רענטהיים (מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל): דו מיינסט נאָך אלץ, אז דער זיעג איז געוועזן א געווינס פאר דיר?

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ פינסטערען בליק): ניין; — דעריין ביזטו שרעקליך גערעכט.

עללא רענטהיים: עס וועט אויך דאָס מאָל ניט ארויסקומען קיין געווינס פאר דיר.

מאדאם באָרקמאַן: איז עס ניט קיין געווינס, צו האָבען איבער ערהאַרד'ן די געוואַלט פון א מוטער?!

עללא רענטהיים: ניין; דען דו ווילסט נור האָבען די געוואַלט איבער איהם.

מאדאם באָרקמאַן: און דו?

עללא רענטהיים (מיט וואַרעמקייט): איך וויל געווינען פאר מיר זיין ליעבפולעס געמיטה, — זיין זעעלע, — זיין גאַנץ הארץ —!

מאדאם באָרקמאַן (פּלאַצט אַרויס): דאָס וועט דיר קיינמאָל ניט געלינגען!

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן): האָסט זיך שוין אפשר בעוואָרענט פאר דעם?

מאדאם באָרקמאַן (שמייכעלט): יאָ, איך האָב זיך דאָס ערלויבט. האָסטו עס ניט געקענט אויסלייענען פון זיינע בריעף?

עללא רענטהיים (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ): יאָ.

די לעצטע צייטען האָב איך דיך אינגאַנצען געקענט אַרויסזעהען פון זיינע בריעף.

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט אַ שטעכענדיגען טאָן): יאַ, כ'האָב אויסגענוצט די אַכט יאָהר, זינט איך האָב איהם ווידער פאַר די אויגען, מיין טייערע!

עללא רענטהיים (קאָנטראָלירט זיך): וואָס האָסט דו ערהאַרד'ן געזאָגט וועגען מיר? קען מען דאָס איבערדערצעהלען?

מאַדאַם באָרקמאַן: אָה, געוויס!

עללא רענטהיים: נו, טאָ דערצעהל דאָך!

מאַדאַם באָרקמאַן: כ'האָב איהם נור געזאָגט דעם אמת.

עללא רענטהיים: נו, אלזאָ?

מאַדאַם באָרקמאַן: כ'האָב איהם יעדען טאָג געלע־רענט צו געדענקען, אַז מיר האָבען עם דיר צו פערדאַנקען, וואָס מיר לעבען איצט ווי ניט איז אַנשטענדיג — וואָס מיר קענען איבערהויפּט נאָך לעבען.

עללא רענטהיים: ווייטער גאָר נישט?

מאַדאַם באָרקמאַן: אָה, אַזאַ זאַך טהוט וועה, פער־שטעהסטו מיך. דאָס ווייס איך פון אייגענער ערפאַהרונג.

עללא רענטהיים: אָבער דאָס אונגעפעהר האָט ער־האַרד דאָך שוין פון פריהער געוואוסט.

מאַדאַם באָרקמאַן: ווען ער איז צוריקגעקומען צו מיר האָט ער זיך איינגעבילדעט, אַז דו האָסט דאָס אַלצדינג גע־טהאָן פון דיין גוט האַרץ. (מיט אַ רשעות'דיגען בליק): איצט גלויבט ער עס ניט מעהר, עללא.

עללא רענטהיים: וואָס דען גלויבט ער איצט?

מאַדאַם באָרקמאַן: ער גלויבט דאָס, וואָס איז וואַהר. כ'האָב איהם געפרעגט, ווי אַזוי ערקלערט זיך דאָס, וואָס די מוהמע עללא קומט קיינמאָל ניט אַהער צו אונז אויף בעזוך —

עללא רענטהיים (שלאָגט איהר איבער די רייד): דאָס האָט ער שוין לאַנג געוואוסט!

מאדאם באָרקמאַן: איצט ווייס ער עס בעסער. דו האָסט איהם איינגערעדט, אז דאָס איז כדי מיך צו שווינען און — און איהם דאָרט אויבען אין זאאל —

עללא רענטהיים: אזוי איז עס טאקע געווען.

מאדאם באָרקמאַן: איצט גלויבט ערהארד א וואָרט נים מעהר פון דעם.

עללא רענטהיים: וואָס פאר א מיינונג וועגען מיר האָסטו פאָרט איינגעוואָרצעלט אין איהם?

מאדאם באָרקמאַן: ער גלויבט דאָס, וואָס איז אמת, אז דו שעהמסט זיך מיט אונז, — אז דו פעראכסט אונז. אָדער איז דאָס אפשר ניט וואהר? האָסט דו זיך דאן ניט ארומגעטראָגען מיט א פלאַן, איהם אין גאנצען אָפּצורייסען פון מיר? דערמאָן זיך אקאָרשט, עללא. דו געדענקסט עס געווים נאָך.

עללא רענטהיים: ס'איז געווען אין דער צייט, ווען דער סקאנדאל איז געווען אם ערגסטען. ווען די זאך איז געבראכט געוואָרען פאר'ן געריכט. — איצט האָב איך מעהר ניט אזעלכע געדאנקען.

מאדאם באָרקמאַן: דאָס וואָלט דיר אויך גאָרנישט גענוצט. וואָרים וואָס וואָלט דאן געוואָרען פון זיין מיסיאָן! אָה ניין, הערסט דו! מיך האָט ערהארד נייטיג, — ניט דיך! און דארום איז ער טויט פאר דיר! און דו פאר איהם!

עללא רענטהיים (קאַלט ענטשלאָסען): מיר וועלען נאָך זעהן. דען איצט בלייב איך דאָ.

מאדאם באָרקמאַן (קוקט איהר גלייך אין געזיכט אריין): דאָ אין הויז?

עללא רענטהיים: נו יאָ, דאָ.

מאדאם באָרקמאַן: דאָ — ביי אונז? איבער דער גאנצער נאכט?

עללא רענטהיים: דאָ וועל איך ענדיגען מיינע טעג, אויב עס מוז אזוי זיין.

מאדאם באַרקמאַן (קאָנטראָלירט זיך): נו יאָ, עללא, — דאָס הויז איז דאָך דיינס.

עללא רענטהיים: אָך וואָס —!

מאדאם באַרקמאַן: אלעס איז דאָך דיינס. דער שטוהל אויף וועלכען איך זיץ, איז דיינער. דאָס בעט, אין וועלכען איך וואַרף זיך ארום שלאָפלאָז, איז דיינס. דאָס ברויט, וואָס מיר עסען, קריגען מיר פון דיר.

עללא רענטהיים: דאָס קען אנדערש ניט זיין. באַרק־מאַן קען דאָך ניט האָבען קיין אייגענטהום. וואָרים זיי וועלען דאָך גלייך קומען און דאָס אוועקנעהמען פון איהם.

מאדאם באַרקמאַן: איך וויים, איך וויים. מיר מוזען זיך שוין צופריעדענשטעלען דערמיט, צו לעבען פון דיין גנאַד און בארמהארציגקייט.

עללא רענטהיים: איך קען דיר ניט פערוועהרען אויפ־צופאסען די זאַך פון דער זייט, גונהילד.

מאדאם באַרקמאַן: ניין, דאָס קענסטו ניט. — ווען ווילסטו מיר זאָלען ארויסציהען פון דאנען?

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן): ארויסציהען?

מאדאם באַרקמאַן (אויפגערעגט): דו רעדסט זיך דאָך ניט איין, אז איך וועל בלייבען וואוינען דאָ מיט דיר אונטער איין דאָך! — ניין, דאן געה איך ליעבערשט אין אָרעמען־הויז אָדער איינפאָך אין גאַס ארויס!

עללא רענטהיים: גוט. דאן גיב מיר ערהארד'ן מיט —

מאדאם באַרקמאַן: ערהארד'ן! מיין זוהן! מיין קינד!

עללא רענטהיים: יאָ, — דאן פאָהר איך גלייך צו־ריק אַהיים.

מאדאם באַרקמאַן (איבערלעגט זיך אַ ווייל, דאַן קורין ענטשלאָסען): ערהארד זאָל אליין אויסקלייבען צווישען אונז.

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן מיט אַ צווייפלענדען און

אונגעוויסען בליק): אליין אויסקלייבען? יאָ — ריזיקירסטו דאָס, נונהילד?

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ האַרטען געלעכטער): צי איך ריזיקיר דאָס! צו לאָזען מיין זוהן וועהלען צווישען זיין מו־טער און דיר! געוויס ריזיקיר איך דאָס.

עללא רענטהיים (הערט זיך איין): איז אימיצער גע־קומען? מיר דוכט, איך הער —

מאדאם באָרקמאַן: ס'מוז אודאי זיין ערהארד —

עס הערט זיך אַ שנעלער קלאַפּ אין דער קאָרידאָר־טיר, וועלכע עפענט זיך אָהן צערעמאָניעס באַלד אויף. מאַדאַם ווילטאָן — אין אַ באַל־קאָסטיום, מיט אַ מאַנטעל — קומט אַריין אין צימער. הינ־טער איהר דאָס דיענסט־מיידעל, וואָס האָט ניט בעוויזען זי אנצומעלדען און זעהט אויס אין פערלעגענהייט. די טיר בלייבט האַלב אָפען. מאַדאַם ווילטאָן איז אַ זעהר שעהנע, וואויל־לוסטיגע פרוי אין די דרייסיגער יאָהרען. פולע, רויטע, לאַכעדיגע ליפען. לעבעדיגע אוי־גען. רייכע, טונקעלע האָר.

מאדאם ווילטאָן: גוטען אָבענד, ליעבע מאַדאם באָרקמאַן!

מאדאם באָרקמאַן (אַביסעל טרוקען): גוטען אָבענד, מאַדאם ווילטאָן. (צום דיענסטמיידעל, אָנווייזענדיג אויף'ן גאָרטען־צימער): נעהמט ארויס אהין דעם לאָמפּ און צינדט איהם אָן.

דאָס דיענסט־מיידעל נעהמט דעם לאָמפּ און טראָגט איהם ארויס.

מאדאם ווילטאָן (דערזעהט עללאַ רענטהיים): אָה, כ'בעט ענטשולדיגונג, — איהר האָט בעזוך —

מאדאם באָרקמאַן: בלויז מיין שוועסטער, וועלכע איז געקומען צו פאָהרען —

ערהאַרד באָרקמאַן רייסט אין גאַנצען אויף די האַלב־גע־עפענטע קאָרידאָר־טיר און קומט אַריין מיט שטורם. ער איז אַ יונגער מענש מיט העלע, פרעהליכע אויגען. עלעגאַנט געקליידט. נאָר וואָס ארויסשפּראָצענדע וואָנציעס.

ערהארד באָרקמאַן (אויף דער שוועל, שטראַהלענדיג

פון פרייד): יאָ, וואָס הער איך! די מוהמע עללא איז דאָ? (לויפט איהר אַנטקעגען און כאַפּט אָן איהרע הענד). מוהמע, מוהמע! איז דאָס מעגליך! דו ביזט דאָ?

עללא רענטהיים (פּערוואַרפט די אָרעמס ארום זיין האַלז): ערהאַרד! מיין ליעבער, גוטער יונג! אָבער ביסטו דאָס אביסעל גרויס געוואָרען! אַך, ווי גוט עס איז, דיך ווידער אמאָל צו זעהן!

מאַדאם באַרקמאַן (מיט אַ שאַרפען טאָן): וואָס זאָל דאָס הייסען, ערהאַרד, — דו האָסט זיך געהאַלטען פערשטעקט אין קאָרידאָר?

מאַדאם ווילטאָן (שנעל): ערהאַרד — הערר באַרקמאַן האָט מיך בעגלייט אהער.

מאַדאם באַרקמאַן (מעסט איהם אָב מיט די אויגען): אזוי — אזוי, ערהאַרד. צו דיין מוטער קומסט דו ניט פריהער?

ערהאַרד: איך בין נור אריינגעגאַנגען אויף אַ רגע צו מאַדאם ווילטאָן, — אַ רוף טהאָן די קליינע פרידאַ.

מאַדאם באַרקמאַן: איז פריילין פאָלדאַל אויך מיט־געקומען?

מאַדאם ווילטאָן: זי שטעהט דרויסען אין קאָרידאָר.

ערהאַרד (רעדט ארויס דורך די טיר): געהט ארויף אויבען, פרידאַ.

פּויזע. עללאַ רענטהיים בעטראַכט ערהאַרד'ן. ער זעהט אויס פער־ווירט און עטוואָס אונגעדולדיג; זיין געזיכט נעהמט אָן אַ געשפּאַנ־טען און קיהלערן אויסדרוק.

דאָס דיענסט־מיידעל טראָגט אַריין דעם ברענענדען לאָמפּ אין גאָר־טען־צימער, געהט צוריק אַרויס און מאַכט צו די טיר.

מאַדאם באַרקמאַן (מיט געצוואונגענער העפליכקייט): יאָ, מאַדאם ווילטאָן, — אויב איהר ווילט דאָ פערברייגגען דעם אָבענד, דאַן —

מאַדאם ווילטאָן: בעסטען דאַנק, ליעבע מאַדאם באַרקמאַן. דאָס האָב איך גאָרנישט געמיינט. מיר זיינען איינגע־

לאדען אנדערסוואו. מען ערוואַרט אונז ביי דעם אדוואָקאַט הינקעל.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן (קוקט זי אָן): א ו נ ז ? וועמען מיינט איהר דערמיט?

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן (לאַכענדיג): נו, אייגענטליך מיין איך נור זיך אַליין. נאָר די דאַמען פון'ם הויז האָבען מיר געגעבען דעם אויפטראַג, מיטצונעהמען מיט זיך דעם הערר סטודענט באָרקמאַן, — אויב איך וועל איהם צופעליג טרעפען.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן: און ס'האָט זיך טאַקע גראַד אַזוי געמאַכט, ווי איך זעה.

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן: יאָ, צום גליק. ער איז געווען אַזוי ליעבענסווירדיג, אריינצוקומען צו מיר — וועגען דער קליינער פרידאַ.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן (טרוקען): הער נור, ערהאַרד, — כ'האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו ביסט בעקאַנט מיט דער דאָזיגער פאַמיליע, — אָט די הינקעלס.

ע ר ה א ר ד (געררייצט): ניין, אייגענטליך בין איך מיט זיי גאָרנישט בעקאַנט. (עטוואָס אונגעדולדיג): דו ווייסט דאָך געוויס אַליין אַם בעסטען, מוטער, מיט וועמען איך בין בעקאַנט און מיט וועמען ניט.

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן: ווייס איך וואָס! אין ד ע ם הויז ווערט מען באַלד בעקאַנט! מונטערע, לוסטיגע, גאַסט-פריינדליכע מענשען. א מאַסע יונגע דאַמען.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן (מיט בעטאָנונג): אויב איך קען נור מיין זוהן ווי געהעריג איז, מאַדאַם ווילטאָן, איז דאָס אייגענטליך ניט קיין געזעלשאַפט פאַר איהם.

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן: אָבער מיין גאָט, ליעבע פרוי באָרקמאַן, ער איז דאָך א ו י ך יונג!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן: יאָ, צום גליק איז ער יונג. אַניט וואָלט געווען טרויעריג גענוג.

ע ר ה א ר ד (בעהאַלט זיין אונגעדולד): נו יאָ, מוטער, — ס'פערשטעהט זיך דאָך פון זיך אַליין, אַז איך געה היינט אָבענד

ניט צו אָט די הינקעלס. איך בלייב נאַטירליך דאָ ביי דיר און ביי דער מוהמע עללא.

מאַדאם באַרקמאַן: כ'האָב עס פריהער געוואוסט, מיין ליעבער ערהאַרד.

עללא רענטהיים: ניין ערהארד, פון מיינעטוועגען דארפסט דו זיך ניט אויפהאַלטען און בלייבען דאָ —

ערהאַרד: יאָ, יאָ, ליעבע מוהמע; ס'קען גאַר קיין רייד ניט זיין פון געהן. (מיט אַצווייפלענדען בליק צו מאַדאַם ווילטאָן). אָבער ווי וועלען מיר דאָס מאכען? געהט דאָס אייגענטליך? איהר האָט דאָך שוין צוגעזאָגט — אין מיין נאָמען.

מאַדאם ווילטאָן (לוסטיג): אך אונזינן! פארוואָס זאָל עס ניט געהן? ווען איך וועל זיין דאָרט אין די ליכטיגע, יום־טוב'דיגע סאַלאָנען, — איינזאַם און פערלאָזען, — וועל איך איינפאַך זאָגען, אז איהר האָט ניט געקענט קומען.

ערהאַרד (ציהט אויס די ווערטער): יאָ, אויב איהר דענקט, אז עס קען געהן, דאַן —

מאַדאם ווילטאָן (לייכט און זאָרגלאָז): כ'האָב שוין אזוי פיעל מאָל צוגעזאָגט און צוריק אָבגעזאָגט—אין מיין אייגענעם נאָמען. און איהר האָט געוואָלט איבערלאָזען אייער מוהמע וועלכע איז נאָר וואָס אָנגעקומען? פע, מאָסיע ערהאַרד, — וואָלט דאָס געהייסען זיך אויפגעפיהרט ווי א זוהן?

מאַדאם באַרקמאַן (אונאָנגענעהם בעריהרט): ווי א זוהן?

מאַדאם ווילטאָן: אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ווי א פלעג־זוהן, מאַדאם באַרקמאַן.

מאַדאם באַרקמאַן: יאָ, דאָס מוזט איהר צולעגען.

מאַדאם ווילטאָן: איבעריגענס דוכט מיר, אז א גוטע פלעג־מוטער האָט מען מעהר צו פערדאנקען ווי דער אייגענער מוטער.

מאַדאם באַרקמאַן: ווייסט איהר דאָס פון אייגענער ערפאהרונג?

מאדאם ווילטאָן: אַך, דו ליעבער גאָט, — מיין מו־טער האָב איך אזוי גוט ווי גאָר ניט געקענט. ווען איך וואָלט אָבער אויך געהאט אזא גוטע פלעג־מוטער, — דאן וואָלט איך פילייכט איצט ניט געווען אזוי — אזוי אונארטיג, ווי מען זאָגט אויף מיר. (צו ערהאַרד'ן): אלזאָ, הערר באָרקמאַן, איצט בלייבט מען ווי א גוט קינד אין דערהיים, ביי דער מאמע און דער טאַנטע — און מען טרינקט טהעע מיט זיי, הערר סטודענט! (צו די דאַ־מען): אדיע, ליעבע פרוי באָרקמאַן! אדיע, גנעדיגעם פרייליין!

די דאַמען ענטפערן שווייגענדיג אויף איהר בעגריסונג. זי מאַכט זיך פאַרטיג צום געהן.

ערהארד (געהט איהר נאָך): זאָל איך אייך בעגלייטען א שטיקעל —?

מאדאם ווילטאָן (ביי דער טיר, מאַכט מיט דער האַנד, ער זאָל ניט ארויסגעהן): קיין איין טריט זאָלט איהר מיך ניט בע־גלייטען. כ'בין שוין אזוי געוואוינט צו געהן אליין מיין אייגענעם וועג. (בלייבט שטעהן ביי דער טיר, קוקט איהם אָן און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). איצט אָבער זאָלט איהר זיך היטען, הערר סטודענט באָרק־מאן, — דאָס זאָג איך אייך!

ערהארד: פון וואָס זאָל איך זיך היטען?

מאדאם ווילטאָן (לוסטיג): יאָ, זעהט איהר, ווען איך וועל איצט געהן מיין וועג, — איינזאם און פערלאָזען, ווי געזאָגט — דאן וועל איך פּרובירען מיינע צויבער־קונצען אויף אייך.

ערהארד (לאַכט): אַך, דאָס האָט איהר געמיינט! אָט דאָס ווילט איהר יעצט ווידער אמאָל פּרובירען?

מאדאם ווילטאָן (האַלב אין ערנסט): היט זיך נור! ארויסגעהענדיג פון דאנען, וועל איך זאָגען אינערליך, — אזוי גאַנץ פון מיין אינערליכסטען ווילען וועל איך זאָגען: הערר ער־הארד באָרקמאַן, — נעהמט גלייך אייער הוט!

מאדאם באָרקמאן: און דאן וועט ער איהם נעהמען, מיינט איהר?

מאדאם ווילטאָן (לאַכענדיג): נאָך ווי! — ער וועט

גלייך א כאפ טהאן דעם הוט. דאן וועל איך זאגען ווייטער: טהוט זיך אן דעם אויבער־ראק, ערהארד בארקמאן! און די קאלאשען! פערגעסט נור ניט די קאלאשען! און געהט מיר נאך! נור גע־הארכזאם, אימער געהארכזאם!

ערהארד (מיט א געצוואונגענער פרעהליכקייט): איהר קענט זיך פערלאזען דערויף!

מאדאם ווילטאן (אויפהויבענדיג דעם ווייז־פינגער אין דער הויך): געהארכזאם! נור געהארכזאם! — אדיע!

זי לאכט, שאקעלט מיט'ן קאפ צו די דאמען און מאכט צו די טיר הינטער זיך.

מאדאם בארקמאן: מאכט זי ווירקליך אזעלכע קונצען?

ערהארד: אך, ווייס איך וואס! ווי קען דאס דיר גאר איינפאלען? זי מאכט נור שפאס. (האקט אב). אבער לאמיר איצט ניט ריידען מעהר פון מאדאם ווילטאן.

ער צווינגט עללא רענטהיים זיך צו זעצען אין דעם לעהן־שטוהל ביים אויווען.

ערהארד (שטעהט א ווייל לעבען איהר און קוקט זי אן): אבער, דו זאלסט האבען געמאכט אזא לאנגע רייזע, מוהמע עללא! און נאך דערצו איצט, אין ווינטער!

עללא רענטהיים: ס'איז געקומען אזוי ווייט, אז איך האב געמוזט מאכען די רייזע, ערהארד.

ערהארד: אזוי? פארוואס פארט?

עללא רענטהיים: כ'האב געמוזט קומען אין שטאדט, כדי איינמאל פאר אלע מאל זיך צו בעראטען מיט די דאקטוירים.

ערהארד: נא, דאס פרעהט מיך!

עללא רענטהיים (שמייכעלט): פרעהט עס דיך ווירק־ליך?

ערהארד: וואס דו האסט זיך ענדליך ענטשלאסען דער־צו, דאס מיין איך.

מאדאם באָרקמאַן (פון דער קאַנאַפּע, קאַלט): ביסטו קראַנק, עללא?

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן מיט האַרטקייט): דו ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בין קראַנק.

מאדאם באָרקמאַן: נו יאָ, ניט מיט אַלעמען, ווי דו ביסט געוועהנליך די לעצטע יאָהרען —

ערהארד: ווען איך בין נאָך געווען ביי דיר, האָב איך דיר פיעל מאָל געזאָגט, דו זאָלסט אריינגעהן צום דאָקטאָר.

עללא רענטהיים: אַך, אין מיין געגענד, איז ניטאָ קיין דאָקטאָר, אויף וועלכען איך זאָל זיך קענען פערלאָזען. און אויסערדעם איז עס דאָך דאמאלסט נאָך ניט געווען אזוי שלעכט.

ערהארד: ביסטו דען איצט ערגער, מוהמע?

עללא רענטהיים: יאָ, מיין קינד, ס'איז מיר אביסעל ערגער איצט.

ערהארד: אָבער דאָך ניט געפעהרליך?

עללא רענטהיים: נו, דאָס הענגט אָב, ווי מען קוקט דערויף.

ערהארד (מיט הארץ): יאָ, ווייסטו אָבער וואָס, מוהמע עללא, — דאן דארפסט דו ניט צוריקפאָהרען אזוי גיך אהיים.

עללא רענטהיים: דאָס וועל איך טאקע ניט טהאָן.

ערהארד: דו מוזט בלייבען אין שטאָדט. דאָ האָסטו דאָך די בעסטע דאָקטוירים אויסצוקלייבען.

עללא רענטהיים: דאָס איז טאקע געווען מיין אָב־זיכט, ווען איך האָב אונטערנומען די רייזע.

ערהארד: און דו מוזט אויך זעהען קריגען אן עכט גוטע לאָזשיע — אין א שטילען, רוהיגען הויז.

עללא רענטהיים: איך בין היינט אין דערפריה אריינגעפאָהרען אין מיין אַלטע קוואַרטיער.

ערהארד: נו, דאָרט וועסטו זיך טאקע פיהלען גאַנץ בע־קוועמליך.

עללא רענטהיים: יאָ; נאָר איך וועל פונדעסטוועגען ניט בלייבען דאָרט לאַנג.

ערהארד: אזוי? פארוואָס דען ניט?

עללא רענטהיים: ווייל זינט איך בין דאָ, האָב איך עפּעס בעסערעס בעקלערט.

ערהארד (פערוואונדערט): אזוי —? דו האָסט עפּעס בעסערעס בעקלערט —?

מאדאם באָרקמאן (ניט אויפהויבענדיג די אויגען פון איהר העקעל־אַרבייט): דיין מוהמע וויל וואוינען דאָ אין איהר הויז, ערהארד.

ערהארד (קוקט זיי ביידען אָבוועקסלענדיג אָן): דאָ! ביי אונז! ביי אונז! — ס'איז אמת, מוהמע?

עללא רענטהיים: כ'האָב זיך נאָר וואָס ענטשלאָסען דערצו.

מאדאם באָרקמאן (ווי אויבען): דו ווייסט דאָך, אלצדינג געהערט דיין מוהמע'ן.

פאָרלויפיג ווענינגסטענס. איך וועל זיך אזוי איינאָרדנען, איך זאָל וואוינען פאר זיך. דאָרט אין דעם פערוואלטער'ס פליגעל.

ערהארד: געוויס. דאָרט זיינען דאָך שטענדיג פאראהאַן גרייטע צימערן פאר דיר. (פלוצלונג מונטער). ווייסט וואָס מיר פאלט איין, מוהמע, — ביסט דו ניט זעהר מיעד נאָך דער רייזע?

עללא רענטהיים: אביסעל מיעד בין איך טאקי.

ערהארד: אויב אזוי, רעכען איך, אז דו דאַרפסט געהן פריה שלאָפען.

עללא רענטהיים (קוקט איהם אָן מיט אַ שמייכעל): דאָס מיין איך טאקי צו טהאָן.

ערהארד (מיט אייפער): און דאַן וועלען מיר מאָרגען קע־נען ווייטער שמועסען, אפשר ניט? — אָדער אן אנדער טאָג — פון אלע מעגליכע זאכען. דו, די מוטער און איך. איז דאָס ניט פיעל בעסער, מוהמע עללא?

מאדאם בארקמאן (הויבט זיך אויף פון קאנאפע, אן אויפגערעגטע): ערהארד, — איך קען זעהן אין דיינע רייד, אז דו ווילסט אוועקגעהן פון מיר!

ערהארד (פערציטערט): וואס הייסט —?

מאדאם בארקמאן: דו ווילסט געהן צו — צו די הינקעלס.

ערהארד (כאפט זיך ניט ווילענדיג ארויס): אה, דאס האסטו געמיינט! (קאנטראלירט זיך). יא, דענקסטו, אז עס איז בעסער, איך זאל דא בלייבען ביז שפעט אין דער נאכט און ניט לאזען די מוהמע עללא געהן שלאפען? זי איז דאך קראנק, מוטער. בערעכען פארט.

מאדאם בארקמאן: דו ווילסט געהן צו די הינקעלס, ערהארד!

ערהרד (אונגעדולדיג): יא, אבער ווירקליך, מוטער, — מיר דוכט, אז איך מוז געהן. וואס מיינסט דו דערצו, מוהמע?

עללא רענטהיים: איך וואלט אם ליעבסטען געוואלט, דו זאלסט האבען די פולע פרייהייט, ערהארד.

מאדאם בארקמאן (געהט צו צו איהר. מיט א דראהענדען טאן): דו ווילסט איהם אוועקרייסען פון מיר!

עללא רענטהיים (הויבט זיך אויף): יא, ווען איך וואלט דאס נור געקענט, גונהילד!

פון אויבען הערט זיך דער קלאפ פון מוזיק.

ערהארד (דרעהט זיך ווי אין שמערצען): אה, כ'וועל דאס ניט אויסהאלטען! (קוקט זיך אום). וואו איז ערגעץ מיין הוט? (צו עללא'ן): קענסטו די מוזיק, וואס זי שפיעלט אויבען?

עללא רענטהיים: ניין, וואס איז דאס פאר א שטיק?

ערהארד: ס'איז די „דאנס מאקאבר". דער טויטען־טאנץ. קענסטו ניט דעם טויטען־טאנץ, מוהמע?

עללא רענטהיים (מיט אן אומעטיגען שמייכעל): נאך ניט, ערהארד.

ע ר ה א ר ד (צו מאדאם באַרקמאַן) : מוטער, — איך בעט דיך זעהר, — לאָז מיך געהן !

מ א ד א ם ב אַ ר ק מ א ן (קוקט איהם אָן מיט אַ האַרטען בליק) : אוועקגעהן פון דיין מוטער ? דאָס ווילסטו, אלזאָ ?

ע ר ה א ר ד : איך וועל דאָך ווידער קומען — פיליי‌כט נאָך מאָרגען !

מ א ד א ם ב אַ ר ק מ א ן (מיט ליידענשאַפטליכער אויפרע־גונג) : דו ווילסט אוועקגעהן פון מיר ! צו די פרעמדע מענשען ווילסטו געהן ! צו — צו — ניין, כ'וויל עס גאָר אויף מיין גע־דאנק ניט ברייגנען !

ע ר ה א ר ד : דאָרט איז שעהן און ליכטיג. און יונגע, פרעה־ליכע געזיכטער זיינען דאָרט. און מוזיק, מוטער !

מ א ד א ם ב אַ ר ק מ א ן (ווייזט ארויף אויבען) : דאָ אוי־בען איז אויך דאָ מוזיק, ערהארד.

ע ר ה א ר ד : אָט די מוזיק, — אָט די פערטרייבט דאָך מיך פון הויז.

ע ל ל אַ ר ע נ ט ה י י ם : פערגינסטו ניט דיין פאָטער דאָס ביסעלע זעלבסט־פערגעסענהייט ?

ע ר ה א ר ד : יאָ, נאטירליך. פון גאנצען הארצען פערגין איך עס איהם. ווען איך אליין זאָל נור ניט זיין געצוואונגען עס צו הער־רען.

מ א ד א ם ב אַ ר ק מ א ן (קוקט איהם אָן מיט אַן ערמוטהי־גענדען בליק) : זיי שטארק, ערהארד ! נור שטארק, מיין זוהן ! פערגעס קיינמאָל ניט, אז דו האָסט דיין גרויסע מיסיאָן !

ע ר ה א ר ד : אָך, מוטער, — איך בעט דיך, לאָז מיך צורוה מיט די פראזען ! איך הויב ניט אָן צו טויגען פאר א מיסיאָנער. — א גוטע נאכט, ליעבע מוהמע ! א גוטע נאכט, מוטער !

ער געהט איילענדיג אַרויס.

מ א ד א ם ב אַ ר ק מ א ן (נאָך אַ קורצער פויזע) : נו, באלד וועסט איהם ווידער האָבען פאר זיך, עללאַ.

עללא רענטהיים: ווען איך וואָלט דאָס נור געקענט גלויבען.

מאדאם באָרקמאַן: אָבער דו וועסט זעהען, עס וועט ניט לאנג נעהמען און דו וועסט איהם ווידער פערלירען.

עללא רענטהיים: דורך דיר, מיינסטו?

מאדאם באָרקמאַן: דורך מיר אָדער דורך — די אנדערע.

עללא רענטהיים: ליעבערשט זי איידער דו.

מאדאם באָרקמאַן (שאָקעלט לאנגזאַם מיט'ן קאָפּ): ב'פערשטעה. דאָס זאָג איך אויך. ליעבערשט זי איידער דו.

עללא רענטהיים: עס מעג איהם פיהרען ענדליך וואו עס וויל זיך —

מאדאם באָרקמאַן: יא, עס איז כמעט אלץ איינס, וואָלט איך געזאָגט.

עללא רענטהיים (נעהמט איהר מאַנטעל און הוט): צום ערשטען מאָל אין לעבען זיינען מיר צווילינג־שוועסטער אייניג. — גוטע נאכט, גונהילד.

זי געהט אַרויס דורך'ן קאָרידאָר.

די מוזיק אויבען קלינגט אָב שטאַרקער.

מאדאם באָרקמאַן (שטעהט אַ ווײַלע אונבעוועגליך, דאַן פּהוט זי זיך אַ טרייסעל, דרעהט זיך אַזוי ווי אין שמערץ און שעפּ־טשעט): דער וואָלף וואויעט שוין ווידער — דער קראנקער וואָלף. (בלייבט שטעהן אַ רגע, דאַן וואַרפט זי זיך אַנידער אויף דער ערד, דרעהט זיך אין שמערץ און יאמערט שטילערהייט): ערהאַרד! ער־האַרד, — בלייב מיר טריי! אַך, קום צוריק און העלף דיין מוטער! דען איך קען אזוא לעבען מעהר ניט אריבערטראָגען!

צווייטער אקט.

דער אַלטער גרויסער פּראַכט־זאַאל אין דעם הויז פון דער פאַמיליע רענטהיים. די וועגד זיינען בעדעקט מיט אַלטע געמאָלטע טאַפּעטען, וואָס שטעלען פאָר יאַגד־סצענען, פאַסטוכער און פאַסטושקעס, אַלעס אין אָבבלאַקירטע פאַרבען. ביי דער לינקער וואַנד אַ פליגעל־טיר און ווייטער פאָרענט אַ פּיאַנאָ. אין׳ם לינקען עק פון דער הינטערשטער וואַנד אַ טאַפּעטען־טיר אָהן אַ ראַהם. אין מיטען ביי דער רעכטער וואַנד אַ גרויסער, געשניצטער שרייב־טיש פון אייכען־האָלץ מיט אַ סך ביכער און דאָקומענטען. ווייטער אַביסעל אויף דער זעלבער זייט אַ זאָפאַ, אַ טיש און שטוהלען. די מעבעל איז אין גאַנצען פון אַ שטייפען „עמ־פּיר־סטיל“. ברענענדע לאָמפּען אויףביידע טישען.

יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן שטעהט ביי דער פּיאַנאָ, די הענד אויף׳ן רוקען, און הערט זיך צו צו פרידאַ פאָלדאַל, וועלכע שפּיעלט די לעצטע טאַקטען פון דער „דאַנס מאַקאַבר“.

באָרקמאַן איז אַ מיטעל־הויכער, שטאַרק־געבויטער מאַן אין די זעכציגער יאָהרען. ער האָט אַן אַריסטאָקראַטיש אויסזעהן, אַ פיין געשניטענעם פּראָפיל מיט דורכדרינגענדע אויגען און גראָה־ווייסע געגרייזעלטע האָר און באָרד. ער טראָגט אַ שוואַרצען ניט זעהר מאָדער־נעם אנצוג און אַ ווייסען קראַוואַט.

פרידאַ פאָלדאַל איז אַ שעהן, בלייך, פופצעהן־יעהריג מוי־דעל; איהר געזיכט האָט אַביסעל אַ מיעדען, אָנגעשטריינגטען אויס־דרוק. טראָגט אַ העל קלייד, אָרעם בעפּוצט.

די מוזיק איז געענדיגט. פּויזע.

באָרקמאַן: קענט איהר טרעפען, וואו איך האָב צום ער־שטען מאָל געהערט אזעלכע טענער ווי די?

פרידא (גיט אַ קוק אויף איהם): ניין, הערר באַרקמאַן.

באַרקמאַן: דאָס איז געווען אונטען אין די מינען.

פרידא (פערשטעהט איהם ניט): אזוי? אין די מינען?

באַרקמאַן: איך בין א מינען־ארבייטער'ס זוהן, מוזט איהר וויסען. אָדער איהר ווייסט עס אפשר ניט?

פרידא: ניין, הערר באַרקמאַן.

באַרקמאַן: א מינען־ארבייטער'ס זוהן. און מיין פאָטער פלעגט מיך צייטענווייז אַרונטערנעהמען מיט זיך אין די גריבער. — דאָרט אונטען זינגט דאָס רויע מעטאַל.

פרידא: אזוי, — ס'זינגט?

באַרקמאַן (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ): ווען מען ברעכט עס אָב. די קלעפּ פון די האַמערס, וועלכע ברעכען עס פונאנדער, — דאָס איז די מיטען־נאַכט גלאָק, וואָס קלינגט און בעפרייט עס. דע־רום זינגט דאָס מעטאַל — פאר פרייד — אויף זיין שטייגער.

פרידא: פארוואָס זינגט עס דאָך, הערר באַרקמאַן?

באַרקמאַן: ס'וויל אַרויף אויבען אין ליכט פון טאָג און דיענען די מענשען.

ער געהט ארויף און אַראָב, די הענד אימער אויף'ן רוקען.

פרידא (זיצט אַ ווײַלע און וואַרט, דאַן טהוט זי אַ קוק אויף איהר זייגער און הויבט זיך אויף): ענטשולדיגט, הערר באַרקמאַן, — אָבער איך מוז שוין איצט געהן.

באַרקמאַן (בלייבט שטעהן פאר איהר): איהר ווילט שוין אוועקגעהן?

פרידא (לעגט אַריין די נאָטען אין טאַש): כ'מוז ווירקליך געהן. (קוקט אוים צו זיין אין פערלעגענהייט). כ'האָב א בעשטע־לונג פאר היינט אין אָבענד.

באַרקמאַן: אין א געזעלשאַפט?

פרידא: יאָ.

באַרקמאַן: און איהר וועט דארפען שפּיעלען דאָרט פאר דער געזעלשאַפט?

פרידא (בייסט זיך די ליפּען): ניין, — איך וועל נור שפּיעלען פאר די טענץ.

באַרקמאַן: נור פאר די טענץ?

פרידא: יאָ; זיי וועלען טאנצן נאָכ'ן עסען.

באַרקמאַן (קוקט זי אָן אַ ווײַלע): שפּיעלט איהר גערן טאנץ-מוזיק? פאר געזעלשאפטען, מיין איך?

פרידא (טהוט אָן איהר מאַנטעל): יאָ, ווען עס מאַכט זיך מיר א בעשטעלונג, דאן—. כ'קען דאָך אימער פערדיענען וואָס עס איז דערביי.

באַרקמאַן (מיט אַ פאַרשעגדען טאָן): איז דאָס די הויפּט זאך, וועגען וואָס איהר טראכט, ווען איהר זיצט און שפּיעלט פאַר פאר די טענצער?

פרידא: ניין; מייסטענס טראכט איך ווי טרויעריג דאָס איז, וואָס איך קען אליין ניט מיטטאַנצען.

באַרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דאָס איז טאקע, וואָס איך האָב געוואָלט וויסען. (געהט אַרום אונרוהיג איבער'ן זאַאַל). יאָ, יאָ, יאָ, — וואָס מען קען אליין ניט מיטטאנצען, דאָס איז טרויעריגער ווי אלצדינג. (בלייבט שטעהן). אײן זאך אָבער האָט איהר, פרידא, וואָס וועגט דאָס אלעס אריבער.

פרידא (קוקט איהם אָן מיט אַ פרעגענדען בליק): און וואָס איז דאָס אזוינס, הערר באַרקמאַן?

באַרקמאַן: עס איז אָט דאָס, וואָס איהר האָט אין זיך צעהן מאָל מעהר מוזיק, איידער די גאנצע טאנץ-געזעלשאפט אינ-איינעם.

פרידא (שמייכעלט מיט אַ מיעדע פּנים אויסווייכונג): אָך, דאָס איז דאָך גאָר ניט אזוי זיכער.

באַרקמאַן (הויבט אויף זיין צייג-פינגער, וואָרנענדיג): איהר זייט דאָך ניט אזוי נאַריש, צו צווייפלען אין זיך אליין!

פרידא: אָבער, מיין גאָט, ווען קיינער ווייס גאָרנישט וועגען דעם?

באַרקמאַן: ווען איהר אליין ווייסט עס, איז גענוג. — וואו שפּיעלט איהר היינט אַבענד?

פרידאַ: דאָ אריבער, ביי דעם אדוואָקאַט הינקעל.

באַרקמאַן (קוקט אויף איהר פלוצלונג שטרענג): הינקעל, האָט איהר געזאָגט?

פרידאַ: יאָ.

באַרקמאַן (מיט אַ שניידענדען שמייכעל): קומען געסט צו דעם מענשען? קען ער קריגען ווען, וואָס זאָל געהן צו איהם אויף בעזוך?

פרידאַ: איך האָב געהערט מאַדאַם ווילטאָן זאָגען, אז עס קומען צו זיי א סך מענשען אין הויז.

באַרקמאַן (מיט כעס): אָבער וואָסערע מענשען? קענט איהר מיר דאָס זאָגען?

פרידאַ (עטוואס נערוועז): ניין, דאָס ווייס איך ווירקליך נים. יאָ, — ריכטיג, כ'ווייס, אז דער יונגער הערר באַרקמאַן וועט דאָרט זיין היינט אַבענד.

באַרקמאַן (ערשטוינט): ערהארד! מיין זוהן?

פרידאַ: יאָ, ער דאַרף דאָרט זיין.

באַרקמאַן: פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

פרידאַ: ער האָט עס אליין געזאָגט. מיט א שטונדע צוריק.

באַרקמאַן: איז ער דען היינט דאָ געוועזען?

פרידאַ: יאָ, ער איז דעם גאַנצען נאָכמיטאָג געוועזען ביי מאַדאַם ווילטאָן.

באַרקמאַן (פאָרשענדיג): איהר ווייסט ניט, דאָ אין הויז איז ער אויך געוועזען? כ'מיין, צי ער איז געוועזען אונטען און גערעדט מיט אימיצען?

פרידאַ: יאָ, ער איז אריין אויף א ווייל צו דער גנעדי־גער פרוי.

באַרקמאַן (ביטער): אהא, — דאָס האָב איך מיר גע־טראַכט.

פ ר י ד א: נאָר מיר דוכט, אז נאָך א פרעמדע דאמע איז געווען ביי איהר.

ב אָ ר ק מ אַ ן: אזוי? ווירקליך? נו יאָ, צו דער גנעדיגער פרוי קומט דאָך ווען ניט ווען אימיצער צו גאסט.

פ ר י ד א: זאָל איך זאָגען דעם יונגען הערר באָרקמאַן, ווען איך וועל איהם שפּעטער טרעפען, אז ער זאָל אויך ארויפקומען אהער צו אייך?

ב אָ ר ק מ אַ ן (מיט אַ שטרענגען טאָן): גאָרנישט זאָלט איהר זאָגען! איהר הערט? איך וויל ניט וויסען דערפון! די, וואָס האָבען עפּעס מיט מ י ר צו רעדען, די זאָלען קומען פון זיך אליין. איך בעט קיינעם ניט.

פ ר י ד א: ניין, ניין, כ'וועל גאָרנישט זאָגען. — גוטע נאַכט, הערר באָרקמאַן.

ב אָ ר ק מ אַ ן (געהט אָרום איבער'ן צימער, ברומט): גוטע נאַכט.

פ ר י ד א: קען איך פּילייכט ארונטערלויפען די געדרעהטע טרעפּ? עס איז שנעלער.

ב אָ ר ק מ אַ ן: נו, יאָ — לויפט מיינעטוועגען ארונטער וועלכע טרעפּ איהר ווילט. און איצט, גוטע נאכט.

פ ר י ד אַ: גוטע נאכט, הערר באָרקמאַן.

אָב דורך די קליינע טאַפּעטען־טיר אין הינטער־גרונד לינקס.

באָרקמאַן, פערזונקען אין געדאַנקען, געהט צו צו דער פּיאַנאָ און וויל זי פערמאַכען, לאָזט עס אָבער אָב. קוקט זיך אום אין דער פּוסט־קייט פון'ם צימער און הויבט אָן ארומצוגעהן ארויף און אראָב צווישען דעם ווינקעל ביי דער פּיאַנאָ און דעם רעכטען ווינקעל אין הינטער־גרונד, — שפּאַנענדיג אַהין און צוריק אונרוהיג און אָהן אויפהער. ענדליך געהט ער צו צום שרייב־טיש, הערט זיך איין אין דער ריכטונג פון דער פליגעל־טיר, נעהמט שנעל אַ האַנד־שפּיעגעל, בעטראַכט זיך דער־ריין און מאַכט צורעכט זיין קראַוואַט.

אַ קלאַפּ אין דער פליגעל־טיר. באָרקמאַן הערט עס, וואַרפט שנעל אַ בליק אַהין, אָבער ער שווייגט.

אין אַ ווײַלע אַרום קלאַפּט ווידער, דאָס מאָל שטאַרקער.

באַרקמאַן (בײַם שרײַב־טיש, די לינקע האַנד אָנגעשפּאַרט דערויף, און די רעכטע אויף דער ברוסט, אַרײַנגעשטעקט צווישן צוויי קנעפּ פון זײַן ראָק): אַרײַן!

ווילהעלם פֿאָלדאַל קומט שטילערהייט אַרײַן אין צימער. ער זעהט אויס אָבגעמאַטערט, אײַנגעהויקערט, מיט מילדע, בלויע אויגען און דינע, לאַנגע, גראָע האָר, וועלכע פֿאַלען איהם אַריבער איבער׳ן קאָל־נער פון ראָק. אונטער׳ן אָרם טראָגט ער אַ פּאַפּיר־טאַש. ער האַלט אַ ווײַ־כען פילצענעם הוט אין דער האַנד און טראָגט אַ פּאָר גרויסע ברילען, וועלכע ער רוקט אַרויף אויף׳ן שטערן.

באַרקמאַן (ענדערט זײַן האַלטונג און קוקט אויף פֿאָלדאַל׳ן מיט אַ געמישטען בליק פון ענטטוישונג און צופֿריעדענהייט): אַה, דאָס ביסט דו גאָר?

פֿאָלדאַל: אַ שעהנעם, גוטען אָבענד, יאָהאַן גאַבריעל. יאָ, דאָס בין איך.

באַרקמאַן (וואַרפֿט איהם צו אַ שטרענגען בליק): מיר שײַנט, דו קומסט הײַנט אַביסעל צו שפּעט.

פֿאָלדאַל: נאַ, הער נאָר, דער וועג אַהערצו איז ניט קיין קלײניגקייט. בעזונדערס פאַר דעם, וואָס מוז געהן צופוס.

באַרקמאַן: יאָ, פאַרוואָס געהסטו אימער צופוס, ווילהעלם? דו האָסט דאָך דעם טראַמוויי אַזוי נאָהענט לעבען דיר.

פֿאָלדאַל: געהן איז געזונדער. און דאַן שפּאָר איך אויך איין די צעהן פעניג. — נאַ, איז פרידאַ דאָ פריהער געוועזען און האָט געשפּיעלט פאַר דיר?

באַרקמאַן: זי איז נאָר וואָס אַוועק. האָסט זי ניט בע־געגענט אויף׳ן וועג?

פֿאָלדאַל: ניין, כ׳האָב זי שוין לאַנג ניט געזעהן. די גאַנצע צייט, זינט זי וואוינט בײַ דער דאָזיגער פרוי ווילטאָן אין הויז.

באַרקמאַן (זעצט זיך אויף׳ן קאַנאַפּע און ווײַזט אָן מיט דער האַנד אויף אַ שטוהל): קענסט זיך אויך זעצען, ווילהעלם.

פאלדאל (זעצט זיך אויף'ן ראנד פון שטוהל): א שעהנעם דאנק. (קוקט איהם אן מיט אן אומעטיגען בליק). אך, דו קענסט זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי איינזאם איך פיהל זיך, זינט פרידא איז אוועק פון דערהיים.

בארקמאן: נו, ווייס איך, — האסט דאך נאך געווג לע־בען זיך.

פאלדאל: יא, דאנקען גאט. גאנצע פינף שטיק. אבער פרידא איז געווען די איינציגע, וואס האט מיך אביסעלע פער־שטאנען. (שאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ): די אנדערע הויבען מיך ניט אן צו פערשטעהן.

בארקמאן (קוקט פינסטער פאר זיך און פייקעלט מיט די פינ־גער אויף'ן טיש): יא, דאס איז טאקי די מעשה. דאס איז דער פלוך, וואס ליעגט אויף אונז איינצעלנע, אויף אונז אויסערוועהלטע מענשען. די מאסע, דער המון, — אט די אלע דורכשניטסמענשען, — פערשטעהען אונז ניט, ווילהעלם.

פאלדאל (מיט הכנעה): פערשטעהן—דאס פערלאנגט מען דאך ניט גלייך. מיט אביסעלע געדולד קען מען ווי עס איז וואר־טען א ווייצע, ביז עס קומט שוין. (מיט טרעהרען־פערשטיקטער שטי־מע): אבער, פערשטעהסט, פארהאן עפעס, וואס איז נאך ביטע־רער ווי דאס!

בארקמאן (העפטיג): נאך ביטערער ווי דאס, איז ניטא!

פאלדאל: אה, יא, יאהאן גאבריעל. כ'האב נאר וואס — איידער איך בין אוועקגעגאנגען — איבערגעלעבט א שטוב־סצענע.

בארקמאן: ווי אזוי, וואס?

פאלדאל (פלאצט ארויס): אין דערהיים, דארט — דארט בראכטען זיי מיך.

בארקמאן (בייז): פעראכטען דיך — !

פאלדאל (ווישט זיך די אויגען): כ'האב עס שוין לאנג בעמערקט. היינט אבער האט זיך עס ערשט ארויסגעוויזען גאנץ דייטליך.

באַרקמאַן (נאָך אַ קורצער פּויזע): דו האָסט אודאי שלעכט געטראָפען ווען דו האָסט געהייראט.

פּאָלדאַל: כ'האָב דאָך אייגענטליך ניט געהאַט קיין ברירה. איבעריגענס, מען איז גערן אז מען קען הייראטען, ווען מען הויבט אָן צו קומען אין די יאָהרען; און אזוי אָרים, אזוי רואי־נירט, ווי איך בין דאמאָלסט געווען —

באַרקמאַן (שפּרינגט אויף מיט צאָרן): דאָס מיינסטו מיך? אַ פאָרוואורף —!

פּאָלדאַל (דערשראָקען): ניין, ניין, אום גאָטעס ווילען, יאָהאַן גאַבריעל —!

באַרקמאַן: יאָ, דו דענקסט איצט וועגען דעם אונגליק, וואָס איז געקומען איבער די באַנק —!

פּאָלדאַל (מיט אַ מילדען טאָן): אָבער אין דער געשיכטע ווארף איך דאָך ניט אויף דיר די שולד! גאָט בעהיט —!

באַרקמאַן (ברומט, זיך אוועקזעצענדיג צוריק אויף זיין אָרט): נאַ, דאָס איז נאָך אַ שטיקעל גליק.

פּאָלדאַל: איבעריגענס דאַרפסטו ניט דענקען, אז דאָס בעקלאָג איך זיך אויף מיין פרוי. שטארק געבילדעט איז זי טאקע ניט, דאָס גיב איך צו. אָבער מען קען דאָך מיט איהר אויסקומען. ניין, דאָס זיינען די קינדער, פערשטעהסטו מיך —

באַרקמאַן: נו יאָ, דאָס האָב איך זיך שוין אליין גע־טראכט.

פּאָלדאַל: וואָרים די קינדער, — זיי האָבען דאָך מעהר בילדונג. און דערפאַר ערוואַרטען זיי אויך מעהר פון'ם לעבען.

באַרקמאַן (מיט אַ בליק פון מיטגעפיהל): און דערום, פעראַכטען זיי דיך, די יונגאַטשעס?

פּאָלדאַל (ציהט די אַקסלען): פערשטעהסטו, קיין אויסער־געוועהנליכע קאַריערע האָב איך דאָך ניט געמאַכט. דאָס מוז איך צוגעבען —

באַרקמאַן (רוקט זיך צו נעהענטער צו איהם און לעגט אַרויף

די האַנד אויף זיין אָרעם) : ווייסען זיי דען ניט, אז דו האָסט אין דיינע יונגע יאָהרען אָנגעשריבען א טראַגעדיע?

פ אָ ל ד א ל : נאַטירליך ווייסען זיי עס. נאָר אפנים עס מאַכט אויף זיי ניט קיין בעזונדערען איינדרוק.

ב אָ ר ק מ אַ ן : דאַן זיינען זיי קנאַפּע מבינים אויף אַזעלכע זאַכען. וואָרים די טראַגעדיע דיינע איז גוט. דאָס איז מיין פעסטע איבערצייגונג.

פ אָ ל ד א ל (מיט אַ שיין פון פרייד אויף'ן געזיכט) : אַ יאָ, עס זיינען פאַראַן איינציגע גוטע שטעלען דערין, יאָהאַן גאַבריעל? אך גאָט, ווען איך וואָלט עס נור געקענט וואו עס איז אויפפיהרען! — (עפענט זיין פּאַפּיר־טאַש און הויבט אָן בלעטערן דערין). פאַס נור אויף! כ'וויל דיר אקאָרשט ווייזען איינציגע ענדערונגען, וואָס איך האָב געמאַכט —

ב אָ ר ק מ אַ ן : דו האָסט עס ביי דיר?

פ אָ ל ד א ל : יאָ' כ'האָב עס מיטגעבראַכט. ס'איז שוין אַזוי לאַנג, זינט איך האָב עס דיר פאָרגעלעזען. און איך האָב גערעכענט, עס וועט אפשר זיין אַ שטיקעל צייט־פערטרייב פאַר דיר, צו הערען נאָך אַמאָל אַן אקט אָדער צוויי —

ב אָ ר ק מ אַ ן (מאַכט מיט דער האַנד, זיך אויפהויבענדיג) : ניין, ניין, לאָמיר דאָס לאָזען אויף אַן אַנדערס מאָל.

פ אָ ל ד א ל : נו, יאָ; ווי דו ווילסט.

באָרקמאַן געהט אַרום הין און צוריק איבער'ן צימער. פאָלדאַל שטעקט צוריק אַריין דעם מאַנוסקריפּט אין טאַש.

ב אָ ר ק מ אַ ן (בלייבט שטעהן אַנטקעגען איהם) : ס'איז ריכטיג, וואָס דו האָסט פריהער געזאָגט, — אַז דו האָסט ניט געמאַכט קיין קאַריערע. אָבער ד אָ ס זאָג איך דיר צו, ווילהעלם : ווען די שטונדע פון מיין בעלוינונג וועט שלאָגען —

פ אָ ל ד א ל (וויל זיך אויפהויבען) : אָה, ווי דאַנקבאַר איך בין דיר — !

ב אָ ר ק מ אַ ן (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) : קענסט בלייבען זיצען. (אין שטייגענדער אויפרעגונג) : ווען די שטונדע פון מיין

בעפרידיגונג וועט שלאָגען — ווען זיי וועלען איינעזהן, אז זיי קענ־נען אָהן מיר ניט אויסגעקומען — ווען זיי וועלען קומען צו מיר, אהער אין זאאל — און זיך אין דרייען בויגען און אויף דער ערד קריכען און זיך בעטען און בעטלען, איך זאָל ווידער איבערנעהמען די לייטונג פון דער באנק —! פון דער נייער באנק, וואָס זיי האָ־בען געגרינדעט — און וואָס זיי קענען ניט פיהרען — (שטעלט זיך ביים שרייב־טיש ווי פריהער און קלאַפּט זיך אויף דער ברוסט). אָט דאָ וועל איך שטעהן און זיי אויפנעהמען! און אָבקלינגען זאָל איבער'ן גאנצען לאנד, וואָס פאר בעדינגונגען יאָהאן גאבריעל שטעלט, ווען ער — (האקט פלוצלונג אָב און גיט אַ קוק אויף פאָל־דאַל'ן). דו קוקסט מיך אָן אזוי צווייפלענדיג! גלויבסטו אפשר ניט, אז זיי וועלען קומען? אז זיי וועלען אמאל מוזען, מו־זען קומען צו מיר? גלויבסט דאָס ניט?

פאָלדאל: יאָ, יאָהאן גאבריעל, געוויס גלויב איך עס.

באָרקמאן (זעצט זיך צוריק אַנידער אויף דער קאַנאַפּע): איך גלויב פעסט אין דעם. איך בין פעלזען־פעסט איבערצייגט, אז זיי וועלען קומען. וואָלט איך ניט געווען זיכער דעריין, —דאן וואָלט איך זיך שוין לאנג ארייננעשאָסען אַ קויל אין קאָפּ.

פאָלדאל (דערשראָקען): אַך, אום גאָטעס ווילען —!

באָרקמאן (מיט טריאומף): אָבער זיי וועלען קומען! זיי וועלען שוין קומען! דו וועסט זעהן! יעדען טאָג, יעדע שטונ־דע קען איך זיי דאָ ערוואַרטען. און ווי דו זעהסט, האלט איך זיך גרייט, זיי אויפצונעהמען.

פאָלדאל (מיט אַ זיפץ): ווען זיי קומען נור וואָס גיכער!

באָרקמאן (אונרוהיג): דאָס ביסט דו גערעכט; די צייט פערגעהט; די יאָהרען פליהען; דאָס לעבען, — ניין, ניין, — כ'קען גאָר ניט דענקען דערפון! (קוקט איהם אָן). ווייסט דו, ווי אזוי איך פיהל זיך אָפט?

פאָלדאל: ווי פאָרט?

באָרקמאן: איך פיהל זיך ווי א נאפּאָלעאָן, וועמען זיי

האָבען געשאָסען און געמאַכט פאַר אַ קריפּעל אין זיין ערשטער מלחמה.

פּאָלדאַל (לעגט אַרויף די האַנד אויף זיין פּאַפּיר־טאַש): דאָס געפיהל איז מיר אויך בעקאַנט.

באָרקמאַן: נו יאָ, אין אַ קלענערען מאַסשטאַב, הייסט עס.

פּאָלדאַל (רוהיג): מיין קליינער דיכטער־וועלט האָט פאַר מיר אַ גרויסען ווערטה, יאָהאַן גאַבריעל.

באָרקמאַן (העפטיג): יאָ, אָבער איך, וואָס איך וואָלט דאָך געקענט שאַפען גאַנצע מיליאָנען! די אַלע מינען, וואָס איך וואָלט געהאַט אונטער מיין קאָנטראָל! נייע גריבער אָהן אַ צאָהל! די וואַסער־פאַלען! די שטיין־ברוכען! די האַנדעלס־וועגען און די שיפס־פערבינדונגען איבער דער גאַנצער וועלט! אַלעס, אַלעס וואָלט איך צושטאַנד געבראַכט — איך אַליין!

פּאָלדאַל: יאָ, כ'ווייס, כ'ווייס. דו וואָלסט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשראָקען.

בראָקמאַן (פּרעסט צונויף די הענד): און איצט מוז איך דאָ זיצען ווי אַן אונטערגעשאָסענער יאַגד־פויגעל און צוקוקען, ווי די אַנדערע פערכאַפּען מיר דעם וועג — און נעהמען ביי מיר אַלצ־דינג אַוועק, שטיק פאַר שטיק!

פּאָלדאַל: פערשטעהסט! אַזוי נעהט עס מיר אויך.

באָרקמאַן (ניט הערענדיג איהם): האָט מען שוין אַזוי־וואָס געזעהן? אַזוי נאָהענט ווי איך בין געשטאַנען לעבען מיין ציעל! ווען איך האָב בלויז אַכט טאָג צייט צו ברייננגען אַלעס אין אָרדנונג! אַלע דעפּאָזיטען וואָלטען צוריק געווען געדעקט. די אַלע ווערטה־פּאַפּירען, מיט וועלכע איך האָב זיך מיט אַזאַ דרייסטקייט בענוצט, וואָלטען געלעגען צוריק אויף זייער פּלאַץ, ווי פריהער. ס'האָט געפעהלט אַ האָר, און די ריעזען־גרויסע אַקציען־געזעלשאַפּ־טען וואָלטען דאַמאָלסט צושטאַנד געקומען. קיין איינציגער מענש וואָלט קיין איין פעניג ניט פערלאָרען —

פ אָ ל ד אַ ל: יאָ, יאָ, — אזוי נאָהענט ווי דו ביסט דאן גע־ווען ביי דיין ציעל —

ב אַ ר ק מ אַ ן (מיט פערביסענעם צאָרן): און דאָ איז אויף מיר דער פעררעטהער אָנגעפאַלען פון הינטען! גראָד אין דעם קריטישען מאָמענט! (גיט אַ קוק אויף איהם). ווייסטו, וואָס איך האַלט פאַר דעם אונפערשעהמטסטען פערברעכען, וואָס אַ מענש־קען בעגעהן?

פ אָ ל ד אַ ל: ניין, וועלכער דען?

ב אַ ר ק מ אַ ן: ס'איז ניט מאָרד. אויך ניט רויב אָדער אויפ־ברעכען אַ הויז אין מיטען נאכט. ניט אמאָל פאַלש שווערען. וואָ־רים אַט די אַלע זאכען ווערן דאָך מייסטענס בעגאנגען געגען מענ־שען, וועלכע מען האסט, אָדער צו וועלכע מען איז גלייכגילטיג און זיי געהען ווינציג וואָס אָן.

פ אָ ל ד אַ ל: אָבער דאָס אונפערשעהמטסטע אַלזאָ, יאָהאַן גאַבריעל —?

ב אַ ר ק מ אַ ן (מיט בעטאָנונג): דאָס אונפערשעהמטסטע איז, ווען אַ פריינד מיסברויכט זיין פריינד'ס צוטרוי.

פ אָ ל ד אַ ל (מיט אַ טאָן פון צווייפעל): יאָ, אָבער, הער־אקאָרשט —

ב אַ ר ק מ אַ ן (פלאַקערט אויף): איך זעה וואָס דו ווילסט זאָ־גען; עס איז אָבער גאָר ניט גלייך. די מענשען וואָס האָבען גע־האַט זייערע ווערטה־פּאַפּירען אין דער באַנק, וואָלטען דאָס זייע־ריגע צוריקגעקראָגען. ביז אַ פעניג! — ניין, מיין ליעבער, דאָס אונפערשעהמטסטע, וואָס אַ מענש קען בעגעהן, איז, ווען ער מיס־ברויכט די בריעף פון זיין פריינד, — ווען ער ניט ארויס פאַר דער גאַנצער וועלט ד אָ ס, וואָס איז בלויז אָנפערטרויט געוואָרען איין איינציגען, אונטער פיער אויגען, אזוי ווי מען וואָלט שטיל אריינ־רעדען אין אַ לעדיגען, דונקעלען, פערשלאָסענעם צימער. דער מאַן, וואָס קען זיך בענוצען מיט אזעלכע מיטלען, דער איז דורך און דורך פערגיפטעט און פערפעסטעט פון דער נידעריגסטער שורקען־מאָ־

ראַל. און אזא פריינד האָב איך געהאַט. — און ער האָט דאָס מיך צושמעטערט.

פאַלדאַל: כ׳האָב קיין אַהנונג, וועמען דו מיינסט.

באַרקמאַן: ס׳איז ניט געווען קיין פאַלט, קיין קנייטשעלע אין מיין גאַנצען האנדעל און וואנדעל, וואָס איך האָב זיך ניט געטרויט פאר איהם אויפצודעקען. און דאַן, אַז דער מאָמענט איז געקומען, האָט ער אַנגעשטעלט געגען מיר די וואַפען, וועלכע איך האָב איהם אליין אריינגעגעבען אין די הענד.

פאַלדאַל: כ׳האָב קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהן, פאַרוואָס ער—? יעדענפאַלס זיינען דאַן ארומגעגאַנגען אלערליי קלאַנגען וועגען דעם.

באַרקמאַן: וואָס פאַר א קלאַנגען זיינען דאָס געווען? זאָג עס מיר. איך וויים דאָך גאָרנישט. מען האָט דאָך מיך גלייך — אָבגעזונדערט. — וואָס האָבען לייט גערעדט, ווילהעלם?

פאַלדאַל: דו האָסט געזאָלט ווערען מיניסטער, האָט עס געהייסען.

באַרקמאַן: מען האָט מיר ווירקליך אַנגעבאָטען די שטעלע. אָבער איך האָב זיך ענטזאַגט דערפון.

פאַלדאַל: ביסט איהם אלזאָ ניט געשטאַנען אין וועג?

באַרקמאַן: אָה ניין; דאָס איז ניט געווען דער גרונד, פארוואָס ער האָט מיך פערראַטהען.

פאַלדאַל: יאָ, דאַן פערשטעה איך ווירקליך ניט —

באַרקמאַן: דיר קען איך עס זאָגען, ווילהעלם.

פאַלדאַל: נו?

באַרקמאַן: ס׳איז געווען — אזוי א מין ווייבער-געשיכטע, פערשטעהסטו מיך.

פאַלדאַל: א ווייבער-געשיכטע? אָבער יאָהאַן גאַבריעל — ?

באַרקמאַן (האַקט אָב): נאַ, — לאָמיר אויפהערען ריידען וועגען די אַלטע, דומע געשיכטען. — יעדענפאַלס, מיניסטער איז קיינער פון אונז ניט געוואָרען, ניט ער און ניט איך.

פ אָ ל ד א ל: אָבער ער איז ארויפגעשטיגען הויך.

ב אָ ר ק מ א ן: און איך בין ארונטער אין אָבגרונד.

פ אָ ל ד א ל: אָה, דאָס איז אַ שרעקליכע טראַגעדיע —

ב אָ ר ק מ א ן (שאָקעלט איהם צו מיט'ן קאָפּ): כמעט אזוי שרעקליך ווי דיינע, קומט עס מיר פאָר, ווען איך דענק דערפון.

פ אָ ל ד א ל (נאאיוו): יאָ, וועניגסטענס אזוי שרעקליך.

ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ שטילען געלעכטער): בעטראַכט מען עס אָבער פון אַן אנדער זייט, איז עס דאָך אויך אַ מין קאָמעדיע.

פ אָ ל ד א ל: א קאָמעדיע? דאָס?

ב אָ ר ק מ א ן: ווי עס האלט זיך איצט ביים ענטוויקלען. — יאָ דען איצט הער נור צו —

פ אָ ל ד א ל: וואָס איז?

ב אָ ר ק מ א ן: ווען דו ביסט אהער געקומען, האָסטו פרידא'ן שוין דאָ ניט געפונען.

פ אָ ל ד א ל: ניין.

ב אָ ר ק מ א ן: נו, בעת מירביידע זיצען דאָ, שפּיעלט זי פאָר צום טאַנץ ביי דעם מענשען, וועלכער האָט מיך פערראַטהען און רואינירט.

פ אָ ל ד א ל: אָבער דערפון האָב איך גאָר קיין אהנונג ניט געהאט!

ב אָ ר ק מ א ן: אזוי איז עס. זי האָט מיטגענומען איהרע נאָטען און איז אוועק פון דאנען אין — אין הויז פון יענע הער־שאפטען.

פ אָ ל ד א ל (מיט אַ טאָן פון ענטשולדיגונג): יאָ, יאָ, דאָס אָרעמע קינד —

ב אָ ר ק מ א ן: און קענסט דו טרעפען, פאר ועמען, צווישען אנדערע, זי שפּיעלט דאָרט?

פ אָ ל ד א ל: נו?

ב אָ ר ק מ א ן: פאר מיין זוהן!

פ אָ ל ד א ל: וואָס?!

ב אָ ר ק מ א ן: יאָ, וואָס זאָגסטו דערצו, ווילהעלם? מיין

זוהן געפינט זיך היינט אָבענד דאָרט צווישען די טענצער. בין איך ניט גערעכט, ווען איך רייד פון א קאָמעדיע?

פּאָלדאַל: אָבער אויב אַזוי, מעגסט דו זיכער זיין, אז ער ווייס גאָרנישט וועגען דעם.

באָרקמאַן: וואָס ווייס ער ניט?

פּאָלדאַל: ער ווייס זיכער ניט, אויף וואָס פאר אן אופן ער — אָט דער — נאָ —

באָרקמאַן: דו קענסט איהם אָנרופען ביים נאָמען. איצט ארט עס מיך שוין ניט.

פּאָלדאַל: כ'בין איבערצייגט, אז דיין זוהן איז ניט בעקאנט מיט די אומשטענדען, יאָהאַן גאַבריעל.

באָרקמאַן (מיט אַ פינסטערער מיענע, זיצט און קלאַפּט אָן מיש): ער איז בעקאנט מיט זיי, זאָג איך דיר, — אזוי וואהר ווי איך זיץ דאָ.

פּאָלדאַל: אָבער דאן, ווי קען ער זיין אן איינגעהער אין דעם הויז?

באָרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): מיין זוהן מוז אודאי קוקען אויף דער זאך מיט אנדערע אויגען ווי איך. כ'וואָלט געקענט שווערען, אז ער שטעהט אויף דער זייט פון מיינע פיינד! יעדענפאלס מיינט ער ווי זיי, אז אדוואָקאט הינקעל האָט בלויז געטהאָן זיין פערדאַמטע פליכט, ווען ער איז געגאנגען און האָט מיך פערראַטהען.

פּאָלדאַל: אָבער, מיין גאָט, ווער האָט איהם דען געקענט פאָרשטעלען די זאך אין דעם ליכט?

באָרקמאַן: ווער? דו פערגעסט גאָר, ווער ס'האָט איהם ערצויגען? פריהער זיין מוהמע — פון זיין זעקסטען אָדער זיבעטען יאָהר אָן. און דערנאָך — זיין מוטער!

פּאָלדאַל: כ'מיין, דו טהוסט זיי אונרעכט אין דער הינזיכט.

באָרקמאַן (פייערדיג): איך טהו קיינמאָל קיינעם קיין

אונרעכט ניט! ביידע האָבען זיי איהם אויפגערייצט געגען מיר, זאָג איך דיר!

פ אָ ל ד א ל (גיט נאָך) : נו יאָ, וואהרשיינליך ווייסטו דאָך, וואָס דו זאָגסט.

ב אָ ר ק מ א ן (פערביטערט) : אָה, די ווייבער! זיי פערשטע־רען און פערביטערען איינעם דאָס לעבען! זיי מאכען א תל פון אונזער גאנצען שיקזאל, — פון אונזער גאנצען פאָרווערטס־גאנג.

פ אָ ל ד א ל : ניט אַלע!

ב אָ ר ק מ א ן : אזוי? רוף מיר אָן כאָטש איין איינציגע, וואָס טויג צו עפּעס!

פ אָ ל ד א ל : ניין, דאָס איז טאקע די צרה. די עטליכע, וואָס איך קען, טויגען צו גאָרנישט.

ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ שפּאָטישען טאָן) : יאָ, וואָס קומט ארויס דערפון, וואָס עס זיינען דאָ אזעלכע ווייבער, — אז מען קען זיי ניט!

פ אָ ל ד א ל (מיט וואַרעמקייט) : יאָ, יאָהאַן גאבריעל, ס'נוצט דאָך. ס'איז דאָך אזא הערליכער און זיסער געדאנק, אז ערגעץ וואו אין דער וועלט, ווייט, ווייט אוועק, געפינט זיך דאָך די אמת'ע פרוי.

ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ מיענע פון אונגעדולד) : אך, לאָז מיך צורוה מיט דיינע דיכטערישע פלוידערייען!

פ אָ ל ד א ל (קוקט איהם אָן טיעף געקריינקט) : דיכטערישע פלוידערייען — אָט אזוי רופסטו מיין הייליגסטען גלויבען?!

ב אָ ר ק מ א ן (האַרט) : יאָ, איך נעהם מיר אזא פרייהייט! און אויב דו ביסט ניט דערגאנגען ווייט אין דער וועלט, איז אָט דאָס טאקי די סבה דערפון. ווען דו שלאָגסט זיך ארויס אָט די זאַ־כען פון קאָפּ, דאן וואָלט איך דיך נאָך געקענט שטעלען אויף די פיס, — דיך אויפהויבען אין דער הויך.

פ אָ ל ד א ל (קאָכענדיג אינעווייניג פאר אויפרעגונג) : אך, דאָס קענסטו דאָך ניט.

באַרקמאַן: איך קען עס, ווען איך קריג נור ווידער די מאכט אין די הענד.

פּאַלדאַל: נאַ, אויף דעם האָבען מיר נאָך לאַנג צו וואַרטען.

באַרקמאַן (העפּטיג): דו דענקסט אפשר, אז די צייט וועט קיינמאָל ניט קומען? ענטפער מיר דערויף!

פּאַלדאַל: כ׳ווייס ניט, וואָס איך זאָל דיר ענטפערן.

באַרקמאַן (הויבט זיך אויף, קאַלט און בכבוד׳יג, אָנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף דער טיר): דאַן דאַרף איך דיך מעהר ניט האָבען.

פּאַלדאַל (שפּרינגט אויף): דאַרפסט מיך מעהר ניט האָבען —!

באַרקמאַן: אויב דו גלויבסט ניט, אז מיין שיקזאַל וועט זיך אומדרעהען —

פּאַלדאַל: אָבער איך קען דאָך ניט גלויבען אין א זאַך, וואָס איז געגען דעם מענשליכען שכל! — דו מוזט דאָך צוערשט בעקומען דיינע פריהערדיגע רעכטע —

באַרקמאַן: ווייטער! נור ווייטער!

פּאַלדאַל: ס׳איז אמת, קיין עקזאַמען האָב איך ניט אָבגעגעבען; אָבער אזוי פיעל ווייס איך דאָך פון דער צייט, וואָס איך האָב שטודירט —

באַרקמאַן (שטיל): אונמעגליך דענקסט דו?

פּאַלדאַל: אזא פאַל איז נאָך ביז אהער ניט פאָרגעקומען.

באַרקמאַן: פאַר אויסנאַהמס-מענשען איז דאָס ניט נייטיג.

פּאַלדאַל: דאָס געזעץ ווייס ניט פון אזעלכע איינזעהענישען.

באַרקמאַן (האַרט און ענטשלאָסען): דו ביסט ניט קיין דיכטער, ווילהעלם.

פּאַלדאַל (לעגט אונבעוואוסט צונויף די הענד): דו זאָגסט עס גאַנץ ערנסט?

באַרקמאַן (בייט דעם געשפּרעך, ניט ענטפערענדיג): מיר

ביידע פערשוואונדען בלויז די צייט איינער מיט'ן אנדערן. כ'מיין, ס'וואלט געווען בעסער, ווען דו קומסט גאר ניט מעהר אהער.

פ א ל ד א ל: דו ווילסט אלזא, איך זאל אוועקגעהן פון דיר?

ב א ר ק מ א ן (ניט א קוק טהאנדיג אין זיין זייט): כ'דארף דיך מעהר ניט האבען.

פ א ל ד א ל (מיט א פריעדליכען טאן, נעהמענדיג זיין פאפיר־טאש): ניין, ניין; אפנים אז ניט.

ב א ר ק מ א ן: האסטו מיר, הייסט עס, די גאנצע צייט גע־זאגט ליגענס.

פ א ל ד א ל (שאקעלט מיט'ן קאפ): כ'האב קיינמאל קיין לי־גען ניט געזאגט, יאהאן גאבריעל.

ב א ר ק מ א ן: האסטו ניט כסדר דערוועקט אין מיר מיט ליגענס גלויבען און האפנונג און בטחון?

פ א ל ד א ל: ס'איז ניט געווען קיין ליגען, אזוי לאנג ווי דו האסט געגלויבט אין מיין בערוף. אזוי לאנג ווי דו האסט גע־גלויבט אין מיר, אזוי לאנג האב איך געגלויבט אין דיר.

ב א ר ק מ א ן: מיר האבען אלזא איינער דעם אנדערן אב־גענארט. און אם ענדע זיך אליין אבגענארט — מירביידע.

פ א ל ד א ל: אבער איז דאס דען ניט אין גרונד גענומען פריינדשאפט, יאהאן גאבריעל?

ב א ר ק מ א ן (מיט א ביטערען שמייכעל): נו געוויס, אבנא־רען, בעטריגען, — דאס איז פריינדשאפט. ביסט גערעכט. די ער־פאהרונג האב איך שוין איינמאל געמאכט.

פ א ל ד א ל (קוקט איהם גלייך אין געזיכט אריין): כ'בין, הייסט עס, ניט קיין דיכטער. און דאס האסטו מיר אזוי אונבארמ־הערציג געקענט זאגען!

ב א ר ק מ א ן (מיט אביסעל א ווייכערען טאן): נו, איך בין דאך ניט קיין גרויסער מבין אויף אזעלכע זאכען.

פ א ל ד א ל: ביסט אפשר א גרעסערער מבין ווי דו אליין דענקסט.

ב א ר ק מ א ן: איך?

פּאַלדאַל (שטיל): יאָ, דו. וואָרים איך אַליין, מוז איך דיר זאָגען, האָב צייטענווייז געהאַט מיין צווייפעל. דעם שווידער־ליכען צווייפעל — צי איך האָב ניט פערדאָרבען מיין לעבען צו־ליעב אַן איינבילדונג.

באַרקמאַן: ווען דו צווייפעלסט אין זיך אַליין, דאַן שטעהסט דו אויף שוואַכע פיס.

פּאַלדאַל: דערפאַר איז פאַר מיר אימער געווען אַזאַ טרייסט צו קומען אהער און זיך שטיצען אויף דיר, וואָס האָט גע־האַט דעם גלויבען. (נעהמט זיין הוט). — איצט אָבער ביסטו מיר ווי אַ פרעמדער.

באַרקמאַן: דו מיר אויך.

פּאַלדאַל: גוטע נאַכט, יאָהאַן גאַבריעל.

באַרקמאַן: גוטע נאַכט, ווילהעלם.

פאַלדאַל אָב לינקס.

באַרקמאַן שטעהט אַ ווײַלע און קוקט אויף דער טיר, וועלכע האָט זיך דערווייל צוגעמאַכט; מאַכט אַ בעוועגונג, אַזוי ווי ער וואָלט גע־וואָלט פאַלדאַל'ן צוריקרופען, נאָר ער בעדענקט זיך און הויבט אָן ארומ־צוגעהן אַהין און צוריק, מיט די הענד אויף'ן רוקען. דאַן בלייבט ער שטעהן ביים טיש, וואָס לעבען דער זאָפאַ, און פערלעשט דעם לאָמפּ. ס'ווערט האַלב־דונקעל אין זאַאַל.

באַלד נאָכדעם הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טאַפּעטען־טיר לינקס אין הינטער־גרונד.

באַרקמאַן (ביים טיש, ווערט אויפגעטרייסעלט, דרעהט זיך אום און פרעגט הויך אויף'ן קול: ווער קלאַפּט דאָ?

קיין ענטפער; ס'הערט זיך אַ צווייטער קלאַפּ.

באַרקמאַן (בלייבט שטעהן): ווער איז דאָ? אריין!

עללאַ רענטהיים, מיט אַ ברענענדען ליכט אין דער האַנד, בעווייזט זיך אין דער טיר. זי טראָגט דאָס זעלבע שוואַרצע קלייד ווי פריהער, דעם מאַנטעל אַריבערגעוואָרפען לויז איבער די שולטערן.

באַרקמאַן (קוקט זי אָן): ווער זייט איהר? וואָס ווילט איהר פון מיר?

עללא רענטהיים (מאַכט צו די טיר הינטער זיך און קומט צו נעהענטער): דאָס בין איך, באַרקמאַן.

זי שטעלט אַוועק דאָס ליכט אויף דער פּיאַנאָ און בלייבט דאָרט שטעהן.

באַרקמאַן (שטעהט אַזוי ווי אַ דונער וואָלט איהם געטראָפען, קוקט איהר גלייך אין פּנים אַריין און שעפּטשעט שטיל): איז דאָס — איז דאָס עללא? איז דאָס עללא רענטהיים?

עללא רענטהיים: יאָ. — „דיין" עללא, — ווי דו פלעגסט מיך אין די פריהערדיגע צייטען רופען. דאמאָלסט. מיט יאָהרען — יאָהרען צוריק.

באַרקמאַן (ווי אויבען): יאָ, דאָס ביסט דו, עללא, — איצט זעה איך עס.

עללא רענטהיים: דערקענסטו מיך?

באַרקמאַן: יאָ, איצט הויב איך ווירקליך אָן —

עללא רענטהיים: די יאָהרען האָבען מיך אַלט און ווינטערדיג געמאַכט, באַרקמאַן. דענקסטו ניט אַזוי?

באַרקמאַן (געצוואונגען): דו האָסט זיך אביסעל פערענדערט. אַזוי אויף'ן ערשטען קוק —

עללא רענטהיים: איצט האָב איך שוין מעהר ניט די דונקעלע לאָקען, וועלכע פלעגען מיר אראָבפאַלען איבער'ן נאַקען. די לאָקען, וועלכע דו פלעגסט אמאָל אַזוי גערן ארומדרעהען ארום דיינע פינגער.

באַרקמאַן (שנעל): ריכטיג! איצט זעה איך עס, עללא. דו טראָגסט אנדערש די האָר דיינע.

עללא רענטהיים (מיט אַן אומעטיגען שמייכעל): גאַנץ ריכטיג — איך טראָג אנדערש די האָר.

באַרקמאַן (ענדערט דעם געשפּרעך): כ'האָב גאָר ניט געוואוסט, אז דו געפינסט זיך אין אונזער געגענד.

עללא רענטהיים: איך בין ערשט מיט א ווייַלע צוריק אַנגעקומען.

באַרקמאַן: נאָך וואָס ביסטו געקומען צו פאַהרען, — איצט, ווינטער־צייט?

עללא רענטהיים: דאָס וועל איך דיר זאָגען.

באַרקמאַן: פערלאנגסטו פון מיר וואָס עס איז?

עללאא רענטהיים: פון דיר אויך. נאָר איידער מיר קומען דערצו, מוז איך אָנהויבען פון גאנץ ווייט.

באַרקמאַן: דו ביסט דאָך אודאי מיעד.

עללא רענטהיים: יאָ, איך בין מיעד.

באַרקמאַן: ווילסט זיך ניט צוזעצען א ווייל? דאָרט, — אויף דער זאָפא.

עללא רענטהיים: א דאנק. כ'פיהל, אז איך מוז זיך ווירקליך אנידערזעצען.

זי געהט אַריבער רעכטס און זעצט זיך אַנידער אויף דעם פאָדער־שטען ווינקעל פון דער זאָפאַ. באַרקמאַן שטעהט ביים טיש, די הענד אויף'ן רוקען, און קוקט זי אָן. קורצע פויזע.

עללא רענטהיים: ס'איז שוין א לאנגע, לאנגע צייט, זינט מירביידע זיינען געשטאנען איינס אנטקעגען אנדערן, אויג אויף אויג, באַרקמאַן.

באַרקמאַן (מיט אַ פינסטערער מיענע): א לאנגע, לאנגע צייט. פיעל שוידערליכעס ליעגט אין צווישען.

עללא רענטהיים: א גאנץ מענשען־לעבען ליעגט צווי־שען דעם. א פערשפיעלט מענשען־לעבען.

באַרקמאַן (מיט אַ דרייסטען בליק): פערשפיעלט!

עללא רענטהיים: יאָ, פערשפיעלט. פאר אונז ביידען.

באַרקמאַן (מיט אַ קאַלטען, געשעפטליכען טאָן): איך האלט נאָך דערוויילל מיין לעבען ניט פאר פערשפיעלט.

עללא רענטהיים: נו גוט, — אָבער מיין לעבען?

באַרקמאַן: אין דעם ביסטו אליין שולדיג, עללא.

עללא רענטהיים (טהוט אַ ציטער): און דאָס זאָגסט דו?

באַרקמאַן: דו האָסט זעהר גוט געקענט זיין גליקליך אָהן מיר.

עללא רענטהיים: דענקסטו אזוי?

באַרקמאַן: ווען דו וואָלסט עס נור געוואָלט.

עללא רענטהיים (ביטער): איך וויים יעדענפאלס, אז אן אנדערער איז געשטאנען גרייט, מיט אָפענע אָרעמס —

באַרקמאַן: אָבער דו האָסט איהם אָבגעזאָגט —

עללא רענטהיים: יאָ, כ'האָב איהם אָבגעזאָגט.

באַרקמאַן: איינמאָל נאָכ'ן אנדערן האָסטו איהם אָבגע־זאָגט. יאָהר אוים יאָהר איין —

עללא רענטהיים (מיט אַ שפּאָטישען טאָן): — יאָהר אוים יאָהר איין האָב איך אָבגעטריבען פון מיר דאָס גליק, ווילסט דו זאָגען?

באַרקמאַן: דו האָסט אויך מיט איהם זעהר גוט געקענט לעבען גליקליך. און איך וואָלט דאן געווען געראַטעוועט.

עללא רענטהיים: דו —?

באַרקמאַן: יאָ, דאן וואָלסטו מיך געווען געראַטעוועט, עללא.

עללא רענטהיים: ווי מיינסטו דאָס?

באַרקמאַן: ער האָט געגלויבט, אז איך האָב געשטעקט הינטער דיין עקשנות — הינטער דיינע אייביגע צוריקווייזונגען. און ער האָט גענומען ראַכע פון מיר. דאָס איז געווען אזוי גרינג פאר איהם, — ווייל ער האָט געהאט אין זיינע הענד אלע מיינע סעקרעטנע פּערטרויענספולע בריעף. ער האָט זיך מיט זיי בע־נוצט, — און דאן איז געוואָרען אוים מיט מיר, — ביז אַ צייט ווענינגסטענס. זעהסט דו, אין דעם אלעם ביסט דו שולדיג, עללא!

עללא רענטהיים: קוק זיך נאָר איין, באַרקמאַן, — נאָך דיינע רייד קומט דאָך אוים, אזוי ווי איך וואָלט גאָר דיר געדאַרפט ארויסצאָהלען..

באַרקמאַן: עס ווענדט זיך ווי מען קוקט דערויף. כ'וויים גאַנץ גוט, וואָס איך האָב דיר צו פערדאַנקען. דו האָסט מיט דיין

געלד אָבגעקויפט דאָס דאָזיגע הויז, דאָס גאַנצע גוט, ווען עס איז געשטעלט געוואָרען צום אויספערקויף. דו האָסט דאַן דאָס הויז אין גאַנצען אָבגעגעבען מיר און — און דיין שוועסטער, צו וואוי־נען דערין. דו האָסט געגומען ערהאַרד'ן צו דיר, — און האָסט פאַר איהם געזאָרגט אין יעדער בעציהונג —

עללא רענטהיים: — אזוי לאַנג ווי ס'איז מיר ער־לויבט געווען —

באָרקמאַן: —ערלויבט געווען פון דיין שוועסטער, הייסט דאָס. איך האָב זיך אין אַט די הויזליכע עסקים קיינמאָל ניט אריינגעמישט. — יאָ, ווי געזאָגט, איך ווייס, וואָס פאַר אַ אָפּפער דו האָסט מיר און דיין שוועסטער געבראַכט. דו האָסט עס אָבער געקענט טהאָן, עללא. און דו דאַרפסט ניט פערגעסען, אַז דאָס האָב איך דיר געגעבען די מעגליכקייט, עס צו קענען.

עללא רענטהיים (אויפגעבראַכט): דאָ האָסטו אַ גע־וואַלדיגען טעות, באָרקמאַן! ס'איז געווען מיין אינערליכסטער געפיהל, מיין וועראַמסטע צונייגונג צו ערהאַרד'ן — און צו דיר אויך, — וואָס האָט מיך דערצו געטריבען.

באָרקמאַן (שלאָגט איהר איבער די רייד): ליעבע עללא, לאָמיר זיך ניט אריינלאָזען אין געפיהלען און אַנדערע אזעלכע זאַ־כען. וואָס איך האָב געזאָגט, איז נאַטירליך געווען געמיינט אזוי: אויב דו האָסט געהאַנדעלט אזוי ווי דו האָסט געהאַנדעלט, בין איך דאָס געווען דער, וואָס האָט דיר געגעבען די מעגליכקייט דערצו.

עללא רענטהיים (שמייכעלט): הם, די מעגליכקייט, די מעגליכקייט —

באָרקמאַן (פייערדיג): נו יאָ, די מעגליכקייט! אין דעם קריטישען מאָמענט, ווען די גרויסע און ענטשיידענדע שלאַכט האָט געזאָלט געפאָכטען ווערן, — ווען איך האָב מעהר ניט געקענט שוי־נען ניט קיין קרובים און ניט קיין פריינד, — ווען איך האָב געמוזט לעגען די האַנד אויף די מיליאָנען, וועלכע זיינען מיר אַנפערטרויט געוואָרען, — דאַן האָב איך געשאָנעוועט אַלצדינג, וואָס איז גע־

ווען דיינס, דיין גאנצעם האָב און גוטס, — כאָטש איך האָב עס געקענט נעהמען און פערווענדען — ווי אַלעס איבעריגע.

עללא רענטהיים (קאַלט און רוהיג): דאָס איז גאנץ ריכטיג, באַרקמאַן.

באַרקמאַן: גאנץ געוויס. און דערום — ווען זיי זיינען געקומען און האָבען מיך צוגענומען, — האָבען זיי געפונען אַלעס, וואָס האָט געהערט צו דיר, אונבעריהרט אין די קאַסע־קאַסטענס פון דער באַנק.

עללא רענטהייס (קוקט גלייך אויף איהם): כ׳האָב אָפט געקלערט וועגען דעם, — פאַרוואָס האָסטו אייגענטליך גע־שאָנעוועט אַלעס, וואָס איז געווען מיינס? און נור דאָס אליין?

באַרקמאַן: פאַרוואָס?

עללא רענטהיים: יאָ, פאַרוואָס? זאָג עס מיר.

באַרקמאַן (מיט אַ האַרטען, שפּאָטישען טאָן): דו מיינסט אפשר, איך האָב עס געטהאָן, כדי צו האָבען אָנגעגרייט וואָס עס איז הינטער דער האנד, — ווען די זאַך זאָל געהן שלעכט?

עללא רענטהיים: אָה, ניין, — דערפון האָסט דו גע־ווים ניט געטראַכט אין יענער צייט.

באַרקמאַן: קיינמאָל ניט! כ׳האָב פעסט געגלויבט אויף מיין זיעג.

עללא רענטהיים: יאָ, אָבער פאַרוואָס דען, אז ניט דאָס —?

באַרקמאַן (ציהט מיט די פּלייצעס): מעגסט מיר גלויבען, עללא, — ס׳איז ניט אזוי לייכט זיך צו דערמאָנען אן אורזאַכען און מאָטיווען, וועלכע זיינען צוואַנציג יאָהר אַלט. איך קען זיך נור דערמאָנען אז, בעת איך בין ארומגעגאַנגען איינזאַם און האָב שטי־לערהייט פאַר זיך געמאַכט פּלענער פאַר די אַלע גרויסע אונטער־נעהמונגען, וועלכע איך האָב געוואָלט דורכפיהרען, איז מיר עפּעס געווען אויף׳ן הארצען אזוי ווי איינעם, וואָס דאַרף זיך ארויסלאָ־זען אויף אַ לופט־שיף. אין די שלאָפלאָזע נעכט פלעג איך פיהלען, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט אָנגעפילט אַ ריעזיגען באַלאָן און וואָלט

געהאַלטען דערביי אויסצופליהען איבער אַן אונזיכערן, געפּאהרפאָר־לען וועלט־ים.

עללא רענטהיים (שמייכעלט): דו, וועלכער האָט קיינ־מאָל ניט געצווייפעלט אין זיעג?

באַרקמאַן (אונגעדולדיג): אַזוי זיינען מענשען, עללא. זיי צווייפלען און זיי גלויבען אין דער זעלבער צייט. (קו־קענדיג גלייך פאַר זיך). און דאָס איז אפנים געווען דער גרונד, פאַר־וואָס איך האָב ניט געוואָלט מיטנעהמען דיך און דאָס דייניגע אין דעם באַלאָן.

עללא רענטהיים (געשפּאַנט): פארוואָס, פרעג איך! זאָג מיר, פאַרוואָס!

באַרקמאַן (ניט אַ קוק טהאָנדיג אויף איהר): מען נעהמט ניט גערן מיט זיך די טהייערסטע זאַך אויף אַזא רייזע.

עללא רענטהיים: דו האָסט דאָך געהאַט די טייער־סטע זאַך מיט זיך אויף דער רייזע. דאָס גאַנצע צוקינפטיגע לע־בען דיינס —

באַרקמאַן: דאָס לעבען איז ניט אימער דאָס טהייערסטע.

עללא רענטהיים (אָהן אָטהעם): אַזוי האָסטו דאַ־מאָלסט געפיהלט?

באַרקמאַן: מיר דוכט זיך אַזוי.

עללא רענטהיים: אַז איך בין ביי דיר געווען די טהייערסטע זאַך אין דער וועלט?

באַרקמאַן: אַזוי וואָס, דוכט מיר, האָב איך דאַן גע־פיהלט.

עללא רענטהיים: און יאָהרען און יאָהרען זיינען שוין דאַמאָלסט געווען פערגאַנגען, זינט דו האָסט מיך אַוועקגעוואָר־פען — און האָסט חתונה געהאַט מיט — מיט אַן אַנדערער!

באַרקמאַן: דיך אַוועקגעוואָרפען, זאָגסט דו? דו פער־שטעהסט דאָך געוויס זעהר גוט, אַז עס זיינען געווען העכערע מאָ־טיוועז, — נו יאָ, לאָמיר זאָגען אַנדערע מאָטיווען, — וועלכע

האבען מיך דערצו געטריבען. אָהן זיין הילף האָב איך גאָרנישט געקענט טהאָן.

עללא רענטהיים (קאָנטראָלירט זיך): האָסט מיך אלזאָ אוועקגעוואָרפען צוליעב — העכערע מאָטיוועז.

באָרקמאַן: כ'האָב אָהן זיין הילף ניט געקענט אויסקו־מען. און ער האָט דיך פערלאנגט אלס פרייז פאר דער הילף.

עללא רענטהיים: און דו האָסט בעצאָהלט דעם פרייז. דעם פולען פרייז. זיך גאָרנישט געדונגען.

באָרקמאַן: כ'האָב קיין אנדער ברירה ניט געהאט. כ'האָב געמוזט זיעגען אָדער פאַלען.

עללא רענטהיים (מיט א ציטערענדער שטימע, איהם אָנקוקענדיג בעת מעשה): און דאָס איז אויך אמת, וואָס דו האָסט פריהער געזאָגט, אז איך בין דאמאָלסט פאר דיר געווען דאָס טהייערסטע אויף דער וועלט?

באָרמאַן: אי דאמאָלסט אי שפּעטער, — א לאנגע, לאנגע צייט דערנאָך.

עללא רענטהיים: און דאָך האָסטו מיך פערשאכערט. האָסט געהאנדעלט מיט אן אנדער מאַן וועגען דאָס רעכט פון דיין ליעבע פאר א — פאר א דירעקטאָר־שטעלע!

באָרקמאַן (פינסטער, מיט אן אייגעבויגענעם קאָפּ): די צווינגענדע נויטווענדיגקייט האָט מיך געטריבען דערצו, עללא.

עללא רענטהיים (הויבט זיך אויף פון דער זאָפאַ; מיט א ווילדער, ציטערענדער אויפרעגונג): פערברעכער דו!

באָרקמאַן (ווערט פערציטערט, קאָנטראָלירט זיך אָבער): דאָס וואָרט האָב איך שוין פריהער געהערט.

עללא רענטהיים: אָך, מיין ניט, אז איך ציעל דערויף, וואָס דו האָסט פיליכט פערבראָכען געגען דאָס געזעץ. וואָס דו האָסט געטהאָן מיט די אקציעס אָדער אָבליגאציעס, — אָדער ווי זיי הייסען דאָרט, — דאָס, גלויב מיר, איז מיר גאנץ עגאַל! ווען איך וואָלט געקענט זיין לעבען דיר דאַן, ווען דער בראָך איז איבער דיר געקומען —

באַרקמאַן (געשפּאַנט): וואָס וואָלט דאַן געווען, עללאַ?

עללאַ רענטהיים: גלויב מיר, איך וואָלט עס גערן געטראָגען מיט דיר צוזאַמען. די שאַנדע, דעם חורבן, — אַלעס, אַלעס וואָלט איך דיר געהאָלפען טראָגען —

באַרקמאַן: וואָלסטו דאָס געוואָלט? אָדער געקענט?

עללאַ רענטהיים: געוואָלט און געקענט. ווארים דאַמאָלסט האָב איך נאָך גאַרנישט געוואוסט פון דיין גרויסען, שרעקליכען פערברעכען —

באַרקמאַן: וואָסער פערברעכען? וועגען וואָס רעדסט דו?

עללאַ רענטהיים: איך רייד פון דעם פערברעכען, פאַר וועלכען ס'איז ניטאָ קיין פערגעבונג.

באַרקמאַן (קוקט זי אָן פערוואונדערט): דו מוזט ניט זיין ביים זינען.

עללאַ רענטהיים (געהט צו נעהענטער): דו ביסט אַ מערדער! דו האָסט בעגאַנגען די גרויסע טויט־זינד!

באַרקמאַן (טרעט אָב צוריק אין דער ריכטונג פון דער פּיאַנאָ): דו ביסט אויסער זיך, עללאַ!

עללאַ רענטהיים: דו האָסט ערמאָרדעט דאָס ליעבעס־לעבען אין מיר. (געהט צו נעהענטער צו איהם). פערשטעהסט, וואָס דאָס הייסט? די ביבעל רעדט פון אַ געהיימניספולער זינד, פאַר וועלכער ס'איז ניטאָ קיין פערגעבונג. כ'האָב פריהער קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהן, וואָס מען מיינט דערמיט. איצט פערשטעה איך עס. די גרויסע, אונפערצייהליכע זינד, — דאָס איז די זינד, וואָס מען בעגעהט, ווען מען ערמאָרדעט דאָס ליעבעס־לעבען אין אַ מענשען.

באַרקמאַן: און דאָס האָב איך, הייסט עס, געטהאָן?

עללאַ רענטהיים: יאָ, דו האָסט עס געטהאָן! כ'האָב קיינמאָל ניט ריכטיג געוואוסט, וואָס מיט מיר איז געשעהן, ביז היינט ביינאַכט. וואָס דו האָסט מיך אוועקגעוואָרפען און גענומען גונהילד'ן אַנשטאָט מיר, — דאָס האָב איך איינפאַך אַנגע־

נומען פאר אן אונבעשטענדיגקייט פון דיין זייט; ווי אויך פאר א פאָלגע פון איהרע גרויזאמע קונצשטיק. און מיר דוכט, אז איך האָב דיך אביסעל פעראכטעט — ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם. — איצט אָבער זעה איך עס! דו האָסט פערלאָזען די פרוי, וואָס דו האָסט געליעבט! מיך, מיך, מיך! דאָס, וואָס ביי דיר איז געווען דאָס טהייערסטע אויף דער וועלט, ביסטו געווען גרייט אוועקצואווארפען, כדי צו ציהען פראָפיטען דערפון. דאָס איז דער דאָפּעלטער מאָרד, וואָס דו האָסט בעגאנגען! די ערמאָרדונג פון דיין איגענער זעעלע און פון מיינער!

באָרקמאן (קאַלט און רוהיג): דעריין דערקען איך וויע־דער דאָס ליידענשאפטליכע, אונגעצאמטע געמיטה דיינס, עללא. געוויס איז דאָס גאנץ נאטירליך, אז דו זאָלסט בעטראכטען די זאך פון דעם שטאנדפונקט. דו ביסט דאָך א פרוי. און דארום ווילסטו פון קיין אנדער זאך ניט וויסען, קיין אנדער זאך ניט אויסרעכע־נען אין דער גאנצער וועלט.

עללא רענטהיים: גאנץ ריכטיג; איך וויל טאקע ניט וויסען פון קיין אנדער זאך.

באָרקמאן: נישט מעהר ווי די אנגעלעגענהייטען פון דיין אייגען הארץ —

עללא רענטהיים: נישט מעהר ווי דאָס! נישט מעהר ווי דאָס! דאָ ביסטו גערעכט.

באָרקמאן: דו דארפסט אָבער ניט פערגעסען, אז איך בין א מאן. אלס פרוי ביסטו פאר מיר געווען דאָס טהייערסטע אויף דער וועלט. אָבער ווען עס איז קיין אנדער אויסוועג ניטאָ, דאן קען דאך איין פרוי פערנעהמען דעם פלאץ פון דער אנדערער —

עללא רענטהיים (קוקט איהם אָן מיט א שמייכעל): האָסטו דורכגעלעבט די ערפאהרונג, ווען דו האָסט גונהילד'ן גע־נומען פאר א פרוי?

באָרקמאן: ניין. אָבער מיינע לעבענס־אויפגאבען האָ־בען מיר געהאָלפען דאָס אויך אריבערצוטראָגען. איך האָב גע־וואָלט אלע מאכט־קוואלען פון לאנד אריינקריגען אין מיינע הענ־

אַלע רייכטהימער, וואָס זיינען געלעגען אין דער ערד, אין די בערג, אין די וועלדער און אין דעם ים, — אַלעס האָב איך געוואָלט האָבען אין מיינע הענד, זיין דער איינציגער בעל הבית דערויף און דורך דעם שאַפען גליק און וואוילזיין פאַר אַ סך, אַ סך טויזענדער אַנדערע מענשען.

עללא רענטהיים (פערטיעפט אין ערינערונגען) : כ'וויים עס. מעהר ווי איין אָבענד זיינען מיר געזעסען און גערעדט פון דיינע פלענער —

באָרקמאַן: יאָ, מיט דיר האָב איך געקענט רעדען, עללא.

עללא רענטהיים: כ'האָב געשפּאַסט איבער דיינע פלענער און געפרעגט, צי דו ווילסט אויפוועקען אַלע שלאָפענדע גייסטער פון די גאָלד-גריבער.

באָרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) : איך קען זיך דערמאָנען דעם אויסדרוק. (לאַנגזאַם). די שלאָפענדע גייסטער פון די גאָלד-גריבער.

עללא רענטהיים: דו האָסט עס אָבער ניט אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס. דו האָסט געזאָגט: יאָ, יאָ, עללא, אָט דאָס וויל איך טאָקע.

באָרקמאַן: אַזוי איז עס טאָקע געווען. איך האָב נור געדאַרפט אַריינשטעקען דעם פוס אין טרעט פון זאָטעל—. און דאָס איז דאַמאָלסט אָבגעהאַנגען פון דעם איין מענשען. ער האָט געקאָנט און געוואָלט מיר פערשאַפען די דירעקטאָר-שטעלע, — ווען איך זאָל פון מיין זייט —

עללא רענטהיים: גאַנץ ריכטיג! ווען דו זאָלסט זיך פון דיין זייט אָבזאָגען פון דער פרוי, וועמען דו האָסט ליעב געהאַט, — און וועלכע האָט דיך אַזוי שטאַרק צוריק געליעבט.

באָרקמאַן: איך האָב געוואוסט, וואָס פאַר אַ בלינדע ליידענשאַפט ער האָט פאַר דיר. כ'האָב געוואוסט, אַז ער וועט אונטער קיין אַנדער בעדינגונג ניט —

עללא רענטהיים: און דו ביסט איינגעגאַנגען דערויף.

באָרקמאַן (העפטיג): יאָ, כ״האָב עס געטהאָן, עללא! וואָרים די ליעבע צו מאכט איז געווען אין מיר אונבעזיעגבאר. בין איך איינגעגאנגען דערויף. כ׳האָב געמוזט איינגעהן. און ער האָט מיר האלב־וועגס געהאָלפען ארויפשטייגען אויף די פערפיהרערישע הויכקייטען, וואוהין עס האָט מיך געצויגען. און איך האָב געהאלטען אין איין שטייגען. יאָהר פאר יאָהר האָב איך געשטיגען —

עללא רענטהיים: און איך בין אזוי ווי אויסגעלאָשען געוואָרען פון דיין לעבען.

באָרקמאַן: און פונקט אזוי האָט ער מיך צוריק אראָבגעשליידערט אין אבגרונד אראָב. צוליעב דיר, עללא.

עללא רענטהיים (נאָך אַ קורצען, פערטראַכטען, שטילשווייגען): באָרקמאַן, — קוקט עס דיר ניט אויס, אזוי ווי עס וואָלט געהאנגען א מין קללה איבער אונזער גאנצען פערהעלטנים?

באָרקמאַן (קוקט זי אָן): א קללה?

עללא רענטהיים יאָ. דענקסט דו ניט אזוי?

באָרקמאַן (אונרוהיג): יאָ. אָבער פארוואָס אייגענטליך —? (פּלאצט אַרויס). אך עללא, — כ׳ווייס שוין באלד ווירקליך ניט, ווער ס׳איז גערעכט, — איך אָדער דו!

עללא רענטהיים: דו ביסט דער, וואָס האָט זיך פערזינדיגט. דו האָסט דער׳הרג׳עט אויף טויט יעדעם ברעקעלע מענשען־גליק אין מיר.

באָרקמאַן (מיט אַנגסט): זאָג דאָס ניט, עללא!

עללא רענטהיים: ווענינגסטענס יעדעם פרויען־גליק. פון דער צייט אָן, וואָס דיין בילד האָט אָנגעהויבען פערלאָשען צו ווערן אין מיר, האָב איך אָבגעלעבט מיין לעבען אזוי ווי אונטער א זונען־פינסטערניש. אין פערלויף פון אָט די אלע יאָהרען איז עס מיר וואָס ווייטער אלץ מעהר דערווידער געוואָרען, — צולעצט איינפאך אונמעגליך, — צו ליעבען וואָס פאר עס איז לעבעדיג וועזען. ניט קיין מענשען, און ניט קיין חיות אָדער פלאנצען. בלויז איין איינציגען —

באַרקמאַן: ווען — ?

עללא רענטהיים: ערהאַרד׳ן, נאַטירליך.

באַרקמאַן: ערהאַרד׳ן — ?

עללא רענטהיים: ערהאַרד׳ן, — דיין, דיין זוהן, באַרקמאַן.

באַרקמאַן: איז ער דיר ווירקליך אזוי איינגעוואַקסען געוואָרען אין הארצען ?

עללא רענטהיים: פאַרוואָס זשע דען, מיינסטו, האָב איך איהם גענומען צו זיך ? און איהם געהאַלטען ביי מיר אזוי לאנג ווי איך האָב נור געקענט ? פאַרוואָס ?

באַרקמאַן: כ׳האָב געמיינט, ס׳איז געווען פאַר רחמנות. ווי אַלעם איבעריגע, וואָס דו האָסט געטהאָן.

עללא רענטהיים (אין אַ שטאַרקער אינערליכער אויפרעגונג): רחמנות, זאָגסט דו! האהא! כ׳האָב ניט געוואוסט פון קיין רחמנות, — זינט דו האָסט מיך אוועקגעוואָרפען. כ׳האָב עס איינפאך ניט געקענט. ווען עס איז צו מיר אין קיך אריינגעקומען אן אָרים, אויסגעהונגערט קינד, וואָס האָט געציטערט פאַר קעלט און געוויינט און געבעטען עפּעס צו עסען, האָב איך געלאָזט די קעכין זאָרגען דערפאַר. כ׳האָב קיינמאָל ניט געפיהלט קיין בעדירפנים, אריינצונעהמען דאָס קינד צו מיר אין צימער, אָנצוואַרמען עס ביי מיין אייגענעם אויווען און צוקוקען און אָנקוועלען פאַר נחת, ווי עס זיצט און עסט זיך אָן צו זאט. און איך בין דאָך אזוי ניט געווען אין מיינע יונגע יאָהרען; דאָס געדענק איך גאַנץ גוט! דו ביסט דאָס שולדיג אין דער פוסטקייט און וויסטקייט וואָס הערשט אין מיר — און ארום מיר!

באַרקמאַן: נור ניט פאַר ערהאַרד׳ן.

עללא רענטהיים: נור ניט פאַר דיין זוהן. ווייטער איז מיין הארץ פערשלאָסען געוואָרען פאַר אַלצדינג, וואָס ריהרט זיך און לעבט. דו האָסט מיין לעבען בעטראָגען, ארויסגעשווינדעלט ביי מיר די פרייד און דאָס גליק פון א מוטער. און

אויף די זאָרגען און טרעהרען פון א מוטער. און דאָס, זעהסטו, איז פאר מיר געווען דער שווערסטער פערלוסט.

באָרקמאן: אזוי מיינסט דו, עללא?

עללא רענטהיים: ווער ווייס? פיליכט וואָלטען די זאָרגען און די טרעהרען פון א מוטער געווען דאָס בעסטע פאר מיר. (אין שטייגענדער אויפרעגונג). אָבער איך האָב זיך דאמאָלסט ביי דעם פערלוסט ניט געקענט בערוהיגען! און דערום האָב איך גענומען ערהארד'ן צו מיר. כ'האָב געוואונען זיין וואַרם, געטריי קינדער־הארץ פאר מיר, — ביז דעם טאָג — אָה!

באָרקמאן: ביז ווען?

עללא רענטהיים: ביז זיין מוטער, — זיין לייבליכע מוטער, מיין איך, האָט איהם ביי מיר אוועקגענומען.

באָרקמאן: ער האָט דאָך געמוזט אוועקגעהן פון דיר. אהער אין שטאָדט אריין.

עללא רענטהיים (פערברעכט די הענד): יאָ, אָבער ווייסטו איך קען מעהר ניט אריבערטראָגען אָט די פערלאָזענקייט! אָט די וויסטקייט! דעם פערלוסט פון דיין זוהן'ס הארץ!

באָרקמאן (מיט אַן אויסדרוק פון האס אין זיינע אויגען): הם, — דאָס האָסטו זיכער ניט פערלאָרען, עללא. מען פערלירט ניט אזוי לייכט א הארץ צוליעב דער — וואָס וואוינט דאָ אין דעם אונטערשטען עטאזש.

עללא רענטהיים: איך האָב ערהארד'ן פערלאָרען דאָ. און זי האָט איהם צוריק געוואונען. אָדער אַן אנדערע נאָך דערצו. דאָס ווייזט זיך דאָך ארויס דייטליך גענוג פון די בריעף, וואָס ער שרייבט מיר ווען ניט ווען.

באָרקמאן: דו ביסט אלזאָ געקומען אהער, איהם ווידער צונעהמען צו דיר?

עללא רענטהיים: יאָ, ווען דאָס וואָלט נור מעגליך געווען —!

באָרקמאן: מעגליך איז דאָס שוין, ווען דו ווילסט עס

ניט אנדערש האָבען. וואָרים דו האָסט דאָך דאָס גרעסטע און ערשטע רעכט אויף איהם.

עללא רענטהיים: אך, א רעכט, א רעכט! וואָס קומט מיר ארויס פון רעכט? האָב איך איהם ניט פרייוויליג, — דאן האָב איך איהם גאָרנישט. און איהם האָבען, דאָס מוז איך! אין גאנצען און ניט־געטהיילט מוז איך איצט האָבען דאָס הארץ פון מיין קינד!

באָרקמאַן: דו דארפסט ניט פערגעסען, אז ערהארד איז שוין אריין אין צוואנציגסטען יאָהר. לאנג קענסטו יעדענפאלס ניט רעכענען דערויף, צו האָבען זיין הארץ אין גאנצען און ניט גע־טהיילט, ווי דו דריקסט זיך אויס.

עללא רענטהיים (מיט אַן אומעטיגען שמייכעל): עס דארף גאָר ניט געדויערן אזוי לאנג ווי דו מיינסט.

באָרקמאַן: ווירקליך ניט? כ'האָב געמיינט, אז וואָס דו פאָדערסט, דאָס פאָדערסט דו ביז צום ענד פון דיין לעבען.

עללא רענטהיים: דאָס איז ווירקליך אזוי. אָבער דער־פאר דארף עס דאָך ניט געדויערן אזוי לאנג.

באָרקמאַן (ערשטוינט): וואָס מיינסטו דערמיט?

עללא רענטהיים: דו ווייסט דאָך געוויס, אז איך בין נאָכאנאנד געוועזן ניט געזונד די אלע לעצטע יאָהרען.

באָרקמאַן: אזוי?

עללא רענטהיים: דו ווייסט עס גאָר ניט?

באָרקמאַן: ניין, איגענטליך ניט —

עללא רענטהיים (קוקט איהם אָן איבערראשט): ער־הארד האָט דיר גאָר ניט דערצעהלט וועגען דעם?

באָרקמאַן: כ'קען זיך ווירקליך אין דער רגע ניט דער־מאָנען.

עללא רענטהיים: ער האָט מיך פיללייכט איבערהויפט קיינמאָל ניט דערמאָנט?

באָרקמאַן: יאָ, דאָס יאָ; דערמאָנט האָט ער דיך, גלויב איך. איבעריגענס זעה איך איהם גאנץ זעלטען. כמעט קיינמאָל

ניט. אונטען איז דאָ אומיצער, וואָס רייסט איהם אוועק פון מיר. אוועק, אוועק, פערשטעהסטו מיך.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: ווייסטו דאָס אזוי זיכער, באַרקמאַן?

ב אַ ר ק מ אַ ן: גאַנץ זיכער. (בייט דעם טאָן). אלזאָ, דו ביסט געווען ניט געזונד, עללאַ?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: יאָ. און דעם הערבסט איז די קראַנקהייט געוואָרען אזוי שלעכט, אז איך האָב געמוזט קומען אהער, זיך בעראַטהען מיט ערפאַהרענע דאָקטוירים.

ב אַ ר ק מ אַ ן: נו, און דו האָסט שוין מיט זיי גערעדט?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: יאָ, היינט פאַרמיטאַג.

ב אַ ר ק מ אַ ן: און וואָס האָבען זיי געזאָגט?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: זיי האָבען מיר פאָלשטענדיג בעשטעטיגט דאָס, פאר וואָס איך האָב שוין לאַנג מורא געהאַט —

ב אַ ר ק מ אַ ן: נו?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (איינפאַך און רוהיג): איך לייד פון א טויטליכער קראַנקהייט, באַרקמאַן.

ב אַ ר ק מ אַ ן: אַך, גלויב דאָך ניט אין אזעלכע זאכען, עללא!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: ס'איז א קריינק, צו וועלכער ס'איז ניטאָ קיין שום הילף. וועלכע קען ניט געהיילט ווערן. די דאָקטוירים ווייסען ניט פון קיין מיטעל דערצו. זיי מוזען לאָזען די קראַנקהייט געהן איהר גאַנג. קענען גאָרנישט טהאָן, זי אָבצוהאַלטען. בלויז שטילען אביסעל די ליידען. און דאָס איז דאָך אויך נאָך א שטיקעל גליק.

ב אַ ר ק מ אַ ן: אַך, דאָס קען נאָך לאַנג דויערן, — גלויב מיר, עללא.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: מעגליך, אז דאָס קען נאָך געדויערן איבער'ן ווינטער, האָט מען מיר געזאָגט.

ב אַ ר ק מ אַ ן (ניט דענקענדיג עפּעס דערביי): נאַ, דער ווינטער, — איז דאָך נאָך לאַנג.

עללא רענטהיים (שטיל): יעדענפאלס איז ער לאנג געננג פאר מיר.

בארקמאן (בייט דעם געשפרעך): אָבער ווי אזוי האָסט דו פאַרט געקענט בעקומען די קראנקהייט? דו האָסט דאָך זיכער געפיהרט א געזונד און רעגעלמעסיג לעבען —? ווי אזוי האָט זיך דאָס פאָרט גענומען צו דיר?

עללא רענטהיים (גיט אַ קוק אויף איהם): די דאָקטוירים דענקען, אז איך האָב פיליכט אמאָל דורכגעמאכט א שטארקע אויפטרייסלונג פון געמיטה.

בארקמאן (פלאַקערט אויף): א געמיטה־אויפטרייסלונג!
אהא, כ'פערשטעה שוין! דעריין בין איך אודאי שולדיג!

עללא רענטהיים (מיט אַ וואַקסענדער אינערליכער אויפרעגונג): ס'איז צו שפעט איצט דאָס פונאנדערצוגלידערן. אָבער איך מוז צוריק האָבען ביי זיך מיין איינציג הארצענסקינד, איידער איך צושייד זיך מיט'ן לעבען! ס'אז פאר מיר אזא מורא'דיג טרויעריגער געדאנק, זיך צו שיידען מיט אלצדינג, וואָס לעבט, — די זונן און לופט און ליכט, ניט איבערלאָזענדיג כאָטש איין איינציג וועזען, וואָס זאָל דענקען פון מיר, זיך דערמאָנען אָן מיר, ווארם און אומעטיג, — אזוי ווי א זוהן דערמאָנט זיך אָן דער מוטער, וואָס ער האָט פערלאָרען.

בארקמאן (נאָך אַ קורצער פויזע): נעהם איהם, עללא, — אויב דו קענסט איהם געווינען.

עללא רענטהיים (לעבעדיג): דו ווילינסט איין? קענסטו דאָס?

בארקמאן (מיט אַ פינסטערער מיענע): יאָ. און ס'איז גאָר ניט אזא גרויסער אָפּפער. ווארים איך האָב דאָך איהם סיי ווי סיי ניט.

עללא רענטהיים: כ'דאנק דיר פונדעסטוועגען פון הארצען פאר דעם אָפּפער! — איצט האָב איך אָבער נאָך א ביטע צו דיר. ביי מיר איז די אויגען א גרויסע ביטע, באָרקמאן.

בארקמאן: נו, לאָמיך הערען וואָס.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: ביי דיר וועט עס פיליכט אויסקו־
קען קינדערש, — וועסט עס אפשר גאָר ניט פערשטעהן —

ב אַ ר ק מ אַ ן: נו, נו — זאָג שוין, וואָס איז דאָס אזוינס!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: ווען איך וועל שטארבען — און
דאָס וועט שוין לאנג ניט נעהמען — לאָז איך איבער א פערמעגען,
א היבשען פערמעגען —

ב אַ ר ק מ אַ ן: דאָס קען איך מיר פאָרשטעלען.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: און איך האָב ברעה, עס אלעם אָב־
זאָגען ערהארד'ן.

ב אַ ר ק מ אַ ן: נו יאָ, דו האָסט דאָך טאקע ניט קיין אנדערן,
וואָס זאָל דיר שטעהן נעהענטער איידער ער.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (וואַרם): ניין, ס'איז ווירקליך ניטאָ
קיינער, וואָס זאָל מיר שטעהן נעהענטער איידער ער.

ב אַ ר ק מ אַ ן: קיינער פון דיין אייגענער פאמיליע. דו ביסט
די לעצטע.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ): דאָס
איז גראַד, וואָס איך וויל זאָגען. ווען איך שטארב,—דאן שטארבט
אויך דער נאָמען ר ע נ ט ה י י ם. און דאָס איז פאר מיר אזא
שרעקליכער, אזא פייניגענדער געדאנק. אויסגעמעקט פון'ם לעבען
— אפילו דער נאָמען —

ב אַ ר ק מ אַ ן (כאַפּט זיך אויף): אהא, — איך זעה, וואוהין
דו ציעלסט!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (ליידענשאַפטליך): דערלאָז עס ניט!
זאָל ערהארד טראָגען דעם נאָמען נאָך מיר!

ב אַ ר ק מ אַ ן (מיט אַ האַרטען בליק): איך פערשטעה, וואָס
דו מיינסט. דו ווילסט מיין זוהן בעפרייען דערפון, ער זאָל ניט
דארפען טראָגען דעם נאָמען פון זיין פאָטער. דאָס איז דיין מיין.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: ניין, ניין, ניט דאָס! איך אליין
וואָלט איהם אזוי שטאָלץ און אזוי פרעהליך געטראָגען אינאיינעם
מיט דיר! אָבער א מוטער, וואָס דארף באלד שטארבען — א נאָ־

מען איז א סך א פעסטערער באנד, איידער דו שטעלסט זיך פֿאָר, באָרקמאַן.

באָרקמאַן (קאַלט און שטאָלץ): זעהר גוט, עללאַ. איך בין מאַן גענוג, אליין צו טראָגען מיין נאָמען.

עללא רענטהיים (כאַפּט איהם אָן פאַר די הענד און דריקט זיי): כ'דאנק דיר, כ'דאנק דיר! איצט איז אונזער רעכנונג פאָלשטענדיג אונטערגעצויגען! יאָ, יאָ, אזוי איז דאָס! דו האָסט צוריק גוט געמאכט, וואָס דו האָסט געקענט גוט מאכען. ווארים אז איך וועל אוועקגעהן פון דער וועלט, בלייבט נאָך מיר ערהארד רענטהיים!

די טאַפּעטען-טיר ווערט פלוצלינג אויפגעמאַכט. מאַדאַם באָרקמאַן, מיט'ן שאַל איבער'ן קאָפּ, בעוויזט זיך אין דער טיר.

מאדאם באָרקמאן (שרעקליך צוקאַכט): קיינמאָל אין לעבען זאָל ערהארד אזוי ניט הייסען!

עללא רענטהיים (טרעט אָב הינטערוויילאַכס): גונהילד!

באָרקמאן (מיט אַ הארטען, סטראַשענדען טאָן): דאָ ארויף צו מיר ערלויב איך קיינעם ניט צו קומען.

מאדאם באָרקמאן (טהוט אַ טראָט אריין אינעווייניג אין זאאל): כ'נעהם זיך די ערלויבעניש.

באָרקמאן (געהט איהר אַנטקעגען): וואָס ווילסט דו פון מיר?

מאדאם באָרקמאן: איך וויל קעמפּפען און שטרייטען פאר דיר. דיך פערטהיידיגען געגען די בייזע כחות.

עללא רענטהיים: די ערגסטע בייזע כחות געפינען זיך אין דיר אליין, גונהילד!

מאדאם באָרקמאן (הארט): דערפון רעדען מיר ניט. (סטראַשענדיג, מיט אַן אויפגעהויבענעם אָרם). אָבער דאָס זאָג איך אייך — זיין פאָטער'ס נאָמען וועט ער טראָגען! און הויך וועט ער איהם טראָגען און פון דאָס ניי ברייננגען עהרע און גרויסקייט! און

איך אליין וועל זיין מוטער זיין! איך אליין! צו מיר זאל מיין זוהן'ם הארץ געהערען. צו מיר און ניט צו קיין אנדערער.

אב דורך די טאפעטען־טיר, וועלכע זי מאכט צו הינטער זיך.

עללא רענטהיים (צוטרייסעלט און אנגעגריפען): בארקמאן, — ערהארד וועט געהן צו גרונד דא אין אט די שטור־רעמס. עס מוז קומען צו אן איינפערשטענדנים צווישען דיר און גונהילד. מיר מוזען גלייך ארונטערגעהן צו איהר.

בארקמאן (קוקט זי אן): מיר? איך אויך, מיינסטו?

עללא רענטהיים: מיר ביידע, דו און איך.

בארקמאן (שאקעלט מיט'ן קאפ): זי איז הארט, זאג איך דיר. הארט ווי דאס רויע מעטאל, וואס איך האב אמאל געוואלט ארויסהאקען פון די בערג.

עללא רענטהיים: טא פרוביר עס איצט!

בארקמאן שטעהט שטיל, אהן אן ענטפער, און קוקט זי אן אונענטשלאסען.

❧ ❧ ❧

דריטער אקט.

מאַדאַם באָרקמאַן'ס וואוין־צימער. דער לאָמפּ אויף'ן טיש, וואָס לעבען קאַנאַפּע, ברענט נאָך אַלץ. אין גאַרטען־צימער איז פינסטער.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן מיט'ן שאַל איבער'ן קאָפּ, קומט אַריין דורך די קאָרידאָר־טיר. זי איז שטאַרק אויפגערעגט, געהט צו צום פענ־סטער און ציהט אַביסעל פונאַנדער די פאָרהאַנגלאַך, דאַן געהט זי צו צום אויוועז און זעצט זיך אַנידער, שפּרינגט אָבער באַלד ווידער אויף און טהוט אַ ציה דאָס גלעקעל. בלייבט שטעהן ביי דער קאַנאַפּע און וואַרט אַ ווײַלע. קיינער ווייזט זיך ניט. זי קלינגט ווידער, דאָס מאָל שטאַרקער.

דאָ ס ד י ע נ ס ט ־ מ י י ד ע ל קומט אין אַ ווײַלע ארום אַריין פון קאָרידאָר, זי זעהט אויס ברוגז'לאך און פערשלאָפען און מען קען דערקענען אויף איהר, אז זי האָט אין גרויס איילעניש ארויפגעכאַפּט די קליידער אויף זיך.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (אונגעדולדיג): וואָס איז אייך געשעהן, מאַלענע? כ'האָב שוין צוויי מאָל געקלונגען.

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל: כ'האָב געהערט, גנעדיגע פרוי.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: און איהר זייט פונדעסטוועגען ניט אריינגעקומען.

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (בייז): כ'האָב זיך דאָך גע־מוזט פריהער אָנטהאָן, ציין ניין?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: יאָ, טהוט זיך אָקאָרשט אָן ווי געהעריג איז. און דאַן מוזט איהר גלייך אַריבערלויפען רופען מיין זוהן.

דאָס דיענסטמיידעל (קוקט זי אָן ערשטוינט): דעם יונגען הערר זאָל איך רופען?

מאדאם באָרקמאן: יאָ, זאָגט איהם, אז ער מוז גלייך קומען אהער; כ'האָב מיט איהם וואָס צו ריידען.

דאָס דיענסטמיידעל (מורמלענדיג): דאן מיין איך איז די בעסטע זאך איך זאָל אויפוועקען דעם קוטשער דאָרט ביים פערוואלטער.

מאדאם באָרקמאן: נאָך וואָס עפּעס דעם קוטשער?

דאָס דיענסטמיידעל: ער זאָל איינשפּאנען דעם שליטען. ס'געהט א שרעקליכער שנעע אויף דרויסען.

מאדאם באָרקמאן: אה, ס'מאכט ניט אויס. איילט זיך אקאָרשט צו און געהט אריבער אהין! ס'איז דאָך דאָ גלייך ביים עק גאָס.

דאָס דיענסטמיידעל: אָבער גנעדיגע פרוי, דאָס איז גאָר ניט דאָ ביים עק גאָס.

מאדאם באָרקמאן: געוויס איז דאָס דאָ נאָהענט. איהר ווייסט ניט, וואו אדוואָקאט הינקעל'ס ווילא איז?

דאָס דיענסטמיידעל (מיט א שטעכעדיגען טאָן): אך אזוי, דאָרט איז ער גאָר איצט, דער יונגער הערר?

מאדאם באָרקמאן (ערשטוינט): נו, יאָ, וואו דען זאָל ער זיין?

דאָס דיענסטמיידעל (שמייכעלט): נא, כ'האָב גאָר געמיינט, אז ער איז דאָרט, וואו ער איז געוועהנליך.

מאדאם באָרקמאן: וואו מיינט איהר?

דאָס דיענסטמיידעל: דאָרט ביי דער מאדאם ווילטאָן, ווי זיי רופען זי.

מאדאם באָרקמאן: ביי מאדאם ווילטאָן? אהין געהט דאָך מיין זוהן ניט אזוי אָפט.

דאָס דיענסטמיידעל (מורמלענדיג מיט א האלבען מויל): און איך האָב געהערט זאגען, אז ער קומט אלע טאָג אהין.

מאדאם בארקמאן: דאָס איז בלויז אונזינן, מאַלענע. איצט לויפט נור אריבער צו די הינקעלס און זעהט אקאָרשט, איהר זאָלט מיט איהם אליין רעדען.

דאָס דיענסטמיידעל (פערוואַרפט דעם קאָפּ אין דער הויך): יאָ, גוט; כ'געה שוין.

זי לאָזט זיך ארויסגעהן דורך דעם קאָרידאָר. אין דערזעלבער רגע עפענט זיך די קאָרידאָר־טיר. עללאַ רענטהיים און בארקמאַן בעווייזען זיך אויף דער שוועל.

מאדאם בארקמאן (טהוט אַ טראָט צוריק, זיך וואַקלענדיג): וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

דאָס דיענסטמיידעל (דערשראָקען, לעגט אינסטינקטיוו צונויף די הענד): אָה, גאָט!

מאדאם בארקמאן (שעפּטשעט צו דעם מיידעל): זאָגט איהם, אז ער מוז שוין קומען, די מינוט!

דאָס דיענסטמיידעל (שטיל): יאָ, גנעדיגע פרוי.

עללאַ רענטהיים און נאָך איהר בארקמאַן קומען אריין אין צימער. דאָס דיענסטמיידעל גנב'עט זיך ארוים הינטער זיי און מאַכט צו די טיר.

קורצע פויזע.

מאדאם בארקמאן (האָט צוריקגעוואונען איהר זעלבסטקאָנטראָלע, ווענדעט זיך צו עללאַ'ן): וואָס וויל ער דאָ אונטען ביי מיר אין צימער?

עללא רענטהיים: ער וויל פּרואוווען קומען צו א פערשטענדניס מיט דיר, גונהילד.

מאדאם בארקמאן: דאָס האָט ער ביז אהער קיינמאָל ניט געפּרואווט.

עללא רענטהיים: איצטער וויל ער עס.

מאדאם בארקמאן: דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר זיינען געשטאַנען איינס געגען אנדערן, — דאָס איז געוועזן פאר'ן גערִיכט. דאַן, ווען איך בין פאָרגערופען געוואָרען אלס עדות, אָבצוגעבען אן ערקלעהרונג —

באַרקמאַן (געהט צו נעהענטער): און היינט בין איך דער עדות; היינט האָב איך אָבצוגעבען אן ערקלעהרונג.

מאַדאַם באַרקמאַן (טהוט אַ קוק אויף איהם): דו!

באַרקמאַן: ניט מכח דעם, וואָס איך האָב בעגאַנגען. דאָס ווייס דאָך די גאַנצע וועלט.

מאַדאַם באַרקמאַן (מיט אַ ביטערן זיפץ): יאָ, דאָס איז אמת. די גאַנצע וועלט ווייס עס.

באַרקמאַן: זי ווייס אָבער ניט, פאַרוואָס איך האָב עס געטהאָן. פאַרוואָס איך האָב עס געמוזט טהאָן. די מענשען בעגרייפען ניט, אז איך האָב עס געמוזט, ווייל איך בין געווען איך, — ווייל איך בין געווען יאָהאַן גאַבריעל באַרקמאַן, — און ניט קיין אנדערער. און אָט וועגען דעם זאָלסט דו איצט הערען מיין ערקלעהרונג.

מאַדאַם באַרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): אומזיסט די מיה. טרייב־מאָטיווען ערקלעהרען קיינעם ניט פריי. און אינספּי־ראַציעס אויך ניט.

באַרקמאַן: אָבער ביי זיך אין די אייגענע אויגען קע־נען זיי איינעם יאָ בעפרייען.

מאַדאַם באַרקמאַן (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד): אַך, לאָז צורוה! כ'האָב גענוג און איבער גענוג נאָכגעדענקט וועגען אָט די דונקעלע געשיכטען דיינע.

באַרקמאַן: איך אויך. אין די פינף לאַנגע יאָהרען אין מיין געפענגנים־קעמערל — און ערגעץ אנדערש — האָב איך גע־האט צייט דערצו. און אין די אכט יאָהר אויבען אין זאַאַל האָב איך געהאט נאָך מעהר צייט. כ'האָב ווידער אמאָל צוגלידערט די גאַנצע זאַך, פון דאָס ניי געמאַכט דעם פּראָצעס — פאַר זיך אליין. איך בין מיין אייגענער פּראָקוראָר געווען, מיין אייגענער אדוואָקאַט, מיין אייגענער ריכטער. אונפּאַרטייאישער ווי יעטווע־דער אנדערער, — דאָס מוז איך דיר זאָגען. אויבען אין זאַאַל בין איך ארומגעגאַנגען און האָב דורכגעקוקט יעדע איינצעלנע פון מיי־נע האַנדלונגען, זיי דורכגעשפּירט ביז דאָס סאַמע אינעווייניגסטע.

כ'האָב זיי בעטראַכט פון פּאַרענט און פון הינטען, פּונקט אַזוי אָהן איינזעהעניש, פּונקט אַזוי אום'ברחמנות'דיג ווי וועלכער עס איז אַדוואָקאַט. און דער רעזולטאַט, דער לעצטער אורטהייל, צו וועלכען איך קום אַלץ, איז אָט וואָס: דער איינציגער, געגען וועמען איך האָב זיך פערזינדיגט, — דאָס בין איך אַליין.

מאַדאַם באָרקמאַן: און געגען מיר, הייסט עס, ניט? און געגען דיין זוהן?

באָרקמאַן: דו און ער, איהר זייט אַריינגערעכענט אין כלל, ווען איך רייד פון מיר אַליין.

מאַדאַם באָרקמאַן: און די הונדערטער אַנדערע? די, וועמען דו האָסט, ווי מען זאָגט, רואינירט?

באָרקמאַן (צוקאָכט זיך): כ'האָב געהאַט די מאַכט! און דאַן דעם אונבעזיעגבאַרען טריעב טיעף ביי מיר אינעווייניג! דאָ זיינען זיי געלעגען, די געבונדענע, די געשמידטע מיליאָנען, איבער'ן גאַנצען לאַנד, אין די טיעפענישען פון די בערג, און האָבען מיך גערופען! האָבען געשריען צו מיר, איך זאָל זיי בעפרייען! אָבער קיינער פון די אַלע אַנדערע האָט עס ניט געהערט. בלויז איך אַליין.

מאַדאַם באָרקמאַן: יאָ, צו דער שאַנדע און שמאַך פון'ם נאָמען באָרקמאַן.

באָרקמאַן: כ'וואָלט געוואָלט וויסען, צי די אַנדערע, ווען זיי האָבען די מאַכט דערצו, וואָלטען ניט געהאַנדעלט פּונקט ווי איך.

מאַדאַם באָרקמאַן: קיינער, קיינער אויסער דיר וואָלט עס ניט געטהאָן!

באָרקמאַן: אפשר ניט. אָבער נור דערפאַר ניט, ווייל זיי האָבען ניט מיינע פעהיגקייטען. און ווען זיי וואָלטען עס יאָ געטהאָן, וואָלטען זיי דאָס ניט געטהאָן האָבענדיג מיינע צוועקען פאַר די אויגען. די האַנדלונג וואָלט דאַן געוואָרען אַ גאַנץ אַנדערע. — קורץ און גוט, — איך האָב זיך אַליין ערקלעהרט פריי.

עללא רענטהיים (מיט אַ וויינכען, בעטענדען טאָן): אַך, קענסטו דאָס זאָגען אזוי זיכער, באַרקמאַן?

באַרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): כ'האָב זיך ערקלעהרט פריי אין דעם פּרט. איצט אָבער קומט די גרויסע, שווערע זעלבסט־אַנקלאגע.

מאַדאַם באַרקמאַן: און די איז —?

באַרקמאַן: דאָ אויבען בין איך ארומגעגאנגען און האָב פערשוועגדט גאנצע אכט טהייערע יאָהרען פון מיין לעבען! דעם זעלבען טאָג, וואָס איך בין בעפרייט געוואָרען, האָב איך געדארפט ארויסגעהן אין דער ווירקליכקייט, — אין דער אייזערנער, טרוימ־לאָזער ווירקליכקייט! כ'האָב געדארפט ווידער אָנהויבען פון אונטען און פון דאָס ניי ארויפשטייגען אין דער הויך, — העכער ארויף ווי ווען עס איז פריהער, — ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איז געשעהן.

מאַדאַם באַרקמאַן: אַך, דאָס וואָלט בלויז געווען דאָס זעלבע לעבען נאָך אמאָל, — גלויב מיר.

באַרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט זי אָן מיט אַ בע־לעהרענדער מיענע): עס פּאסירט קיין נייעס ניט; דאָס איז אמת. אָבער דאָס, וואָס איז געשעהן, — ווידערהאָלט זיך אויך ניט. דאָס אויג איז עס, וואָס פערוואנדעלט די טהאטען. דאָס ניי געבאָ־רענע אויג פערוואנדעלט די אלטע טהאט. (האַקט אָב). אָבער דאָס פערשטעהסטו דו ניט.

מאַדאַם באַרקמאַן (קורץ): ניין, כ'פערשטעה עס ניט.

באַרקמאַן: יאָ, דאָס איז טאקע דער פלוך, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געפונען קיין איינציגע מענשען־זעעלע, וואָס זאָל מיך פערשטעהן.

עללא רענטהיים (טהוט אַ קוק אויף איהם): קיין איינ־ציגע ניט, באַרקמאַן?

באַרקמאַן: אויסער ביי איינער — פיליייכט. שוין לאנג, לאנג צוריק. אין די טעג, ווען מיר האָט זיך געדוכט, אז איך נייטיג זיך גאָר ניט אין פערשטענדנים. אויסערדעם, שפּעטער, ביי

קיינעם ניט! כ'האָב ניט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל וואַכען איבער מיר, וואָס זאָל זיין אימער גרייט, מיך צו רופען, — מיר צו קלינגען ווי א מאָרגען־גלאָק, — מיך וועקען צו נייער, מוטיגער אַרבייט. — און דאַן אריינרעדען אין מיר, פערזיכערן מיר, אז איך האָב ניט בעגאַנגען קיין שום אונפערצייהליכע טהאַט.

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט א שפּאָטישען געלעכטער): אַזוי, דאָס מוזען אַנדערע בריינגען צו דיר פון דרויסען?

באָרקמאַן (אויסער זיך פאַר כעס): יאָ, ווען די גאַנצע וועלט שרייט און ליאַרעמט מיר אַנטקעגען, אז איך בין א געזונקענער מענש, וועמען מען קען שוין מעהר ניט העלפען, דאַן קענען דאָך אַנקומען אויף מיר אַזוינע מינוטען ווען איך הויב שיער ניט אָן אליין צו גלויבען אין דעם. (הויבט אויף דעם קאָפּ אין דער הויך). דאַן קומט אָבער מיין אינערסטעס בעוואוסטזיין ארויף פון אויבען מיט טריאומף. און דאָס ערקלעהרט מיך פריי!

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט א שטרייגגען בליק): פאַר וואָס ביסט דו קיינמאָל ניט געקומען צו מיר, זוכען דאָס, וואָס דו רופסט פערשטענדנים?

באָרקמאַן: וואָלט דאָס עפּעס גענוצט, ווען איך וואָלט צו דיר געקומען?

מאַדאַם באָרקמאַן (גיט א מאַך מיט דער האַנד): דו האָסט אלע מאָל ליעב געהאַט נור זיך אליין, — דאָס איז די גאַנצע צרה.

באָרקמאַן (שטאָלץ): איך האָב געליעבט די מאַכט —

מאַדאַם באָרקמאַן: די מאַכט, יאָ!

באָרקמאַן: — די מאַכט, צו קענען שאַפען מענשען־גליק ווייט, ווייט ארום מיר.

מאַדאַם באָרקמאַן: דו האָסט אמאָל געהאַט די מאַכט, מיך גליקליך צו מאַכען. האָסטו זי דערצו בענוצט?

באָרקמאַן (מיידט אויס איהר בליק): אימיצער מוז געוועהנליך אונטערגעהן — ביי א שיף־אונגליק.

מאַדאַם באָרקמאַן: און דיין אייגענער זוהן? האָסטו

בענוצען דיין מאכט דערצו — האסט דו וואס געטהאן, איהם גליק־ליך צו מאכען?

באַרקמאַן: איהם קען איך ניט.

מאדאם באַרקמאַן: יאַ, דאס איז אמת. דו קענסט איהם אפילו ניט.

באַרקמאַן (האַרט): דאס האסט דו, — דו, זיין מוטער געזאָרגט דערפאר!

מאדאם באַרקמאַן (גיט אַ קוק אויף איהם און זאָגט מיט אַן אויסדרוק פון שטאָלץ): אָה, דו ווייסט ניט, פאר וואס איך האָב געזאָרגט!

באַרקמאַן: דו?

מאדאם באַרקמאַן: יאַ, איך. איך אליין.

באַרקמאַן: טאַ לאָמיר הערען פאר וואס.

מאדאם באַרקמאַן: פאר דיין אנדענקען האָב איך גע־זאָרגט.

באַרקמאַן (מיט אַ קורצען, טרוקענעם געלעכטער): פאר מיין אנדענקען? הער נור, הער! דאס קלינגט דאך כמעט ווי איך וואָלט שוין געווען טויט.

מאדאם באַרקמאַן (מיט בעטאָנונג): דאס ביסטו טאקע.

באַרקמאַן (לאַנגזאַם): יאַ, דעריין ביסטו אפשר גערעכט. (קאָכט אויף). אָבער ניין. ניין! נאָך נישט! כ'בין געווען נאָהענט, זעהר נאָהענט דערצו. אָבער איצט האָב איך ערוואכט. כ'בין צו־ריק געקומען צו זיך. דאס לעבען ליעגט נאָך פאָר מיר. כ'זעה עס, דאס דאָזיגע נייע, פינקלענדע לעבען, וואס געהערט דאַ און ווארט. — און דו וועסט עס נאָך אויך זעהן.

מאדאם באַרקמאַן (מיט אַן אויפגעהויבענער האַנד): זאָל זיך דיר מעהר ניט חלומ'ען פון לעבען! ליעג רוהיג וואו דו ליעגסט!

עללא רענטהיים (אויפגעבראַכט): גונהילד! גונ־הילד, — ווי קענסטו דאס — !

מאדאם באַרקמאַן (הערט זיך ניט צו צו איהר): איך וויל אויפשטעלען דעם מאָנומענט אויף'ן קבר.

באַרקמאַן: די שאַנד־זייל, מיינסט דו אודאי?

מאדאם באַרקמאַן (מיט וואַקסענדער אויפרעגונג): אַה, ניין, דאָס וועט ניט זיין קיין מאָנומענט פון שטיין אָדער מע־טאַל. און קיינער זאָל ניט האָבען די זכיה אויסצוקריצען אַ שפּאָ־טישע אויפשריפט אויף דעם מאָנומענט, וואָס איך וועל דיר שטע־לען. דאָס וועט זיין אַ לעבעדיגער צוים פון בוימער און בוימלאַך, געדיכט געפלאַנצט, גאַנץ געדיכט אַרום דיין קבר־לעבען. פערדעקען וועט ער די גאַנצע פינסטערניש, וואָס איז אַמאָל געוועזן. און פער־שטעלען פון מענשען'ס אויגען וועט ער יאָהאַן גאַבריעל באַרקמאַן!

באַרקמאַן (מיט אַ הייזעריגער און שניידענדער שטימע): און אַט דאָס ליעבעס־ווערק ווילסט דו שאַפען?

מאדאם באַרקמאַן: ניט מיט מיין אייגענער קראַפט. דערפון קען איך גאָר ניט דענקען. אָבער איך האָב זיך ערצויגען איינעם, וואָס וועט מיר העלפען, וואָס וועט אָבגעבען זיין לעבען נור פאַר דעם. ער וועט פיהרען אַ לעבען אין ריינקייט, אין הויכ־קייט און אין ליכטיגען גלאַנץ, אַזוי אַז דיין אייגען גרוב־לעבען וועט זיין ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געוועזן דאָ אויף דער ערד!

באַרקמאַן (מיט אַ פינסטערער און דראָהענדער מיענע): אויב דו מיינסט ערהאַרד'ן דערמיט, טאָ זאָג עס גלייך!

מאדאם באַרקמאַן (קוקט איהם אַריין גלייך אין די אויגען): יאָ, ס'איז ערהאַרד. מיין זוהן. ער, פון וועמען דו ווילסט זיך אָבזאָגען — אלס כפרה פאַר דיינע אייגענע מעשים.

באַרקמאַן (מיט אַ בליק אויף עללאַ'ן): אלס כפרה פאַר מיין גרעסטע זינד.

מאדאם באַרקמאַן: פאַר דאָס וואָס דו האָסט געזינ־דיגט אנטקעגען אַ פרעמדער. דערמאָן זיך נור, וואָס דו האָסט גע־זינדיגט אנטקעגען מיר! (קוקט זיי ביידען אָן מיט אַ טריאומפירענ־דען בליק). אָבער ער וועט אייך ניט הערען! ווען איך וועל איהם רופען אין מיין נויטה, דאַן וועט ער קומען צו מיר! וואָרים ביי

מיר וויל ער זיין! ביי מיר און קיינמאָל ניט ביי אימיצען אנ־דערש — (האַקט פלוצלינג אָב, הערט זיך צו און רופט אויס). אָט הער איך איהם! ער איז דאָ, — ער איז דאָ! ערהארד!

ערהאַרד באָרקמאַן רייסט אויף די קאָרידאָר־טיר און קומט שנעל אַריין אין צימער. ער געהט אָנגעטהאָן אין אויבער־ראָק און טראָגט דעם הוט אויף'ן קאָפּ.

ערהארד (בלייך און דערשראָקען): אָבער מוטער, — אום גאָטעס ווילען, וואָס —!

ער דערזעהט באָרקמאַן'ן, וועלכער שטעהט ביי דער טיר, וואָס פיהרט צום גאָרטען־צימער, ווערט פערציטערט און נעהמט אַרונטער דעם הוט.

ערהארד (שווייגט אַ ווייליע; דאַן פרעגט ער): וואָס וויל־סטו פון מיר, מוטער? וואָס איז דאָ געשעהן?

מאדאם באָרקמאַן (שפּרייט אויס די אָרעמס צו איהם): איך וויל דיך זעהן, ערהארד! כ'וויל דיך האָבען ביי מיר, — אימער!

ערהארד (שטאַמלענדיג): ביי דיר —? אימער! וואָס מיינסט דו דערמיט?

מאדאם באָרקמאַן: דאָ ביי מיר, דאָ ביי מיר וויל איך דיך האָבען! ווארים ס'איז דאָ אימיצער וואָס וויל דיך אָב־רייסען פון מיר!

ערהארד (טרעט אָב אַ טריט צוריק): אה, דו ווייסט עס אלזאָ!

מאדאם באָרקמאַן: געוויס. ווייסטו עס אויך?

ערהארד (קוקט זי אָן ערשטוינט): צי איך ווייס עס? יאָ, נאטירליך —

מאדאם באָרקמאַן: אהא, אן אָבגעמאכטע זאך! הינ־טער מיין רוקען! ערהארד, ערהארד!

ערהארד (שנעל): מוטער, זאָג מיר, וואָס ווייסט דו?

מאדאם באָרקמאַן: איך ווייס אלעס. איך ווייס, אז דיין מוהמע איז געקומען אהער, כדי דיך אוועקצונעהמען פון מיר.

ערהארד: די מוהמע עללא!

עללא רענטהיים: דאן, הער נור מיך אויס א ווײַלע!

מאדאם בארקמאן (רעדט ווײַטער): זי וויל, איך זאל דיך אבגעבען צו איהר אין די הענד. זי וויל דיר זיין א מוטער. דו זאלסט זיין איהר זוהן און ניט מיינער. דו זאלסט ירש'ענען אלעס, וואס זי פערמאגט. זאלסט אוועקווארפען דיין אייגענעם נאמען און אנשטאט דעם אננעהמען איהרען!

ערהארד: מוהמע עללא, איז דאס אלעס אמת?

עללא רענטהיים: יא, ס'איז אמת.

ערהארד: איך הער עס צום ערשטען מאל. פארוואס ווילסט דו מיך איצט וויעדער האבען ביי דיר?

עללא רענטהיים: וויל איך פיהל, אז איך פערליר דיך דא.

מאדאם בארקמאן (מיט א הארטען טאן): צוליעב מיר פערלירסט דו איהם, — יא! און אזוי דארף זיין.

עללא רענטהיים (מיט א בליק פול ביטע): ערהארד, ס'איז מיר איצט שווער דיך צו פערלירען. ווארים דו מוזט וויסען, אז איך בין אן איינזאמע פרוי, וואס האלט ביים שטארבען.

ערהארד: ביים שטארבען —?

עללא רענטהיים: יא, ביים שטארבען. ווילסט דו זיין ביי מיר ביז צולעצט? זיך אין גאנצען אנשליסען אן מיר? מיר זיין, אזוי ווי דו וואלסט געוועזען מיין אייגען קינד —

מאדאם בארקמאן (שלאגט איהר איבער די רייד): — און אוועקווארפען דיין מוטער און דערצו נאך דיין לעבענס-אויפגאבע אויך? ווילסטו דאס, ערהארד?

עללא רענטהיים: עס איז בעשטימט, אז אין קורצען געה איך אוועק פון דער וועלט. ענטפער מיר, ערהארד.

ערהארד (גערירט און מיט ווארעמקייט): מוהמע עללא, — דו ביסט צו מיר געוועזען אזוי גוט. ביי דיר בין איך אויפגעוואק-

סען אין אזא פאַלשטענדיגען גליק, וואָס איז נור מעגליך צו געבען א קינד.

מאדאם באַרקמאַן: ערהארד, ערהארד!

עללא רענטהיים: אך, ווי גליקליך איך בין צו הערען פון דיר אזעלכע ווערטער!

ערהארד: — אָבער איך קען מיך איצט ניט אָפּפערן פאר דיר. ס'איז מיר אונמעגליך זיך אין גאנצען אָבצוגעבען און דיר זיין ווי א זוהן —

מאדאם באַרקמאַן (טריאומפירענדיג): אָה, כ'האָב עס געוואוסט! דו קריגסט איהם ניט! דו קריגסט איהם ניט, עללא!

עללא רענטהיים (טרויעריג): איך זעה שוין. דו האָסט איהם צוריק געוואונען.

מאדאם באַרקמאַן: יאָ, — מיינער איז ער און מיינער בלייבט ער! ערהארד, — ניט אמת, — מיר ביידע האָבען נאָך א היבש שטיקעל וועגס צוזאמען צו געהן?

ערהארד (קעמפּפענדיג מיט זיך אַליין): מוטער, — כ'וועל עס דיר בעסער גלייך אָפען ארויסזאָגען —

מאדאם באַרקמאַן (געשפּאַנט): נו?

ערהארד: כ'האָב מורא, אז איך וועל בלויז קענען געהן א קורץ שטיקעל וועג מיט דיר צוזאמען.

מאדאם באַרקמאַן (שטעהט אַזוי ווי פון אַ דונער גע־טראָפען): וואָס מיינסט דו דערמיט?

ערהארד (מאַכט זיך קוראַזש): דו פערגעסט גאָר, מוטער, — איך בין דאָך אזוי יונג! איך פיהל, אז איך וועל דאָ אין דער שטוב־לופט איינפאך דערשטיקט ווערן, ווען עס וועט אזוי ווייטער אנגעהן.

מאדאם באַרקמאַן: דאָ — ביי מיר?

ערהארד: יאָ, דאָ ביי דיר, מוטער!

עללא רענטהיים: טאָ קום מיט מיר, ערהארד!

ערהארד: אך, מוהמע עללא, ס'איז ניט אויך קיין איין האָר בעסער ביי דיר. אנדערש איז דאָרט. אָבער ניט בעסער.

ניט בעסער פאר מ י ר, הייסט דאָס. אויך דאָרט שמעקט עס מיט לאַוועגדער און רויזען, — פערשטיקטע לופט דאָרט אזוי ווי דאָ!

מ אַ ד א ם ב אָ ר ק מ אַ ן (צוטרייסעלט, אָבער פערלירט זיך ניט אין איהר האַלטונג): פערשטיקטע לופט ביי דיין מוטער, זאָגסט דו!

ע ר ה אַ ר ד (ווערט אונגעדולדיגער): יאָ, כ'וויים ווירקליך ניט, ווי איך זאָל עס אנדערש אָנרופען. אַט די אייביגע קראנק־האפטע וואכזאמקייט און — און פערגעטערונג — אָדער וואָס עס זאָל ניט זיין. איך קען עס מעהר ניט אויסהאַלטען!

מ אַ ד אַ ם ב אָ ר ק מ אַ ן (קוקט איהם אָן מיט אַ טיעפער ערנסטקייט): פערגעסטו, ערהארד, די אויפגאבע, וואָס דו האָסט אויף זיך גענומען אין לעבען?

ע ר ה אַ ר ד (פלאַצט ארויס): אַך, זאָג בעסער די אויפגאַבע, וואָס ד ו האָסט מיר ג ע ג ע ב ע ן אין לעבען! דו, דו ביסט געווען מיין ווילען! אליין האָב איך קיינמאָל ניט געטאָרט האָבען קיין ווילען! איצט אָבער ק ע ן איך מעהר אַט דעם יאָך ניט אריבערטראָגען! איך בין יונג! ד אָ ס מוזט דו ניט פערגעסען, מוטער! (מיט אַ בליק פול מיט העפליכקייט און איינזעהעניש אויף באָרקמאַן). איך קען ניט אָבגעבען מיין לעבען אלס קרבן פאַר אַן אנדערן. ווער אַט דער אנדערער זאָל ניט זיין.

מ אַ ד אַ ם ב אָ ר ק מ אַ ן (אין וואַקסענדער אַנגסט): ווער האָט דיר דאָס אזוי איבערגעמאכט, ערהארד?

ע ר ה אַ ר ד (פיהלט זיך געטראָפען): ווער —? קען איך דען אליין ניט זיין דער, וואָס —?

מ אַ ד אַ ם ב אָ ר ק מ אַ ן: ניין, ניין, ניין! דו ביסט אונ־טער דעם איינפלוס פון אַ פרעמדער מאכט, דו שטעהסט שוין ניט מעהר אונטער דעם איינפלוס פון דיין מוטער. און אויך ניט אונטער דעם איינפלוס פון דיין — דיין פלעג־מוטער.

ע ר ה אַ ר ד (מיט אַ געצוואונגענער דרייסטקייט): איך שטעה אונטער מיין אייגענעם איינפלוס, מוטער! און אויך אונ־טער דער קראפט פון מיין אייגענעם ווילען!

באַרקמאַן (גײענדיק צו ערהאַרד׳ן): דאָן איז פּלוצעם אויך מײַן שטונדע ענדליך געקומען.

ערהאַרד (פרעמד און מיט אַן אָבגעמאָסטענער העפליכקייט): ווי — ? וואָס מיינט דער פֿאָטער דערמיט ?

מאַדאַם באַרקמאַן (שפּאָטיש): יאָ, דאָס וואָלט איך אויך טאַקע וועלען וויסען.

באַרקמאַן (רעדט ווייטער אונגעשטערט): הער אויס, ערהארד, — וואָלסטו וועלען געהן מיט דיין פֿאָטער ? אַ מענש וואָס איז געפאַלען קען דורך דעם לעבען פֿון אַן אַנדערן גאָר ניט געהאָלפען ווערן. דאָס זיינען נור פּוסטע חלומות, וואָס מען האָט דיר איינגעשמועסט — דאָ אונטען אין דער געפּרעסטער שטובּלופט. ווען דו זאָלסט אפילו פיהרען אַ לעבען ווי אַלע הייליגע פֿון דער וועלט צוזאַמענגענומען, — מיר וועט עס סיי ווי סיי גאָרנישט נוצען.

ערהאַרד (מיט אָבגעמאָסטענעם רעספּעקט): דאָס איז זעהר ריכטיג.

באַרקמאַן: יאָ, אַזוי איז דאָס. און עס וואָלט אויך געווען פּונקט אַזוי נוצלאָז, ווען איך זאָל אַזוי אָבפינסטערן מיין לעבען אין חרטה און זעלבסט-פּייניגונג. כ׳האָב געפּרואווט זיך דורכהעלפען מיט טרוימען און האָפנונגען — אין די אַלע פּערגאַנגענע יאָהרען. אָבער אַזאַ לעבען איז ניט פֿאַר מיר. און איצט וויל איך מאַכען אַ סוף צו דעם טרוימען.

ערהאַרד (מיט אַ לייכטער פערנייגונג): און וואָס וויל — וואָס וויל דער פֿאָטער אַלזאָ טהאָן ?

באַרקמאַן: זיך אַליין ארויסהעלפען וויל איך. ווידער אַנפאַנגען פון אַנהויב. בלויז דורך זיין געגענוואַרט און זיין צוקונפט קען דער מענש גוט מאַכען זיין פערגאַנגענהייט. דורך אַרבייט, — דורך אונאויפהערליכע אַרבייט פֿאַר אַלעם, וואָס איז מיר אין דער יוגענד געשטאַנען פֿאַר די אויגען, אַזוי ווי עס וואָלט געווען דאָס לעבען אַליין, און וואָס שטעהט מיר איצט נאָך טויזענד

מאָל העבער ווי דאמאָלסט. ערהארד, — ווילסט דו געהן מיט מיר און מיר העלפען אין אָט דעם נייעם לעבען?

מאדאם באָרקמאן (הויבט אויף די האַנד, וואָרנענדיג): טהו עס ניט, ערהארד!

עללא רענטהיים (וואַרם): יאָ, יאָ, טהו עס. אך, העלף איהם, ערהארד!

מאדאם באָרקמאן: און דאָס ראטהסט דו איהם? דו, די איינזאמע, — די שטארבענדע.

עללא רענטהיים: מיט מיר מעג עס געהן, ווי עס וויל.

מאדאם באָרקמאן: אבי נור איך בין עס ניט, וואָס נעהמט איהם אוועק פון דיר.

עללא רענטהיים: גאַנץ ריכטיג, גונהילד.

באָרקמאן: ווילסט דו, ערהארד?

ערהארד (אין פּיינליכער פערלעגענהייט): פאָטער, — איך קען עס איצט ניט. ס'איז איינפאך אונמעגליך!

באָרקמאן: אָבער וואָס ווילסטו פאָרט טהאָן?

ערהארד (פלאַקערט אויף): איך בין יונג! כ'וויל אויך אמאָל לעבען! מיין אייגען לעבען וויל איך לעבען!

עללא רענטהיים: קענסט ניט אָפּפערן בלויז א פּאָר קורצע מאָנאטען, אריינצואוואָרפען א ליכט-שטראהל אין אן אָרעם, אויסגעלאָשען מענשען-לעבען?

ערהארד: מוהמע, איך קען עס ניט, ווי גערן איך זאָל עס ניט וועלען טהאָן.

עללא רענטהיים: אויך ניט אימיצען צוליעב, וואָס איז דיר אזוי, אזוי איבערגעבען?

ערהארד: אזוי וואהר איך לעב, מוהמע עללא, — כ'קען עס ניט.

מאדאם באָרקמאן (קוקט איהם אריין שאַרף אין די אויגען): און אפילו דיין מוטער קען דיך מעהר ניט האַלטען?

ערהארד: איך וועל דיך אימער ליעבען, מוטער. אָבער

איך קען ניט כסדר לעבען פאר דיר אליין. ווארים דאס איז פאר מיר קיין לעבען ניט.

באַרקמאַן: טאָ קום און שליס זיך פאַרט אָן אָן מיר. ווארים לעבען, דאָס הייסט ארבייטען, ערהארד. קום, לאָמיר ביידע ארויסגעהן אין לעבען און ארבייטען צוזאמען!

ערהארד (ליידענשאַפטליך): יאָ, אָבער איך וויל איצט ניט ארבייטען! ווארים איך בין יונג! ביז אהער האָב איך עס ניט געוואוסט; אָבער איצט פיהל איך, אז עס נעהמט מיך דורך ווי א הייסער שטראָם. ניין, איך וויל ניט ארבייטען! בלויז לע־בען, לעבען, לעבען!

מאדאם באַרקמאַן (מיט אַן אויסרוף): ערהארד, — פאר וואָס ווילסט דו לעבען!

ערהארד (מיט פינקעלדיגע אויגען): פאר דאָס גליק, מו־טער!

מאדאם באַרקמאַן: און וואו דענקסטו דאָס צו געפינען?

ערהארד: איך האָב עס שוין געפונען!

מאדאם באַרקמאַן (שרייט אויס): ערהארד —!

ערהאַרד געהט שנעל צו צו דער קאָרידאָר־טיר און עפענט זי אויף.

ערהארד (רופט ארויס): פעני, — איצט קענסטו אריינ־קומען!

מאַדאַם ווילטאָן, מיט'ן מאַנטעל איבער זיך, בעוויזט זיך אויף דער שוועל.

מאדאם באַרקמאַן (מיט אויפגעהויבענע הענד): מא־דאם ווילטאָן —!

מאדאם ווילטאָן (קלעהרט אַ ווײַלע; ווארפט אַ פרע־גענדען בליק אויף ערהאַרד'ן): קען איך אלזאָ —?

ערהארד: יאָ, איצט קענסטו שוין אריינקומען. איך האָב דערצעהלט אלעם.

מאַדאם ווילטאַן געהט אַריין אין צימער. ערהאַרד פערמאַכט די

טיר. זי פערנייגט זיך מיט אַן אָבגעמאָסטענעם רעספּעקט פאַר באַרק־מאַן'ן, וועלכער ענטפערט שווייגענדיג אויף איהר בעגריסונג.

קורצע פויזע.

מאַדאַם ווילטאָן (מיט אַ נידעריגער, אָבער פעסטער שטימע): דאָס וואָרט איז אַלזאָ ארויסגעזאָגט. און איך בעגרייף גאַנץ גוט, אז מען קוקט דאָ אויף מיר ווי אויף איינער, וואָס האָט אָנגעמאכט א גרויסען חורבן אין הויז.

מאַדאַם באַרקמאַן (לאַנגזאַם, קוקענדיג מיט אַ פער־גליווערטען בליק אויף איהר): איהר האָט פערניכטעט דאָס לעצטע ביסעל פון דעם אינטערעס, וואָס איך האָב נאָך געהאַט אין לעבען. (פּלאַצט אַרויס). אָבער דאָס, — דאָס איז דאָך איינפאַך אונמעג־ליך, נאָך אַלעם דעם!

מאַדאַם ווילטאָן: איך פערשטעה גאַנץ גוט, אז עס מוז אייך פאַרקומען אונמעגליך, מאדאם באַרקמאַן.

מאַדאַם באַרקמאַן: יאָ, דאָס מוזט איהר דאָך אַליין צוגעבען, אַז עס איז אונמעגליך. אָדער ווי מיינט איהר —?

מאַדאַם ווילטאָן: איך וואָלט גיכער געזאָגט, אז עס איז נאַריש, געגען דעם שכל. אָבער וואָס זאָל איך טהאָן, אז עס איז פּאַרט אַזוי!

מאַדאַם באַרקמאַן (ווענדעט זיך צו ערהאַרד'ן): דו מיינסט עס טאקע גאַנץ ערנסט, ערהארד?

ערהארד: דאָס איז פאַר מיר אַ ריין גליק, מוטער. דאָס גאַנצע גרויסע, וואונדערפולע גליק פון לעבען. ווייטער קען איך דיר גאָר נישט זאָגען.

מאַדאַם באַרקמאַן (צו מאַדאַם ווילטאָן, צונויפּפּרעסענ־דיג בעת מעשה די הענד): אָך, ווי איהר האָט פערנאַרט און פער־פיהרט מיין אונגליקליכען זוהן!

מאַדאַם ווילטאָן (טהוט שטאָלץ אַ וואָרף דעם קאָפּ אין דער הויך): דאָס האָב איך ניט געטהאָן.

מאַדאַם באַרקמאַן: איהר האָט עס ניט געטהאָן!

מאַדאַם ווילטאָן: ניין. איך האָב איהם ניט פער־

נאַרט און ניט פערפיהרט. פרייוויליג איז ערהארד געקומען צו מיר. און פרייוויליג בין איך ארויס א שטיק וועגס איהם אנט־קעגען.

מאַדאַם באָרקמאַן (מעסט זי אָב מיט אַ פעראַכטענדען בליק פון אויבען ביז אונטען): יאָ, איהר! דאָס קען איך לייכט גלויבען.

מאַדאַם ווילטאָן (קאָנטראָלירט זיך): מאַדאם באָרק־מאַן, — איבער דעם מענשליכען לעבען געוועלטיגען קרעפטען, וועגען וועלכע עס זעהט אויס, איהר האָט א קנאַפּע ידיעה.

מאַדאַם באָרקמאַן: מעג איך פרעגען, וואָס פאר קרעפטען?

מאַדאַם ווילטאָן: די קרעפטען, וועלכע הייסען, אז צוויי מענשען זאָלען צונויפבינדען זייערע לעבענס אינאייינעם אין א פעסטען, אונאויפלעזבארען באַנד.

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט אַ שמייכעל): כ'האָב גע־מיינט, אז איהר זייט שוין פעסט און אונאויפלעזבאר צוגעבונדען — צו אן אנדערן.

מאַדאַם ווילטאָן (קורץ): יענער אנדערער האָט מיך פערלאָזען.

מאַדאַם באָרקמאַן: אָבער ער לעבט דאָך נאָך, זאָגט מען.

מאַדאַם ווילטאָן: ביי מיר אין די אויגען איז ער טויט.

ערהארד (זוכט צו ווירקען אויף דער מוטער): יאָ, מו־טער, ביי פעני'ן אין די אויגען איז ער טויט. און אחוץ דעם, געהט דאָך מיר יענער אנדערער גאָרנישט אָן!

מאַדאַם באָרקמאַן (וואַרפט איהם צו אַ שטרענגען בליק): דו ווייסט, הייסט עס, — די געשיכטע מיט דעם אנדערן?

ערהארד: יאָ, מוטער, כ'ווייס די געשיכטע פון אָנפאַנג ביז צו ענד.

מאדאם באַרקמאַן: און דאָך זאָגסטו, אז עס געהט דיך גאָרנישט אָן!

ערהארד (מיט אַ העזה׳דיגען טאָן): אַלעס וואָס איך קען דיר זאָגען איז, אז איך וויל זיין גליקליך! איך בין יונג! איך וויל לעבען, לעבען, לעבען!

מאדאם באַרקמאַן: יאָ, דו ביסט יונג, ערהארד. צו יונג פאר אזוינע זאכען.

מאדאם ווילטאַן (פעסט און ערנסט): גלויבט מיר, מאדאם באַרקמאַן, אז איך האָב איהם געזאָגט געטרוי דיזעלבע ווערטער וואָס איהר. אַלע מיינע לעבענס־פערהעלטניסען האָב איך איהם אָפען ערקלערט. כ׳האָב איהם געהאלטען אין איין דער־מאָנען, אז איך בין מיט גאנצע זיבען יאָהר עלטער ווי ער —

ערהארד (שלאָגט איהר איבער די רייד): אָך דומהייטען, פעני, — דאָס אַלעס האָב איך דאָך פריהער געוואוסט.

מאדאם ווילטאַן: — אָבער ס׳האָט גאָרנישט, גאָר־נישט געהאָלפען.

מאדאם באַרקמאַן: אזוי? ווירקליך ניט? פארוואָס האָט איהר איהם גאָר איינפאך ניט אָבגעזאָגט? פארוואָס האָט איהר ניט פערמאכט אייער הויז פאר איהם? זעהט איהר, אָט דאָס האָט איהר בעצייטענס געדאַרפט טהאָן!

מאדאם ווילטאַן (קוקט זי אָן און זאָגט מיט אַ נידע־ריגער שטימע): דאָס האָב איך איינפאך ניט געקענט טהאָן, מא־דאם באַרקמאַן.

מאדאם באַרקמאַן: פארוואָס האָט איהר דאָס ניט געקענט?

מאדאם ווילטאַן: ווייל אויך איך האָב בלויז אין אָט דעם איינעם, אין דעם איינציגען, געפונען דאָס גליק.

מאדאם באַרקמאַן (מיט פעראַכטונג): הם, — דאָס גליק, דאָס גליק —

מאדאם ווילטאַן: כ׳האָב פריהער קיינמאָל ניט גע־וואוסט, וואָס עס הייסט גליקליך זיין אין לעבען. און איך קען דאָך

ניט אוועקשטויסען דאָס גליק מיט דער האַנד, בלויז דערפאַר וואָס עס קומט אַזוי שפּעט.

מאַדאַם באָרקמאַן: און ווי לאַנג, מיינט איהר, וועט דאָס גליק געדויערן?

ערהאַרד (האַקט איבער): צו קורץ, צי לאַנג, מוטער, — דאָס איז אַלץ איינס!

מאַדאַם באָרקמאַן (צאָרענדיג): פערבלענדעטער מענש וואָס דו ביסט! דו זעהסט דען ניט, וואוהין דאָס אַלעס פיהרט?

ערהאַרד: איך וויל גאָר ניט קוקען אין די צוקונפט. כ'וויל זיך אין ערגעץ ניט אומקוקען! איך וויל בלויז אויך קענען לעבען אַמאָל!

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט אַ טיעפען שמערץ): און דאָס רופסטו לעבען, ערהאַרד!

ערהאַרד: יאָ, זעהסטו דען ניט, ווי שעהן זי איז!

מאַדאַם באָרקמאַן (פערברעכט די הענד): און אָט די שווערע, ערדריקענדע שאַנדע מוז איך נאָך אויך אריבערטראָגען!

באָרקמאַן (אין הינטערגרונד, האַרט און שניידענדיג): נאַ, נאַ, — דו ביסט דאָך געוואוינט דערצו, אריבערצוטראָגען אַזעל־כע זאַכען, גונהילד!

עללאַ רענטהיים (מיט אַ בעטענדען טאָן): באָרק־מאַן —!

ערהאַרד (דאָסזעלבע): פאָטער —!

מאַדאַם באָרקמאַן: איך זאָל טאָג־טעגליך מוזען צו־זעהן מיט מיינע אויגען, ווי מיין אייגענער זוהן איז פעראייניגט מיט אַ — אַ —

ערהאַרד (שלאָגט איהר איבער די רייד, מיט אַ האַרטען טאָן): דו וועסט גאָרנישט מוזען צוזעהן, מוטער! האָב קיין מורא ניט דערפאַר! איך בלייב ניט לאַנג דאָ.

מאַדאַם ווילטאָן (שנעל און ענטשלאָסען): מיר פאָה־רען אוועק, מאַדאַם באָרקמאַן.

מאדאם בארקמאן (ווערט בלייך): איהר פאָהרט איך אוועק! צוזאמען?

מאדאם ווילטאָן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): איך פאָהר אין אויסלאנד. צוזאמען מיט א יונג מיידעל. און ערהארד פאָהרט מיט אונז.

מאדאם בארקמאן: מיט אייך — און מיט א יונג מיידעל?

מאדאם ווילטאָן: יאָ. ס'איז די קליינע פרידא פאָל־דאַל, וועמען איך האָב גענומען צו מיר אין הויז. איך וויל זי זאָל פאָהרען אין אויסלאנד, שטודירען מוזיק.

מאדאם בארקמאן: און איהר נעהמט זי מיט מיט זיך?

מאדאם ווילטאָן: יאָ, כ'קען דאָך זי ניט ארויסשי־קען איינע אליין אויף דער וועלט.

מאדאם בארקמאן (אונטערדריקט א שמייכעל): וואָס זאָגסטו פאָרט דערצו, ערהארד?

ערהארד (אביסעל צוטומעלט, ציהט מיט די אַקסלען): יאָ, מוטער, — ווען פעני וויל ניט אנדערש, דאן —

מאדאם בארקמאן (קאַלט): ווען פאָהרען די „הער־רען און דאמען" אָב, אויב דאָס איז מעגליך צו וויסען?

מאדאם ווילטאָן: מיר פאָהרען גליך, נאָך היינט ביינאכט. מיין שליטען שטעהט געשפּאנט אונטען אויף'ן וועג — לעבען הינקעל'ס ווילא.

מאדאם בארקמאן (קוקט זי אָן פון אויבען ביז אראָב): אהא, — דאָס איז אלזאָ געווען די אָבענד־געזעלשאפט!

מאדאם ווילטאָן (מיט א שמייכעל): יאָ, מעהר ווי ערהארד און איך איז קיינער ניט געקומען. און דאן די קליינע פרידא, נאטירליך.

מאדאם בארקמאן: און וואו איז זי איצט?

מאדאם ווילטאָן: זי ווארט אויף אונז אין דעם שליטען.

ע ר ה א ר ד (אין פּיינליכער פערלעגענהייט): מוטער, — דו פערשטעהסט דאָך געווים —? כ'האָב דיר געוואָלט פערשפּאָרען אָט די גאַנצע סצענע — דיר און אַלע אַנדערע —

מ אַ ד אַ ם ב אַ ר ק מ אַ ן (קוקט איהם אָן טיעף געקריינקט): דו האָסט געוואָלט אוועקפאָהרען שטילערהייט? מיר גאָר ניט זאָגען קיין זיי־געזונד?

ע ר ה א ר ד: יאָ, כ'האָב גערעכענט, אַז אַזוי וועט זיין בעסער. בעסער פאַר אונז אַלעמען. אַלעס איז געווען פיקס און פאַרטיג. די זאַכען זיינען געווען פערפּאַקט. נאָר אַז דו האָסט דערנאָך געשיקט נאָך מיר, דאַן — (שטרעקט אויס די האַנד צו איהר). אַלזאָ, זיי געזונד, מוטער.

מ אַ ד אַ ם ב אַ ר ק מ אַ ן (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד, איהם אָבשטויסענדיג): ריהר מיך נישט אָן!

ע ר ה א ר ד (מילד): איז דאָס דיין לעצט וואָרט?

מ אַ ד אַ ם ב אַ ר ק מ אַ ן (האַרט): יאָ.

ע ר ה א ר ד (ווענדעט זיך צו עלאַ'ן): זיי געזונד, מוהמע עלאַ.

ע ל ל אַ ר ע נ ט ה י י ם (דריקט איהם די האַנד): פאָהר געזונד, ערהארד! און גענים דיין לעבען, — און זיי אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך, — ווי דו קענסט נור!

ע ר ה א ר ד: איך דאַנק דיר, מוהמע. (פערנייגט זיך פאַר באַרקמאַן). זיי געזונד, פאָטער. (שטילערהייט צו מאַדאַם ווילטאָן). לאָמיר אַוועקגעהן פון דאַנען, וואָס גיכער אַלץ בעסער.

מ אַ ד אַ ם ו ו י ל ט אָ ן (שטילערהייט): יאָ, לאָמיר געהן.

מ אַ ד אַ ם ב אַ ר ק מ אַ ן (מיט אַ רשעות'דיגען שמייכעל): מאַדאַם ווילטאָן, דענקט איהר, אַז ס'איז גוט פון אייער זייט, וואָס איהר נעהמט מיט אָט דאָס יונגע מיידעל מיט אייך?

מ אַ ד אַ ם ו ו י ל ט אָ ן (ענטפערט אָב מיט אַ שמייכעל, האַלב איראָניש, האַלב ערנסט): די מענער זיינען אַזוי אונבעשטענדיג, מאַדאַם באַרקמאַן. און די פרויען אויך. אַז ערהארד וועט זיין פאַרטיג מיט מ י ר, — און א י ך מיט א י ה ם, — דאַן וועט

זיין גוט פאר אונז ביידען, ווען דער אָרעמער מענש וועט האָבען אימיצען אונטער דער האנד.

מאדאם באָרקמאן: אָבער איהר אליין?

מאדאם ווילטאָן: אָה, איך וועל זיך שוין אן עצה געבען, דאָס פערשטעהט איהר דאָך אליין. זייט מיר אלע געזונד!

זי פערנייגט זיך און געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר. ערהארד בלייבט שטעהן אַ רגע, אזוי ווי ער וואָלט ניט וויסען, וואָס צו טהאָן; דערנאָך לאָזט ער זיך געהן נאָך איהר.

מאדאם באָרקמאן (לאָזט אַראָב די צונויפגעלעגטע הענד): קינדערלאָז.

באָרקמאן (ערוואַכט צו אַ בעשלוס): אלזאָ גוט! אליין ארויס אין שטורם! מיין הוט! מיין מאנטעל!

ער געהט שנעל צו צו דער טיר.

עללא רענטהיים (אַ דערשראָקענע, פערשטעלט איהם דעם וועג): יאָהאַן גאַבריעל, וואו לאָזטו זיך געהן?

באָרקמאן: ארויס אין דעם שטורם פון לעבען, זאָג איך דיר. לאָז מיך, עללא!

עללא רענטהיים (האַלט איהם פעסט צו): ניין, ניין, כ׳וועל דיך ניט ארויסלאָזען! דו ביסט קראנק. כ׳קען עס זעהן אויף דיין פּנים!

באָרקמאן: לאָז מיך געהן, זאָג איך דיר!

ער רייסט זיך אויס און געהט ארויס דורך׳ן קאָרידאָר.

עללא רענטהיים (אין דער טיר): העלף מיר איהם אָבהאַלטען פון געהן, גונהילד!

מאדאם באָרקמאן (שטעהט אין מיטען צימער, מיט אַ קאַלטער און האַרטער מיענע): איך האַלט קיינעם ניט אָב, קיין מענשען אויף דער גאנצער וועלט. זיי קענען אוועקגעהן פון מיר, אלע אינאיינעם. איינער ווי דער אנדערער! אזוי וויים, — ווייט אוועק, ווי זיי ווילען נור. (פּלוצלונג מיט אַ מורא׳דיגען געשריי): ערהארד, געה ניט אוועק פון מיר!

זי טהוט זיך אַ וואָרף מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס צו דער טיר.

פיערטער אקט.

אן אפענער הויף־פלאץ לעבען דער הויפט־געביידע רעכטס. עס זעהט זיך א ווינקעל פון הויז מיט א טיר, צו וועלכער עס פיהרען ארויף עטליכע נידעריגע שטיינערנע טרעפ. אין הינטערגרונד, הארט ביים הויף, משופע'דיגע פלעצער, בעוואקסען מיט טאנענ־בוימער. לינקס קליינע, שיטערע בוימער, וואס בילדען דעם ראנד פון א וואלד. דער שנעע־שטורם האט אויפגעהערט, נאר דער פריש־געפאלענער שנעע האט בעצויגען די ערד מיט א הויכער דעק. די צווייגען פון די טאנען־בוי־מער זיינען אויך שווער בעלאדען מיט שנעע. א דונקעלע נאכט. די וואלקען טרייבען אהין און אהער. ווען ניט ווען בעווייזט זיך די לבנה אונדייטליך און מיט א שוואכען שיין. בלויז דער שנעע ווארפט א מאטען אבשיין אויף דער סביבה.

בארקמאן, מאדאם בארקמאן און עללא רענטהיים שטעהען אויף די טרעפ. בארקמאן זעהט אויס מיעד און שפארט זיך אן דער וואנד פון הויז. ער טראגט אן אלט־מאדישען מאנטעל, אריבערגעווארפען אי־בער די שולטערן; אין איין האנד האלט ער א ווייכען, גראען פילצער־נעם הוט און אין דער אנדערער א דיקען סוקוואטען שטעקען. עללא רענטהיים טראגט איהר מאנטעל אויף'ן ארם. ביי מאדאם בארקמאן האט זיך דער גרויסער שאל אראבגעגליטשט איבער'ן נאקען, אזוי אז איהרע האר זיינען אבגעדעקט.

עללא רענטהיים (האט זיך געשטעלט מאדאם בארקמאן אין וועג): געהע איהם ניט נאך, גונהילד!

מאדאם בארקמאן (אין שרעק און אויפרעגונג): לאז מיך דורך, זאג איך! ער טאר ניט אוועקגעהן פון מיר!

עללא רענטהיים: ס'איז אין גאנצען אומזיסט דיין

לויפען, זאָג איך דיר! דו וועסט דאָך איהם ניט אָניאָגען.

מאדאם באָרקמאן: לאָז מיך, עללא! כ'וויל עס דאָך פּרובירען. איך וועל איהם רופען, איהם נאָכשרייען, דעם גאַנצען וועג אראָב. און דעם געשריי פון זיין מוטער מוז ער דאָך דער־הערען.

עללא רענטהיים: ער קען דיך ניט הערען. ער זיצט שוין אודאי אינעווענינ אין שליטען —

מאדאם באָרקמאן: ניין, ניין, — ער קען נאָך ניט זיצען אין שליטען!

עללא רענטהיים: ער זיצט שוין לאַנג אין שליטען, קענסט זיך פערלאָזען דערויף.

מאדאם באָרקמאן (אין פערצווייפלונג): אויב ער זיצט אין שליטען, — דאן זיצט ער דאָרט מיט איהר, מיט איהר, — איהר!

באָרקמאן (מיט א פינסטערן געלעכטער): און דאן וועט ער אודאי ניט הערען זיין מוטער'ס געשריי.

מאדאם באָרקמאן: ניין, — דאן וועט ער איהם ניט הערען. (האָרכט זיך איין). שטיל! וואָס איז דאָס?

עללא רענטהיים (הערט זיך אויך צו): עס קלינגט ווי שליטען־גלעקלאך.

מאדאם באָרקמאן (מיט א האַלב פערדריקטען אויס־רוף): ס'איז איהר שליטען!

עללא רענטהיים: אָדער פיליייכט אן אנדערער. —

מאדאם באָרקמאן: ניין, ניין, ס'איז מאדאם וויל־טאָן'ס שליטען. איך דערקען די זילבערנע גלעקלאך! דו הערסט? איצט פאָהרען זיי פערביי — האַרט ביים פוס פון'ם בערגעל אונטען!

עללא רענטהיים (שנעל): גונהילד, אויב דו ווילסט איהם נאָכשרייען, דאן טהו עס איצט, גלייך אויפ'ן שטעל! אפשר וועט ער דאָך — !

דאָס גערויש פון די גלעקלאַך קלינגט אָב גאַנץ נאָהענט.

עללא רענטהיים: שנעל, גונהילד! איצט זיינען זיי אקוראט אונטער אונז!

מאדאם באָרקמאַן (שטעהט אַ ווײַלע אונענטשלאָסען, דערנאָך ווערט זי ווי פערגליווערט און פון דאָס ניי האַרט און קאַלט): ניין. איך וועל איהם ניט נאָכשרייען. ערהאַרד באָרקמאַן מעג פער־בייפאָהרען פערביי מיר. ווייט, ווייט ארויס צו דעם, וואָס ער רופט איצט דאָס גליק און דאָס לעבען.

דער קלאַנג פערלירט זיך אין דער ווייטענס.

עללא רענטהיים (נאָך אַ פּויזע): איצט הערט מען שוין די גלעקלאך ניט מעהר.

מאדאם באָרקמאַן: מיר האָבען זיי געקלונגען ווי גלאָקען וואָס רופען צו א בעגרעבעניש.

באָרקמאַן (מיט אַ טרוקענעם, האַלב פערדריקטען געלעכ־טער): האָהאָ, — פאר מיר קלינגען זיי נאָך ניט ווי צו א בעגרע־בעניש.

מאדאם באָרקמאַן: ניין, אָבער פאר מיר. און פאר איהם, וואָס איז אוועק פון מיר.

עללא רענטהיים (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געדאַנקען־פול): ווער וויים, גונהילד! ס'קען זיין, אז די גלעקלאך קלינגען גראָד אוים דאָס גליק און דאָס לעבען פאר איהם.

מאדאם באָרקמאַן (ציטערט אויף און קוקט זי אָן מיט אַ שטרייננגען בליק): דאָס גליק און דאָס לעבען, זאָגסט דו!

עללע רענטהיים: אויף א קליינע ווײַלע, ווענינ־סטענס.

מאדאם באָרקמאַן: פערגינסטו איהם דאָס גליק און דאָס לעבען, — צוזאמען מיט איהר?

עללא רענטהיים (וואַרם און געפיהלפול): יאָ, פון גאַנצען הארצען און פון דער גאַנצער זעעלע פערגין איך דאָס איהם!

מאדאם באָרקמאַן (קאַלט): דאַן מוזטו זיין רייכער פון מיר אין ליעבעס־קראַפט.

עללא רענטהיים (קוקט פאַר זיך אַזוי ווי אין דער ווײַטענס): ס'איז פיליכט דער מאנגעל אין ליעבע, וואָס האלט אויף אָט די קראפט.

מאדאם באָרקמאַן (גיט אַ קוק אויף איהר): אויב אזוי, — וועל איך מן הסתם באלד זיין פונקט אזוי רייך ווי דו, עללא.

זי דרעהט זיך אום און געהט אַריין אין הויז.

עללא רענטהיים (שטעהט אַ ווײַלע און קוקט אויף באָרקמאַן'ן מיט אַ פערזאָרגטער מיענע; דערנאָך לעגט זי פאָרזיכטיג ארויף די האנד אויף זיין אַקסעל): קום, יאָהאַן, — דו מוזט איצט אויך אריינגעהן.

באָרקמאַן (אזוי ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף): איך?

עללא רענטהיים: יאָ. דו קענסט ניט פערטראָגען די שארפע ווינטער־לופט. דאָס ווייס איך גאנץ בעשטימט, יאָהאַן. קום, לאָמיר אריינגעהן אינעוויינינג. אונטער'ן דאך, וואו ס'איז ווארם.

באָרקמאַן (בייז): ארויף אין זאאל אפשר?

עללא רענטהיים: ניין, ליעבערשט אין שטוב אריין, צו איהר.

באָרקמאַן (מיט אַ וואַקסענדען כעס): מיין לעבענס־טאָג וועל איך מעהר ניט אריינטרעטען אין דעם הויז!

עללא רענטהיים: אָבער וואוהין ווילסטו פאָרט געהן? אזוי שפעט אין דער נאכט, יאָהאַן?

באָרקמאַן (טהוט אָן דעם הוט): פריהער פון אלצדינג וויל איך ארויסגעהן און א קוק טהאָן אויף אלע מיינע בעגראָבענע אוצרות.

עללא רענטהיים (קוקט איהם אָן מיט שרעק): יאָהאַן, — כ'פערשטעה דיך ניט!

באָרקמאַן (מיט אַ הוסטענדען געלעכטער): אָה, דאָס זיינען ניט קיין בעהאלטענע גע'גנב'עטע זאכען. האָב קיין מורא ניט

דערפאר, עללא. (בלייבט שטיל און ווייזט אָן מיט דער האַנד אויף דרויסען). קוק נאָר אָן דעם דאָ! ווער איז דאָס?

ווילהעלם פּאַלדאַל בעווייזט זיך ביים עק פון הויז. ער טראָגט אָן אַלטען, פערשנייטען אויבער־ראָק, דעם ראַנד פון זיין הוט אָראָבגעבויגען און אין דער האַנד האַלט ער אַ רעגענשירם. ער בראָ־דזשעט אין שנעע און ס'איז קענטיג, אַז ער הינקט אויף'ן לינקען פוס.

באַרקמאַן: ווילהעלם! וואָס ווילסטו מיט אמאָל וויע־דער ביי מיר?

פּאַלדאַל (הויבט אויף די אויגען צו באַרקמאַן'ן): זעה נאָר, — דו שטעהסט גאָר דרויסען אויף די טרעפּ, יאָהאַן גאַב־ריעל? (פערנייגט זיך). און דיין פרוי אויך, ווי איך זעה!

באַרקמאַן (קורץ): ס'איז ניט מיין פרוי.

פּאַלדאַל: אָך, איך בעט אום ענטשולדיגונג. כ'האָב פער־לאָרען מיינע ברילען אין שנעע, פערשטעהסטו מיך. — אָבער ווי קומט עס, וואָס דו, וועלכער געהט קיינמאָל ניט אריבער די שוועל —?

באַרקמאַן: ס'איז שוין לאַנג צייט, איך זאָל ארויסגעהן צוריק אויף דער פרייער לופט, פערשטעהסטו. כמעט דריי יאָהר אין אונטערזוכונגס־ארעסט, פינף יאָהר אין געפענגניס־קעמערל, אכט יאָהר אין זאַאל אויבען —

עללא רענטהיים (פערזאָרגט): באַרקמאַן, — איך בעט דיך —!

פּאַלדאַל: אָך יאָ, יאָ —

באַרקמאַן: אָבער וואָס איך האָב דיר געוואָלט פרעגען איז, וואָס ווילסטו פון מיר?

פּאַלדאַל (וועלכער איז געבליבען שטעהן אונטען ביי די טרעפּ): כ'האָב געוואָלט ארויפגעהן צו דיר, יאָהאַן גאַבריעל. כ'האָב געפיהלט, אז איך מוז ארויפגעהן צו דיר, אין זאַאל אריין. אָך גאָט, —דער זאַאל!

באַרקמאַן: דו האָסט געוואָלט ארויפגעהן צו מיר, נאָכ־דעם ווי איך האָב דיר געוויזען די טיר?

פּאָלדאַל: אַך, דאָס איז דאָך גאָרנישט!

באָרקמאַן: וואָס איז געשעהן מיט דיין פּוס? דו הינקסט, ווי איך זעה?

פּאָלדאַל: יאָ, ווי געפעלט עס דיר? — איך בין איבער־געפאָהרען געוואָרען.

עללא רענטהיים: איבערגעפאָהרען!

פּאָלדאַל: יאָ, פון א שליטען —

באָרקמאַן: אַהאָ!

פּאָלדאַל: מיט צוויי פערד. זיי זיינען אָנגעקומען פון׳ם בערגעל אראָב מיט א מורא׳דיגען גאַלאָפּ. איך האָב קיין צייט ניט געהאט זיי אויסצומיידען, און —

עללא רענטהיים: — און מען האָט אייך איבערגע־פאָהרען?

פּאָלדאַל: זיי זיינען ארויף גלייך אויף מיר, גנעדיגע פרוי — אָדער פריילין. גלייך אויף מיר זיינען זיי ארויף, אזוי אז איך בין אנידערגעפאלען אין שנעע און האָב פערלאָרען מיינע ברילען און דער רעגענשירם האָט זיך מיר צובראָכען. (רייבט זיך דעם קנע־כיל). און דער פוס איז אויך אביסעל געשעדיגט געוואָרען.

באָרקמאַן (לאכט אריין אין זיך): דו ווייסט, ווער ס׳איז געזעסען אין שליטען, ווילהעלם?

פּאָלדאַל: ניין, ווי האָב איך עס דען געקענט זעהן? ס׳איז דאָך געווען א צוגעדעקטער שליטען, און די פאָרהאַנגען זיי־נען געווען ארונטערגעלאָזט. און דער קוטשער האָט זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט אויף א רגע, ווען איך האָב זיך אזוי ארומגעקאַ־טשעט אין שנעע. — אָבער דאָס מאכט גאָרנישט אויס, וואָרים — (פּלאַצט אַרויס). אַך, מיר איז עפּעס אזוי פרעהליך אויף׳ן הארצען, ווייסט דו!

באָרקמאַן: פרעהליך?

פּאָלדאַל: יאָ, כ׳ווייס ניט אויף ריכטיג, ווי איך זאָל עס אָנרופען. נאָר פרעהליך, מיין איך, איז דאָס בעסטע וואָרט דערצו. וואָרים א גאַנץ מערקווירדיגע זאַך האָט פּאסירט! און

דערום האָב איך זיך נ י ט ג ע ק ע נ ט העלפען, — כ'האָב ג ע־מ ו ז ט קומען אהער און טהיילען די פרייד מיט דיר, יאָהאַן גאַבריעל.

ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ שטרייננגען טאָן): נא, טאָ טהייל די פרייד!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: אָבער פריהער געה אריין מיט דיין פריינד אין הויז, באָרקמאַן.

ב אָ ר ק מ א ן (האַרט): איך וויל ניט אריינגעהן אין הויז, האָב איך שוין איינמאָל געזאָגט.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: דו הערסט דאָך אָבער, אז ער איז איבערגעפאָהרען געוואָרען.

ב אָ ר ק מ א ן: נאָ, זעהסט דו, — איבערגעפאָהרען ווערן מיר א ל ע — איין מאָל אין לעבען. די זאַך איז אָבער, וואָס מען מוז צוריק אויפשטעהן. און זיך ניט וויסענדיג מאַכען, אקוראט ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשעהן.

פ אָ ל ד א ל: דאָס איז א טיעפזיניג וואָרט, יאָהאַן גאַבריעל. אָבער איך קען עס אויך גאַנץ גוט דערצעהלען דאָ אויף דרויסען, בקיצור, הייסט עס.

ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ מילדען טאָן): יאָ, זיי אזוי גוט, וויל־העלם.

פ אָ ל ד א ל: איצט הער זיך צו. שטעל זיך פאָר — ווען איך בין פריהער אהיים געקומען פון דיר, — געפין איך א בריעף. — טרעף, פון וועמען דאָס איז געווען?

ב אָ ר ק מ א ן: פון דיין קליינער פרידא, פיליינט?

פ אָ ל ד א ל: ריכטיג! ווי דו האָסט עס אָבער גלייך גע־טראָפען! יאָ, ס'איז געווען א לאַנגער — א גאַנץ לאַנגער בריעף פון פרידא'ן. א משרת איז עקסטרא געקומען און האָט איהם גע־בראַכט. און ווייסטו, וואָרום זי שרייבט?

ב אָ ר ק מ א ן: מעגליך כדי זיך צו געזעגענען מיט די עלטערן.

פ אָ ל ד א ל: פונקט אויף א האָר! מערקווירדיג, ווי גוט

דו קענסט טרעפען, יאָהאַן גאַבריעל! יאָ, זי שרייבט, אז מאַדאַם ווילטאָן נעהמט א גרויסען אינטערעס אין איהר. און איצט האָט די דאַמע בעשלאָסען צו פאָהרען מיט איהר אין אויסלאַנד. כּדי זי זאָל קענען שטודירען מוזיק, שרייבט זי. און די מאַדאַם ווילטאָן האָט אויך בעשטעלט א גוטען לעהרער, וועלכער פאָהרט מיט מיט זיי. כּדי צו לערנען מיט פרידא'ן. וואָרים די ערציהונג איהרע איז דאָך ליידער טהיילווייז אביסעל פערנאַכלעסיגט געוואָרען, פערשטעהסטו.

באָרקמאַן (לאַכט שטאַרק אין זיך, אַזוי אַז ער טרייסעלט זיך פון געלעכטער): יאָ, יאָ. איך פערשטעה אַלעס אויסגעצייכענט גוט, ווילהעלם.

פאָלדאל (דערצעהלט ווייטער מיט חשק): און שטעל זיך פאָר, זי האָט זיך ערשט היינט אָבענד דערוואוסט וועגען דער רייזע. אויף דעם אונטערהאַלט, דו ווייסט דאָך שוין, נאַ! און זי האָט פונדעסטוועגען געפונען א געלעגענהייט צו שרייבען. און אַזוי וואַרם, ווי דער בריעף איז געשריבען, און שעהן און האַרציג, זאָג איך דיר. ניטאָ קיין שפּור מעהר פון פעראַכטונג צו איהר פאָטער. און דערצו נאָך דער איידעלער, פיינפיהליגער צוג, ווייסט דו, וואָס זי האָט זיך געוואָלט זעגענען מיט אונז שריפטליך. (לאַכט). אָבער דערפון וועט, פערשטעהט זיך, גאָרנישט זיין.

באָרקמאַן (קוקט איהם אָן מיט אַ פרעגענדען בליק): וואָס הייסט?

פאָלדאל: זי שרייבט, אז זי פאָהרט אָב מאָרגען אין דער פריה. גאַנץ פריה.

באָרקמאַן: אַזוי גאָר — מאָרגען? שרייבט זי דאָס?

פאָלדאל (לאַכט און רייבט זיך די הענד): יאָ, נו בין איך אָבער א כיטרער, פערשטעהסטו מיך! איצט געה איך גלייך אריבער צו מאַדאַם ווילטאָן —

באָרקמאַן: איצט ביינאַכט?

פאָלדאל: נאַ, זעהסט דו, אזוי שפּעט איז עס נאָך ניט. און טאָמער איז די הויז־טיר שוין צוגעמאַכט, וועל איך אָנקלינגען.

גאָר אָהן צערעמאָניעס. וואָרים איך וויל און מוז זעהן פרידא׳ן, איידער זי פאָהרט אוועק. אלזאָ, גוטע נאכט, גוטע נאכט!

ער לאָזט זיך געהן.

באָרקמאן: הער אקאָרשט, מיין אָרעמער ווילהעלם, — דו קענסט זיך איינשפּאָרען דעם שווערען שטיק וועג.

פאָלדאל: אך, דו דענקסט וועגען דעם פוס דאָ —

באָרקמאן: יאָ, און אויסער דעם וועסטו איצט סיי ווי סיי ניט קענען אריינקומען צו מאַדאם ווילטאָן אין הויז.

פאָלדאל: אך, איך וועל שוין קענען. כ׳וועל קלינגען און קלינגען אזוי לאנג, ביז אימיצער וועט ארויסקומען און מיר עפּע־נען. וואָרים איך וויל און מוז זעהן פרידא׳ן.

עללא רענטהיים: אייער טאָכטער איז שוין אוועקגע־פאָהרען, הערר פאָלדאל.

פאָלדאל (שטעהט ווי אַ דונער וואָלט איהם געטראָפען): פרידא איז שוין אוועקגעפאָהרען? ווייסט איהר עס זיכער? ווער האָט עס אייך געזאָגט?

באָרקמאן: איהר צוקינפטיגער לעהרער האָט עס אונז געזאָגט.

פאָלדאל: ווירקליך? און ווער איז ער?

באָרקמאן: אַ געוויסער סטודענט ערהארד באָרקמאן.

פאָלדאל (בעשטראַהלט פון פרייד): דיין זוהן, יאָהאַן גאַבריעל! פאָהרט ער מיט מיט זיי?

באָרקמאן: יאָ; ער וועט דאָס בעהילפיג זיין דער מאַ־דאם ווילטאָן, אויסצובילדען דיין קליינע פרידא.

פאָלדאל: נאָ, געלויבט און געדאנקט איז גאָט דערפאַר! דאַן איז דאָס קינד דאָך אין די בעסטע הענד. אָבער ווייסט איהר דאָס גאנץ געוויס, אז זיי זיינען שוין אוועקגעפאָהרען מיט איהר?

באָרקמאן: זיי זיינען אוועקגעפאָהרען מיט איהר אין דעם שליטען, וואָס האָט דיך אויף דער גאס איבערגעפאָהרען.

פאָלדאל (טהוט אַ פּאַטש מיט די הענד): גאָט, אין אָט דעם גרויסארטיגען שליטען איז מיין קליינע פרידא געזעסען!

באָרקמאן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): יאָ, יאָ, ווילהעלם, — דיין טאָכטער האָט זיך ווייך אויסגעבעט. און דער הערר סטו־דענט באָרקמאן אויך. — נא, — האָסטו אויך בעמערקט די זיל־בערנע גלעקלאך?

פאָלדאל: יאָ, געוויס. — זילבערנע גלעקלאך, זאָגסטו? זיינען דאָס זילבערנע גלעקלאך? ווירקליך עכטע זילבערנע גלעקלאך?

באָרקמאן: קענסט זיך פערלאָזען דערויף. דאָרט איז אלעם געוועזן עכט. פון דרויסען און — פון אינעווייניג.

פאָלדאל (שטיל געריהרט): ס'איז דאָך מערקווירדיג, ווי דאָס גליק דרעהט זיך אמאָל איבער פאר א מענשען! אָט האָט זיך מיין — מיין ביסעלע דיכטער־קונסט פערוואנדעלט ביי פרי־דא'ן אין מוזיק. בין איך, הייסט עס, דאָך ניט אומזיסט געוועזן א דיכטער. וואָרים איצט פאָהרט זי ארויס אין די גרויסע, ווייטע וועלט, וואוהין ס'האָט מיך אמאָל אזוי שטארק געצויגען. אין א צוגעדעקטען שליטען פאָהרט די קליינע פרידא ארויס. און דערצו נאָך מיט זילבערנע גלעקלאך —

באָרקמאן: — און פאָהרט אריבער דעם פאָטער איה־רען —

פאָלדאל (פרעהליך): ווייס איך וואָס! פאר מיר אָרט מיך גאָרנישט, — אבי דאָס קינד —. נא, כ'בין אלזאָ דאָך גע־קומען צו שפּעט. און איצט וועל איך געהן צוריק אהיים און בע־רוהיגען איהר מוטער, וועלכע זיצט אין קיך און וויינט.

באָרקמאן: זי וויינט?

פאָלדאל (מיט א שמייכעל): יאָ, וועסט עס גלויבען? — זי האָט זיך אויסגעוויינט די אויגען, ווען איך בין אוועק פון דערהיים.

באָרקמאן: און דו לאכסט, ווילהעלם.

פאָלדאל: איך, געוויס לאך איך. אבער זי, די גוטע נשמה, זי פערשטעהט ניט בעסער. נו, אדיע. ס'איז נאָך גוט,

וואָס דער טראַמוויי איז אזוי נאָהענט. אדיע, יאָהאַן גאַבריעל! אדיע, גנעדיגעס פרייליין!

ער פערנייגט זיך און געהט אַוועק הינקענדיג אין דערזעלבער ריכטונג, פון וואַנען ער איז געקומען.

באָרקמאַן (שטעהט אַ ווײַלע שטיל, קוקענדיג פאַר זיך): אדיע, ווילהעלם! ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל אין לעבען, וואָס דו ביסט איבערגעפאָהרען געוואָרען, אַלטער פריינד.

עללא רענטהיים (קוקט אויף איהם מיט אַן אונטער־דריקטען שרעק): דו ביסט אזוי בלייך, אזוי בלייך, יאָהאַן —

באָרקמאַן: דאָס קומט פון דער געפענגניס־לופט דאָרט אויבען.

עללא רענטהיים: אזוי האָב איך דיך קיינמאָל פריהער ניט געזעהן.

באָרקמאַן: דו האָסט דאָך פריהער קיינמאָל קיין אנט־לאָפענעם ארעסטאַנט ניט געזעהן.

עללא רענטהיים: אָך, קום, לאָמיר איצט אריינגעהן אין הויז, יאָהאַן!

באָרקמאַן: אומזיסט דיין רופען. כ'האָב דיר דאָך געזאָגט —

עללא רענטהיים: אָבער ווען איך בעט ביי דיר אזוי שטאַרק? פון דיין אייגענער טובה וועגען —

דאָס דיענסטמיידעל בעווייזט זיך ביי דער שוועל פון הויז.

דאָס דיענסטמיידעל: ענטשולדיגט; די גנעדיגע פרוי האָט געזאָגט, איך זאָל צושפּאַרען די הויז־טיר.

באָרקמאַן (שטיל צו עללאַ'ן): דו הערסט, זיי ווילען מיך ווידער איינשפּאַרען!

עללא רענטהיים (צום דיענסטמיידעל): דער הערר דירעקטאָר איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. ער וויל נאָך שעפּען אבי־סעל פרישע לופט.

דאָס דיענסטמיידעל: אָבער די גנעדיגע פרוי האָט אליין געזאָגט, אז —

עללא רענטהיים: איך וועל שוין צומאכען די טיר. לאזט דערווייל שטעקען דעם שליסעל אין שלאָס —

דאָס דיענסטמיידעל: פון מיינעטוועגען זאָל זיין אזוי; איך וועל טהאָן ווי איהר הייסט מיר.

זי געהט צוריק אריין אין הויז.

באָרקמאן (שטעהט אַ ווײלע און הערט זיך צו; דערנאָך געהט ער שנעל אַרונטער אין הויף): איצט בין איך אויסערהאלב די וועגד, עללא! איצט וועלען זיי מיך שוין קיינמאָל מעהר ניט אריינקריגען!

עללא רענטהיים (ביי איהם אונטען): אָבער דו ביסט דאָך אינעווייניג אויך אַ פרייער מאן, יאָהאָן. קענסט קומען און געהן ווען און וואו דיין הארץ גלוסט.

באָרקמאן (שטילערהייט, ווי אין שרעק): קיינמאָל ניט צוריק אונטער אַ דאַך! דאָ אויף דרויסען ביינאכט איז אזוי גוט. ווען איך געה איצט צוריק ארויף אין זאאל, — די סטעליע און די וענד וואָלטען זיך צונויפגעשרומפען. וואָלטען מיך צור־דריקט. וואָלטען מיך צוקוועטשט ווי אַ פליעג —

עללא רענטהיים: אָבער וואוהין ווילסט דו דען געהן?

באָרקמאן: נור ווייט אוועק, וואָס ווייטער! איך וויל זעהן, צי איך קען ניט קומען צוריק צו פרייהייט און צום לעבען און צו מענשען. ווילסט דו געהן מיט מיר, עללא?

עללא רענטהיים: איך? איצט?

באָרקמאן: יאָ, — גלייך איצט!

עללא רענטהיים: אָבער ווי ווייט?

באָרקמאן: אזוי ווייט ווי מעגליך.

עללא רענטהיים: אַך, אָבער בעדענק זיך. אין די פייכטע, קאלטע ווינטער־נאכט —

באָרקמאן (זעהר הייזעריג): אָהאָ, — דאָס גנעדיגע פרייליין האָט מורא פאר איהר געזונד? נו יאָ, — זי איז ווירק־ליך ניט איבעריגס שטארק.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם :   פאר ד י י ן געזונד האָב איך מורא.

ב אָ ר ק מ א ן : האהאהא! דאָס געזונד פון א טויטען מאן! כ'מוז לאכען פון דיר, עללא!

ער געהט ווייטער.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם (געהט איהם נאָך, האַלט איהם פעסט צו) : וואָס ביסטו, האָסט דו געזאָגט?

ב אָ ר ק מ א ן : א טויטער מאן, האָב איך געזאָגט. דו געדענקסט שוין ניט, ווי גונהילד האָט געזאָגט, איך זאָל ליעגען רוהיג דאָרט, וואו איך ליעג?

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם (מיט ענטשלאָסענקייט, פערוואָרפט דעם מאַנטעל ארום זיך) : איך געה מיט דיר, יאָהאַן.

ב אָ ר ק מ א ן : יאָ, עללא, מיר ביידע, מיר געהערען דאָך איינער צום אנדערן. (געהט ווייטער). אלזאָ קום!

זיי זיינען ביסלעכווייז אַריבער אין וואַלד לינקס. וואָס ווייטער זעהען זיי זיך אַלץ ווענינער ארויס, ביז זיי ווערען אין גאַנצען פערלאָרען פון דיא אויגען. דאָס הויז און דער הויף־פּלאַץ פערשווינדען. די לאַנדשאַפט, וועלכע בעשטעהט פון משופּע'דיגע פלעצער און בערגלאַך, פערענדערט זיך לאַנגזאַם און ווערט וואָס ווייטער אַלץ ווילדער.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם ' ס   ש ט י מ ע (פון'ם וואַלד רעכטס) : וואו זיינען מיר, יאָהאַן? כ'וויים ניט, וואו איך בין דאָ.

ב אָ ר ק מ א נ ' ס   ש ט י מ ע (ווייטער אויבען) : האַלט זיך נור אָן מיינע פוס־טריט אין שנעע!

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם ' ס   ש ט י מ ע : אָבער נאָך וואָס דארפען מיר דען ארויפגעהן אזוי הויך?

ב אָ ר ק מ א נ ' ס   ש ט י מ ע (נעהענטער) : מיר מוזען ארויפגעהן אויף דעם געדרעהטען וועג.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם ' ס   ש ט י מ ע : אך, איך האָב שוין אָבער באלד קיין כח ניט צו געהן ווייטער.

ב אָ ר ק מ א ן (ביים ראַנד פון וואַלד רעכטס) : קום, קום!

מיר זיינען שוין ניט ווייט פון דער אויסזיכט. אמאָל פלעגט דאָ שטעהן א באנק —

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (בעווייזט זיך צווישען די בוימער): דו געדענקסט זי נאָך?

ב אָ ר ק מ אַ ן: דאָרט וועסט דו זיך קענען אָברוהען.

זיי זיינען ארויסגעקומען אויף אַ הויך־ליגענדען, אָפענעם פלאַ־כען פלאַץ אין וואַלד. הינטער זיי אַ שטאַרק משופּע'דיגער אָבהאַנג פון באַרג. לינקס, טיף אונטען, אַ ברייטע לאַנדשאַפט מיט דעם פיאָרד און הויכע, ווייטע שורות פון בערג, איינע הינטער דער אַנדערער. אויף דעם פלאַכען שטיק לאַנד לינקס אַן אָבגעשטאָרבענע סאָסנע און אונטער איהר אַ באַנק. דער פלאַץ איז בעדעקט מיט שנעע.

באָרקמאַן און נאָך איהם עללאַ רענטהיים קומען אַריין פון רעכטס און בראָדזשען שווער אין שנעע.

ב אָ ר ק מ אַ ן (בלייבט שטעהן ביים ראַנד פון דעם הויכען פלאַץ לינקס): קום אהער, עללא, דו וועסט עפּעס זעהן.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (לעבען איהם): וואָס ווילסט דו מיר ווייזען, יאָהאַן?

ב אָ ר ק מ אַ ן (ציינט מיט דער האַנד ארויס): דו זעהסט, ווי פריי און אָפען דאָס לאַנד ליעגט פאר אונז — ווייט ארויס?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: דאָ אויף דער באנק פלעגען מיר אָפט זיצען פריהער — און פלעגען ארויסקוקען נאָך א סך, א סך ווייטער.

ב אָ ר ק מ אַ ן: אין א טרוים־לאַנד האָבען מיר דאמאָלסט ארויסגעקוקט.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ): יאָ, ס'איז געווען דאָס טרוים־לאַנד פון אונזער לעבען. און איצט איז דאָס לאַנד בעדעקט מיט שנעע. — און דער אלטער בוים איז אָב־געשטאָרבען.

ב אָ ר ק מ אַ ן (זיך ניט צוהערענדיג צו איהר): דו זעהסט דעם רויך, וואָס קומט ארויף פון די גרויסע דאמפף־שיפען, דאָרט אויף'ן פיאָרד?

עללא רענטהיים: ניין.

באַרקמאַן: איך זעה איהם. — זיי קומען און געהען. זיי פערברידערן דאָס לעבען אויף דער גאנצער ערד. זיי פערשאַפען דער זעעלע ליכט און ווארעמקייט אין פיעל טויזענדער היימען. דאָס צו שאפען, — וועגען דעם האָב איך אמאָל געטרוימט.

עללא רענטהיים (רוהיג): און ס'איז געבליבען א טרוים.

באַרקמאַן: יאָ, ס'איז געבליבען א טרוים. (הערט זיך צו). און דאָרט אונטען ביים טייך — הערסט? די פאבריקען אַרבייטען! מיינע פאבריקען! די אלע, וואָס איך וואָלט געשאפען! הער זיך נור צו, ווי זיי געהען. זיי האָבען נאכט־אַרבייט. טאָג און נאכט ארבייטען זיי. הער, הער! די רעדער דרעהען זיך און די וואלצען בליצען — כסדר, אָהן אויפהער, אָהן אויפהער! קענסטו דאָס ניט הערען, עללא?

עללא רענטהיים: ניין.

באַרקמאַן: איך קען עס הערען.

עללא רענטהיים (מיט אנגסט): כ'מיין, דו האָסט א טעות, יאָהאַן.

באַרקמאַן (דערהיצט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר): אָבער אָט די אלע זאכען, הערסטו, — זיינען, אזוי צו זאָגען, די אויסענווערק, די דרויסענדיגע פעסטונגען ארום דער מלוכה!

עללא רענטהיים: ארום דער מלוכה? — וואָס פאר א מלוכה מיינסטו?

באַרקמאַן: מיין מלוכה, פערשטעהט זיך! די מלוכה, וואָס איך האָב שיער ניט ערָאבערט דאמאָלסט, ווען איך — ווען איך בין געשטאָרבען.

עללא רענטהיים (צוטרייסעלט, מיט אַ נידעריגער שטימע): אך יאָהאַן, יאָהאַן!

באַרקמאַן: און אָט ליעגט זי איצט — שוצלאָז, אָהן א בעל הבית, — א הפקר פאר אלע רויבער און פלינדרערער. —

עללא! זעהסטו די שורות בערג דאָרט — אין דער ווייטען? די איינע הינטער דער אנדערער. ווי טהורמעס הויבען זיי זיך אויף אין דער הויך. דאָרט איז מיין טיעפע, אונענדליכע, אונערשעפּליכע מלוכה!

עללא רענטהיים: אך, יאָהאָן, עס בלאָזט אָבער אזא אייז־קאַלטער ווינד פון דער דאָזיגער מלוכה!

באָרקמאן: דער ווינד ווירקט אויף מיר ווי די לעבענס־לופט. ער בלאָזט מיר אנטקעגען ווי א גרוס פון אונטערטהעניגע גייסטער. איך פיהל זיי, די געבונדענע מיליאָנען; כ׳פיהל די מעטאַל־אָדערן, וואָס שטרעקען אוים צו מיר זייערע געדרעהטע, פערצווייגטע, רופענדע אָרעמס. כ׳האָב זיי געזעהן, ווי לעבעדיג געוואָרענע שאָטענס — יענע נאכט, ווען איך בין געשטאַנען אונטען אין דער באנק, מיט דער לאמטערנע אין דער האנד. איך האָב אייך דאמאָלסט געוואָלט בעפרייען! און איך האָב עס געפּרואווט. אָבער איך האָב עס ניט געקענט. דער אוצר איז צוריק ארונטער־געזונקען אין דער טיעפעניש. (מיט אויסגעשטרעקטע הענד). אָבער איך וויל אייך איינרוימען א סוד דאָ, אין דער שטילקייט פון דער נאכט. איך ליעב אייך, ווי איהר ליעגט דאָרט פער׳חליש׳ט אין דער טונקעלער טיעפעניש! איך ליעב אייך, איהר אונגעבוירענע אוצרות, וואָס לעכצט נאָך לעבען און ליכט! איך ליעב אייך מיט אייער גאנצען צוג פון מאכט און הערליכקייט! איך ליעב, ליעב, ליעב אייך!

עללא רענטהיים (אין אונטערדריקטער, אָבער אַלין וואַקסענדער אויפרעגונג): יאָ, דאָרט אונטען איז נאָך אימער דיין ליעבע. שטענדיג איז זי דאָרט געווען. אָבער דאָ אויבען אין׳ם ליכט פון טאָג, — דאָ איז געווען א ווארם, לעבעדיג מענשען־הארץ, וואָס האָט געקלאפּט און געגליהט מיט ליעבע צו דיר. און אָט דאָס הארץ האָסט דו צוטראָטען מיט די פיס. יאָ, נאָך מעהר ווי דאָס. טויזענד מאָל ערגער נאָך! דו האָסט עס פערקויפט פאר — פאר —

באָרקמאן (טהוט אַ ציטער, אַזוי ווי אַ שוידער וואָלט איהם

אריבער איבער'ן ליוב): פאר דער מלוכה — און דער מאכט — און דער הערליכקייט, — מיינסט דו?

עללא רענטהיים: יא, דאס מין איך. כ'האב עס דיר שוין היינט אבענד איין מאל געזאגט. דו האסט געטויט דאס ליעבעס-לעבען אין דער פרוי, וואס האט דיך געליעבט. און ווען דו האסט אויך געליעבט. אזוי ווייט ווי דו האסט איבערהויפט געקענט ליעבען. (מיט אן אויפגעהויבענעם ארם). און דערום זאג איך דיר נביאות, — יאהאן גאבריעל בארקמאן, — קיינמאל וועסט דו ניט קריגען דעם פרייז, וואס דו האסט פערלאנגט פאר דעם מארד. קיינמאל וועסטו ניט אריינגעהן מיט טריאומף אין דיין קאלטער, טונקעלער מלוכה!

בארקמאן (געהט וואקלענדיג צו צו דער באנק און לאזט זיך שווער ארונטער אויף איהר): כ'האב מורא, אז דיין נבואה וועט מקוים ווערן, עללא.

עללא רענטהיים (געהט צו צו איהם): שרעק זיך ניט דערפון, יאהאן. דאס איז דאס בעסטע, וואס קען מיט דיר טרעפען.

בארקמאן (טהוט א געשריי און כאפט זיך אן ביי דער ברוסט): אה —! (מאט). איצט האט זי מיך אבגעלאזט.

עללא רענטהיים (טרייסעלט איהם): וואס איז דאס געווען, יאהאן?

בארקמאן (פאלט צוריק אויף דער פארענטשע פון באנק): ס'איז געווען אן אייז־האנד, וואס האט מיך א פאק געטהאן ביים הארצען.

עללא רענטהיים: יאהאן! האסטו איצט די אייז־האנד דאך דערפיהלט!

בארקמאן (מורמעלט): ניין. — ניט קיין אייז־האנד. — א מעטאל־האנד איז דאס געווען.

ער גליטשט זיך אין גאנצען אראב אויף דער באנק.

עללא רענטהיים (רייסט ארונטער איהר מאנטעל און

זעקט איהם צו דערמיט) : ליעג רוהיג דאָ, וואו דו ליעגסט! איך געה רופען אימיצען, וואָס זאָל דיר העלפען.

זי מאַכט אַ פּאָר טריט נאָך רעכטס, דערנאָך בלייבט זי שטעהן, געהט צוריק און בעטאַפּט איהם אַ היבשע ווײַלע דעם פּולס און דאָס געזיכט.

עללא רענטהיים (מיט אַ נידעריגער אָבער פעסטער שטי־מע) : יאָ. אזוי איז עס אם בעסטען, יאָהאַן באָרקמאַן. אם בעס־טען פאר דיר.

זי וויקעלט איהם שטאַרקער אַרום אין דעם מאַנטעל און זעצט זיך אַנידער אין שנעע לעבען דער באַנק.

קורצע פּויזע.

מאַדאַם באָרקמאַן, אײַנגעהילט אין אַ מאַנטעל, בעווײַזט זיך צווי־שען די בוימער רעכטס. איהר פאָראויס געהט דאָס דיענסטמיידעל מיט אַ ברענענדער לאַמטערנע.

דאָס דיענסטמיידעל (לייכט אַריין אין שנעע) : יאָ, יאָ, גנעדיגע פרוי. דאָ זעה איך זייערע פוס־טריט.

מאדאם באָרקמאַן (קוקט זיך אום ארום זיך) : יאָ, אָט זיינען זיי! זיי זיצען דאָרט אויף דער באנק. (רופט). עללא!

עללא רענטהיים (הויבט זיך אויף) : דו זוכסט אונז?

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ האַרטען טאָן) : יאָ, כ׳מוז דאָך אייך זוכען.

עללא רענטהיים (ווייזט אָן מיט דער האַנד) : קוק, דאָ ליעגט ער, גונהילד.

מאדאם באָרקמאַן : ער שלאָפט?

עללא רענטהיים (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) : א טיעפען און לאַנגען שלאָף, גלויב איך.

מאדאם באָרקמאַן (פּלאַצט ארויס) : עללא! (קאָנ־טראָלירט זיך און פרעגט מיט אַ נידעריגער שטימע). איז דאָס גע־שעהן — פרייוויליג?

עללא רענטהיים : ניין.

מאדאם באָרקמאַן (ערלייכטערט): אַלזאָ ניט דורך זיין אייגענער האנד?

עללא רענטהיים: ניין. ס'איז געווען אן אייזיגע מעטאל־האנד, וועלכע האָט איהם אַ פּאַק געטהאָן ביים הארצען.

מאדאם באָרקמאַן (צום דיענסטמיידעל): לויפט נאָך הילף. וועקט אויף די מענשען פון הויף.

דאָס דיענסטמיידעל: יאָ, גנעדיגע פרוי. (שטילערהייט). גאָט, גאָט —

אָב דורך'ן וואַלד רעכטס.

מאדאם באָרקמאַן (הינטער דער באַנק): די נאַכט־לופט האָט איהם, הייסט עס, געטויטעט —

עללא רענטהיים: אזוי זעהט עס אויס.

מאדאם באָרקמאַן: — איהם, דעם שטארקען מאַן!

עללא רענטהיים (געהט צו לעבען דער באַנק): ווילסט איהם גאָר ניט אָנקוקען, גונהילד?

מאדאם באָרקמאַן (צוריקוויזענדיג): ניין, ניין. (מיט אַ האַלב־פערדריקטער שטימע). ער איז געווען אַ מינען־גרעבער'ס זוהן, — דער באנק דירעקטאָר. די פרישע לופט האָט ער ניט געקענט פערטראָגען.

עללא רענטהיים: ס'איז גיכער געווען די קעלט, וואָס האָט איהם געטויטעט.

מאדאם באָרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): די קעלט, זאָגסט דו? די קעלט, — די האָט איהם שוין לאנג געטויטעט.

עללא רענטהיים (שאָקעלט איהר צו מיט'ן קאָפּ): יאָ, — און אונז ביידען פערוואנדעלט אין שטאָענס.

מאדאם באָרקמאַן: דאָס ביסטו גערעכט.

עללא רענטהיים (מיט אַ שמערצליכען שמייכעל): אַ טויטער און צוויי שאָטענס, — דאָס האָט די קעלט געמאכט.

מאדאם באָרקמאַן: יאָ, די קעלט פון הארצען. — און איצט, מיין איך, קענען מיר ביידע זיך געבען איינע די אנדערע די האנד, עללא.

עללא רענטהיים: איך מיין, מיר קענען עס איצט.

מאדאם בארקמאן: מיר צווילינג־שוועסטער — אי־בער איהם אריבער, וועמען מיר האבעןביידע ליעב געהאט.

עללא רענטהיים: מיר צוויי שאטענס — איבער איהם, דעם טויטען מאן.

מאדאם בארקמאן, וועלכע שטעהט הינטער דער באנק, און עללא רענטהיים, וועלכע געפינט זיך פארענט, גיבען זיך איינע די אנדערע די הענד.

ענדע.

ווען מיר טויטע דערוואַכן

איבערזעצט פון א. פרומקין

פערזאָנען:

פּראָפעסאָר ארנאלד רובעק, סקולפּטאָר.

מאדאם מאיא רובעק, זיין פרוי.

אולפהיים, גוטסבעזיצער.

דער אינספּעקטאָר פון די בעדער.

אירענע.

א בארמהארציגע שוועסטער.

משרתים, געסט און קינדער.

דער ערשטער אַקט שפּיעלט זיך אָב אין די בעדער ביים ברעג וואַסער; דער צווייטער אַזוי ווי דער דריטער אַקט — הויך אויף די בערג לעבען אַ סאַנאַטאָריום.

ערשטער אקט.

דרויסען פאַר דעם האָטעל פון די בעדער. אַ טהייל פון דער הויפּט־געביידע זעהט זיך ארויס רעכטס. אַן אָפּענער פּלאַץ, עהנליך צו אַ פּאַרק, מיט אַ פאָנטאַן, גרופּען פון גרויסע, אַלטע בוימער און קוסטאַרניקעס. לינקס אַ קליינער פּאַוויליאָן, כמעט אין גאַנצען בעדעקט מיט גרינע און ווילדע וויין־בלעטער. אַ טיש און אַ שטוהל דערביי. אין הינטער־גרונד זעהט זיך דער פיאָרד, וועלכער ציהט זיך ארויס ביז'ן אָפּענעם ים, מיט שטיקער לאַנד און קליינע אינזלען אין דער וויטענס. ס'איז אַ שטילער, זוניג־וואַרעמער זומערדיגער פּאָרמיטאָג.

פּראָפּעסאָר רובעק און פרוי מאיאַ זיצען אין געפלאָכטענע שטוהלען ביי אַ געדעקטען טיש אויף'ן גראָז פאַר דעם האָטעל און האָבען נאָר וואָס אָבגעגעסען פריהשטיק. איצט טרינקען זיי שאַמפּאַניער מיט זעלצער־וואַסער און יעדער האָט אַ ציימונג אין דער האַנד. דער פּראָפּעסאָר איז אַ בעיאָהרענטער מאַן מיט אַ בכבוד'יגען אויסזעהן, אין אַ שוואַרצען סאַמעטענעם רעקעל, און זאָנסט אין לייכ־טער זומערליכער קליידונג. פרוי מאַיאַ איז נאָך גאַנץ יונג; זי האָט אַ לעבעדיגען אויסדרוק אין איהר געזיכט, מיט מונטערע, רייצענדע אויגען, איבער וועלכע עס ליגט דאָך אַ געוויסע מיעדקייט. זי טראָגט אַן עלעגאַנטען רייזע־קאָסטיום.

מאַיאַ (זיצט אַ ווייַלע, אַזוי ווי זי וואָלט געוואַרט דער פּראָ־פעסאָר זאָל עפּעס זאָגען. דאַן לאָזט זי אָב דאָס בלאַט פון האַנד און טהוט אַ זיפץ): אַך, יאָ, יאָ —!

פּראָפּעסאָר רובעק (הויבט אויף דעם קאָפּ פון זיין ציימונג): נו, מאַיאַ? וואָס איז דיר אַזוינס?

מאַיאַ: הער נור, ווי שטיל ס'איז דאָ.

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל): און דו קענסט דאָס הערען?

מאַיאַ: וואָס?

פּראָפעסאָר רובעק: די שטילקייט.

מאַיאַ: נו, אודאי קען איך עס.

פּראָפעסאָר רובעק: נאַ, ביסט פּיליכט אַרעכט, מיין קינד. מען קען ווירקליך הערען די שטילקייט.

מאַיאַ: ווייס גאָט, מען קען זי הערען. ווען זי דריקט איי־נעם אזוי שטארק צו — ווי דאָ —

פּראָפעסאָר רובעק: — דאָ אין די בעדער מיינסט דו?

מאַיאַ: איבעראַל דאָ אין דערהיים, מיין איך. אין דער שטאָדט דאָרט איז דאָך, דוכט זיך, געווען גענוג ליארעם און אונ־רוהיגקייט. און דאָך — פאר מיר איז אויך אין דעם דאָזיגען ליאַ־רעם און אין דער דאָזיגער אונרוהיגקייט געלעגען עפּעס טויטעס.

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַ פאַרשענדען בליק): אַ פּנים דו ביסט ניט שטארק צופריעדען וואָס דו ביסט צוריק אין דערהיים, מאיאַ?

מאַיאַ (קוקט איהם אָן): ביסט דו צופריעדען?

פּראָפעסאָר רובעק (אויסווייכענדיג): איך —?

מאַיאַ: יאַ. דו. דו ביסט דאָך געווען אזוי פיעל, פיעל ווייטער איידער איך. ביסטו ווירקליך צופריעדען וואָס דו ביסט ווידער אין דערהיים?

פּראָפעסאָר רובעק: ניין — אָפען און אויפ־ריכטיג — אזוי גאַנץ צופריעדען ניט —

מאַיאַ (מיט לעבעדיגקייט): זעהסט דו! דאָס האָב איך דאָך געוואוסט.

פּראָפעסאָר רובעק: איך בין אפשר געווען צו לאנג אוועק. כ'בין גאַנץ אָבגעריסען געוואָרען פון אַט דעם — דעם לעבען דאָ אין לאַנד.

מאַיאַ (רוקט צו איהר שטוהל נעהנטער צו איהם; מיט פּוי־

ער) : אַט, זעהסט דו, רובעק. לאָמיר גאַנץ איינפאַך וויעדער אַב־פאָהרען פון דאַנען! אזוי גיך ווי מעגליך.

פּראָפעסאָר רובעק (אַביסעל אונגעדולדיג) : נאַ, נאַ, דאָס האָבען מיר דאָך טאקע בדעה צו טהאָן, ליעבע מאַיא. דאָס ווייסט דו דאָך.

מאַיאַ : אָבער פאַרוואָס טאקע ניט איצט גלייך? שטעל זיך נור פאָר, — ווי גוט און געמיטהליך וואָלטען מיר עס געקענט האָבען דאָרט אונטען אין אונזער נייעם רייצענדען הויז —

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל) : אייגענטליך וואָלטען מיר געדאַרפט זאָגען : אין אונזער נייער רייצענדער היים.

מאַיאַ (קורץ) : איך זאָג ליעבערשט הויז. לאָמיר בלייבען דערביי.

פּראָפעסאָר רובעק (נעהמט ניט אראָב פון איהר קיין אויג) : דו ביסט ווירקליך אַ וואונדערליך קליין וועזענדעל.

מאַיאַ. בין איך אזוי וואונדערליך?

פּראָפעסאָר רובעק : יאָ, ווירקליך.

מאַיאַ : אָבער פאַרוואָס פּאָרט? אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב גראַד ניט קיין צו שטאַרקען חשק, אוועקצו׳הרג׳ענען די צייט דאָ אויבען — ?

פּראָפעסאָר רובעק : ווער האָט דען אזוי גערן ווי ליעבען געוואָלט מיר זאָלען היינטיגען זומער פאָהרען אהער אין צפון־לאַנד?

מאַיאַ : נו יאָ, איך.

פּראָפעסאָר רובעק : יאָ,—איך אודאי ניט.

מאַיאַ : אָבער ליעבער גאָט, — ווער האָט זיך גאָר געקענט ריכטען דערויף, אז דאָ ביי אונז האָט זיך אַלעס אזוי מורא׳דיג פערענדערט! דערצו נאָך אין אַזאַ קורצער צייט! ווען מ׳איז בערעכענט, אז עס איז נאָך ניט קיין סך מעהר ווי פיער יאָהר, זינט איך בין אוועק פון דאַנען —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק : — אלס פערהייראטע פרוי, יאָ.

מ א י אַ : — פערהייראטע פרוי? וואָס האָט ד אָ ס צו טהאָן דערמיט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק (ריידענדיג ווייטער): — און זינט דו ביסט געוואָרען פרוי פראָפעסאָר און האָסט געקראָגען א פראכטפאָלע היים — אָה, פארדאָן! — א גרויסארטיג הויז, אזוי מוז איך זיך דאָך אויסדריקען. און א ווילא ביי דער טאָוניצער אָזערע, וואו אלצדירנג איז דאָך איינגעאָרדענט אויף'ן פיינסטען אופן—. יאָ, צו פיין און פראכטפול, מאיא, מעג איך כמעט זאָגען. און פלאץ איז אויך פארהאן. מיר דארפען ניט איינער דעם אנדערן אָבטרעטען די פיס פאר איינגשאפט —

מ אַ י אַ (גלייכגילטיג): ניין, ניין, ניין, — פלאץ אין הויז און אזוי ווייטער — דאָס פעהלט דורכאויס ניט —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק : און אחוץ דעם אויך דאָס, וואָס דו ביסט איבערהויפט געקומען אין פיינערע און ברייטערע פערהעלטניסען מיט מענשען. אין א געבילדעטערען קרייז, איידער דו ביסט געוואוינט געווען אין דערהיים.

מ א י א (איהם אָנקוקענדיג): נו יאָ, לויט דיין מיינונג נאָך, הייסט עס, האָב א י ך זיך געענדערט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק : יאָ, מאַיא.

. מ אַ י אַ : נאָר איך? און די מענשען דאָ ניט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק : אָה יאָ, זיי אויך. אזוי א ביסעלע. פריינדליכער זיינען זיי גראָד ניט געוואָרען. דאָס וויל איך ניט לייקענען.

מ א י אַ : דאָס גלויב איך אויך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק (נעהמט אָן אַן אנדער טאָן): דו ווייסט, אין וואָס פאר א שטימונג איך קום, ווען איך בעטראכט דאָס לעבען פון די מענשען דאָ ארום מיר?

מ א י א : ניין, זאָג עס מיר.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק : עס קומט מיר דערביי ארויף

אויף׳ן זינען די נאכט, ווען מיר זיינען מיט דער אייזענבאהן ארויפגעפאָהרען אהער —

מ אַ י אַ : דו ביסט דאָך געשמאַק געשלאָפען די גאנצע צייט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : ניט פאָלשטענדיג. כ׳האָב בעמערקט, ווי שטיל ס׳איז מיט אמאָל געוואָרען אויף די אלע סטאנציעס—. איך האָב ג ע ה ע ר ט די שטילקייט, — אזוי ווי דו, מאיא —.

מ אַ י אַ : הם, — אזוי ווי איך, יאָ.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : און איך האָב פערשטאנען, אז דאָס זיינען מיר אריבער די גרעניץ. איצט זיינען מיר געווען ריכטיג אין דערהיים. וואָרים אויף די אלע קליינע סטאנציעס האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט, — כאָטש ס׳איז ניט געווען צו וואָס.

מ אַ י אַ : אָבער פאַר וואָס זשע האָט ער זיך אָבגעשטעלט? אַז עס איז ניט געווען צו וואָס?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : ווייס איך? קיין שום פאַסאזשיר איז ניט אראָב און קיינער איז ניט ארויף. נאָר דער צוג האָט זיך פאָרט אָבגעשטעלט אויף א לאנגע אונענדליכע צייט. און אויף יעדער סטאנציע האָב איך געקענט הערען, ווי צוויי מענער געהען ארום אהין און אהער אויף דער פּלאטפאָרמע, — איינער האָט געהאט א לאמטערנע אין דער האנד — און זיי האָבען גערעדט איינער מיט׳ן אנדער׳ן, האלב פערשטיקט, אָהן א קלאנג און אָהן א שום בעדייטונג אין דער נאכט ארויס.

מ אַ י אַ : יאָ, גאנץ ריכטיג. שטענדיג געהען דאָ אזוי ארום א פּאָר מענער אהין און אהער און ריידען צווישען זיך —

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : פון גאָרנישט. (מיט א לעבעדיגען טאָן). אָבער וואַרט אקאָרשט ביז מאָרגען. דאן וועלען מיר האָבען דאָס גרויסע בעקוועמע שיף דאָ אין האפען. מיר וועלען זיך אויפזעצען און ארומפאָהרען דעם ים ארום און ארום, אלץ ווייטער קיין צפון, — ביז צום אייז־מעער.

מ אַ י אַ: אָבער דאַן וועסט דו דאָך גאָרנישט זעהן פון׳ם לאַנד — און פון׳ם לעבען. און דאָס האָסט דו דאָך גראָד געוואָלט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק (קורץ און בייזלאַך): כ׳האָב שוין איבער גענוג געזעהן.

מ אַ י אַ: מיינסט דו, אז אַ ים־רייזע וואָלט געווען בעסער פאַר דיר?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק: ס׳איז יעדענפאַלס אַ שטי־קעל אָבוועקסלונג.

מ אַ י אַ: יאָ! ווען ס׳וועט נור זיין גוט פאַר ד י ר —

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק: פאַר מיר? גוט? מיר פעהלט דאָך, וויים גאָט, קיין שום זאַך ניט.

מ אַ י אַ (שטעהט אויף און געהט צו צו איהם): דאָך, דיר פעהלט וואָס עס איז, רובעק. דאָס מוזט דו דאָך אַליין פיהלען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק: אָבער ליעבסטע מאַיאַ, — וואָס פאָרט?

מ אַ י אַ (הינטער איהם, בויגט זיך אָן איבער דער פאָרענטשע פון שטוהל): יאָ! דאָס מוזט ד ו מיר זאָגען. דו געהסט זינט אַ שטיקעל צייט ארום אָהן רוה. אין ערגעץ קענסט דו ניט איינזיצען. ניט אין דערהיים און ניט אין דער פרעמד. גאַנץ מענשענפיינד־ליך בּיסט דו מיט דער צייט געוואָרען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק (אַביסעל שפּאָטיש): ניין, — ד ו זאָלסט דאָס האָבען בעמערקט?

מ אַ י אַ: דאָס מוז דאָך יעדער איינער בעמערקען, ווער עס קען דיך נור. און דאַן איז מיר עפּעס אַזוי טרויעריג אויף׳ן הארצען, וואָס דו האָסט פערלאָרען דעם חשק צו דער ארבייט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק: וואָס זשע, ד אָ ס אויך?

מ אַ י אַ: אז מען בערעכענט, ווי דו פלעגסט פריהער קע־נען אַזוי אונערמידליך ארבייטען, — פון אינדערפריה ביז ביינאַכט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק (מרה־שחורה׳דיג): יאָ, פ ר י ה ע ר —

מ א י א: אָבער זינט ס'האָט זיך דיר גליקליך איינגעגעבן ארויסצולאָזען דיין גרויסעס מייסטערווערק —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שאָקעלט פערטראַכטערהייט מיט'ן קאָפּ): דער „טאָג פון תחית המתים"—

מ א י אַ: וואָס האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און דיך אזוי בעריהמט געמאכט. —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: פּילייכט שטעקט דאָס גאַנ־צע אונגליק אין דעם, מאיא.

מ א י אַ: וואָס הייסט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: בעת איך האָב דאָס דאָזיגע מייסטערווערק מיינס געשאַפען — (גיט אַ שטאַרקען מאַך מיט דער האַנד) — וואָרים דער „טאָג פון תחית המתים" איז א מייסטער־ווערק; אָדער ער איז עס געווען אין אָנפאַנג. ניין, ער איז עס נאָך. מ ו ז, מ ו ז, מ ו ז זיין א מייסטערווערק!

מ א י א (קוקט איהם אָן פערוואונדערט): רובעק, — ד אָ ס וויים דאָך די גאַנצע וועלט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קורץ און צוריקווייזענדיג): די גאַנצע וועלט וויים גאָרנישט! זי פערשטעהט גאָרנישט!

מ א י אַ: נו, אָבער אן אהנונג פון עפּעס האָבען זיי דאָך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: יא — פון דאָס וואָס איז דע־רין גאָרנישט דאָ. פון דאָס וואָס איז מיר קיינמאָל אויף'ן זינען ניט ארויף. זעהסט דו, דערפון ווערען זיי אלע נתפעל. (מורמעלט פאַר זיך). כ'לוינט זיך אסור, כסדר אָבצוגעבען אלע כחות פאַר דעם המון און דער מאסע — און דער „גאַנצער וועלט".

מ א י א: מיינסט דו, אז ס'איז בעסער — אָדער, לאָמיר זאָגען, בכבוד'יגער פאַר ד י ר, ווען ניט ווען צו מאכען א פּאָר־טרעט־בייסט, וויטער גאָרנישט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שמייכעלט געמיטהליך): וואָס איך מאַך זיינען אייגענטליך ניט קיין ריכטיגע פּאָרטרעט־ביוסטען, מאיא.

מ א י א: גאָט וויים וואָס דען זיי זיינען! — אין די לעצ־

טע צוויי, דריי יאָהר — זינט דו האָסט פארטיג געמאכט דיין גרויכע גרופּע און זי ארויסגע'פּטר'ט פון הויז —

פּראָפעסאָר רובעק: איך זאָג דיר, זיי זיינען פאָרט ניט קיין ריכטיגע פּאָרטרעט־ביוסטען.

מאיא: וואָס זשע דען זיינען זיי?

פּראָפעסאָר רובעק: עס ליעגט עטוואָס פערדעכטיגעס, עטוואָס פערשטעקטעס אין די דאָזיגע ביוסטען און הינטער זיי — עפּעס געהיימעס, וואָס די מענשען קענען ניט זעהן —

מאיא: אזוי?

פּראָפעסאָר רובעק (מיט איבערלעגענהייט): נור איך קען עס זעהן. און דאָס פערשאפט מיר אזא טיעפען פערגניגען. — פון דרויסען ווייזען זיי אויס אזוי „מערקווירדיג עהנליך", ווי מען רופט עס, אז מענשען שטעהען און קוקען דערויף מיט ערשטוינונג, — (מיט אַ נידעריגער שטימע) — אָבער אין זייער טיעפסטען גרונד זיינען זיי אלע רעספּעקטאבלע, גרויסארטיגע פערדישע צורות און הארטנעקיגע עזעלשע שנויצען און לאנגאויערדיגע, נידריג־שטערנדיגע הינטישע שארבענס און אָבגעפּרעסענע שווייגען־קעפּ, — און נארישעוואטע, אומגעלומפּערטע אָקסען־פּראַצען זיינען אויך דאָ צווישען זיי. —

מאיא (גלייכגילטיג): אלע אונזערע ליעבע הויז־חיות, הייסט עס.

פּראָפעסאָר רובעק: זעהר ריכטיג, מאיא. אָט די ליעבע חיות, וועלכע דער מענש האָט נאָך זיין בילד נאָך צוקאַליעטשעט. און וועלכע האָבען פון זייער זייט ווידער דעם מענשען צוקאליעטשעט. (ליידיגט אויס זיין שאַמפּאַניער גלאָז און לאַכט). און אָט די צוויידייטיגע קונסטווערק בעשטעלען ביי מיר די גרויכע רייכע לייט. און זיי קויפען זיי אין גוטען גלויבען — און טאַקי פאר הויכע פּרייזען, זיי וועגען זיי כמעט אָב מיט גאָלד, ווי דאָס ווערטעל געהט.

מאיא (גיסט איהם אָן נאָך אַ גלאָז): פע, רובעק! נא טרינק און זיי צופריעדען.

פּראָפעסאָר רובעק (פיהרט אַ פּאָר מאָל אריבער די האַנד
איבער'ן שטערן און שפּאַרט זיך אָן מיט'ן רוקען אָן שטוהל): איך
בין צופריעדען, מאַיאַ. ווירקליך צופריעדען. אין אַ געוויסער היג־
זיכט וועניגסטענס. (שווייגט אַ רגע). ווארים ס'איז דאָך נאָך אַלע־
כיען אַ גליק, זיך צו פיהלען פריי און אונאבהענגיג אויף אַלע זייטען.
האָבען פון דער פולער האנד אַלעס, וואָס מען קען זיך נור ווינשען.
אויסערליך, הייסט עס. דיינקסט דו ניט אזוי, מאַיאַ?

מאַיאַ: אָה יאָ, געווים. דאָס איז יעדענפאלס זעהר פיעל.
(קוקט איהם אָן). אָבער האָסטו פערגעסען, וואָס דו האָסט מיר צו־
געזאָגט אין דעם טאָג, ווען מיר זיינען איינינ געוואָרען מכח —
מכח דער דאָזיגער שווערער זאַך —

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): — אונזער
הייראַט, מיינסט דו. יאָ, ס'איז געווען אַ ביסעל אַ שווערער שריט
פאר דיר, מאַיאַ.

מאַיאַ (ווייטער, ניט ווערענדיג צומישט): — און אָבגע־
מאכט, אז איך זאָל מיט דיר פאָהרען קיין אויסלאַנד און דאָרט
שטענדיג וואוינען — און האָבען פערגניגען. — גדריינקסטו נאָך,
וואָס דו האָסט מיר דעמאָלט פערשפּראָכען?

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין, איך
געדיינק עס ווירקליך ניט. נו, וואָס האָב איך דיר פערשפּראָכען?

מאַיאַ: דו האָסט געזאָגט, דו וועסט מיך מיטנעהמען אויף
אַ הויכען בארג און מיר ווייזען די גאַנצע הערליכקייט פון דער
וועלט.

פּראָפעסאָר רובעק (איבעררואַשט): ווירקליך? דאָס
האָב איך דיר אויך פערשפּראָכען?

מאַיאַ (קוקט איהם אָן): מיר אויך? וועמען דען נאָך
אחוץ מיר?

פּראָפעסאָר רובעק (גלייכגילטיג): ניין, ניין, כ'מיין
בלויז — האָב איך דיר דאָס צוגעזאָגט —?

מאַיאַ: — די גאַנצע הערליכקייט פון דער וועלט האָסט

דו מיר צוגעזאָגט צו ווייזען. און אָט די גאנצע הערליכקייט, האָסט דו געזאָגט, זאָל מיר און דיר געהערען.

פּראָפּעסאָר רובעק: דאָס איז געווען אזא מין ארט ריידען, א פראַזע, וואָס איך פלעג אמאָל אָפּט בענוצען.

מאַיאַ: בלויז אַן ארט ריידען?

פּראָפּעסאָר רובעק: יאָ, נאָך פון אינגעלווייז אָן. אזא מין פראַזע, מיט וועלכער איך פלעג פערנאַרען אונזער שכן'ס קינ־דער, ווען איך האָב זיי געוואָלט ארויסנעהמען מיט מיר, זיך צו שפּיעלען אויף די בערג און אין די וועלדער.

מאַיאַ (קוקט איהם אָן שטרייגג): דו האָסט אפשר מיך אויך געוואָלט בלויז פערנארען, כדי זיך מיט דיר דערנאָך צו שפּיעלען?

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט אַ שפּאַסהאַפּטען טאָן): נו, האָסט דו זיך דען ניט נאָך אלעמען גאַנץ גוט אמוזירט ביי דעם שפּיעל, מאַיאַ?

מאַיאַ: איך בין ניט געגאנגען מיט דיר, בלויז כדי זיך צו שפּיעלען.

פּראָפּעסאָר רובעק: ניין, ניין, פערשטעהט זיך אז ניט.

מאַיאַ: און דו האָסט מיך אויך קיינמאָל ניט מיטגענומען מיט דיר אויף א הויכען בארג און האָסט מיר ניט געוויזען —

פּראָפּעסאָר רובעק (גערייצט): — די גאנצע הער־ליכקייט פון דער וועלט? ניין, דאָס זיכער ניט. ווארים לאָמיך דיר זאָגען דעם רעכטען אמת: דו ביסט אייגענטליך ניט געשאפען ארויפצוגעהן אויף די בערג, קליינע מאַיאַ.

מאַיאַ (זוכט זיך צו קאָנטראָלירען): דאָך איז געווען א צייט, ווען דו האָסט געדיינקט, אז איך בין יאָ דערצו געשאפען.

פּראָפּעסאָר רובעק: אַן ערך פיער, פינף יאָהר צוריק, יאָ. (שטרעקט זיך אויס אין שטוהל). פיער, פינף יאָהר, — דאָס איז א לאַנגע, לאַנגע צייט, מאַיאַ.

מ א י א (קוקט איהם אָן מיט אַ ביטערען אויסדרוק) : וואָס זשע, די צייט איז דיר אזוי מורא'דיג לאנג געוואָרען, רובעק?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : צייטענווייז ווערט זי מיר לאנג. (מיט אַ גענעץ). אזוי, ווען ניט ווען.

מ א י א (געהט צוריק אַריבער אויף איהר פּלאַץ) : איך וועל זיך שוין מעהר ניט לאנגווײלען. (זי זעצט זיך אין איהר שטוהל. נעהמט די צייטונג און הויבט זי אָן בלעטערן. שטילשווייגען פון ביי־דע זייטען).

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שפּארט זיך אָן מיט'ן עלענבויגען אויף'ן טיש צו איהר אַריבער און קוקט זי אָן מיט אַ לייכטען שמייכעל): פיהלט זיך די פרוי פּראָפעסאָר געקרענקט?

מ א י א (קאַלט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען) : ניין, דורכ־אויס ניט.

געסט פון די בעדער, דאָס רוב דאַמען, קומען אָן איינציגווייז און אין גרופּען פון רעכטס און לינקס, שפּאַצירענדיג איבער'ן פּאַרק.

קעלנער ברייינגען אַרויס געטרענקע פונ'ם האָטעל און פערשווינדען דערמיט הינטער'ן פּאַוויליאָן.

דער אינספּעקטאָר פון די בעדער, דעם שטעקען און האַנד־שוה אין דער האַנד, קומט פון זיין שפּאַציר אין פּאַרק, פערנייגט זיך העפליך פאַר די געסט, וואָס ער בעגעגענט, און רעדט עטליכע ווערטער מיט איניגע פון זיי.

ד ע ר א י נ ס פּ ע ק ט אָ ר (געהט צו צו פּראָפעסאָר רובעק'ס טיש און נעהמט העפליך אַרונטער דעם הוט) : כ'האָב די עהרע אייך צו ווינשען אַ גוט מאָרגען, פרוי פּראָפעסאָר. — גוט מאָרגען, הערר פּראָפעסאָר.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : גוט מאָרגען, גוט מאָרגען, הערר אינספּעקטאָר.

ד ע ר א י נ ס פּ ע ק ט אָ ר (צו פרוי מאַיא'ן) : מעג מען פרע־גען, צי די הערשאַפטען האָבען גוט געשלאָפען?

מ א י א : איך דאנק זעהר; גאנץ אויסגעצייכענט — איך פאַר מיין טהייל. איך שלאָף שטענדיג ווי אַ שטיין.

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר: עס פרעהט מיך זעהר צו הערען. די ערשטע נאכט אויף א פרעמדען אָרט האָט אָפט איהרע אונבע־קוועמליכקייטען. — און איהר, הערר פּראָפעסאָר —?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָה, מיט מיין שלאָף איז ניט אזוי פרעהלאך. דער עיקר אין דער לעצטער צייט.

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר (מיט אַ מיענע פון מיטגעפיהל): אָה — דאָס טהוט מיר לייד. אָבער זייט אקאָרשט א פּאָר וואָכען דאָ אין די בעדער — און איהר וועט עס איבערקומען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט ארויף צו איהם): זאָגט מיר, הערר אינספּעקטאָר, — איהר האָט דאָ צווישען אייערע פאַ־ציענטען איינעם, וואָס באָדט זיך ביינאכט?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר (פערוואונדערט): ביינאכט? דערפון הייב איך ניט אָן וויסען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ניט?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר: אזוי וויט ווי איך ווייס, איז דאָ קיינער ניט אזוי קראנק, ער זאָל דאָס נייטיג האָבען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: נו, איז על כל פנים פאַרהאַן ביי־ איך אימיצער, וואָס געהט ביינאכט שפּאַצירען אין פּאַרק?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר (שמייכעלט און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין, הערר פּראָפעסאָר, — דאָס וואָלט געווען געגען געזעץ.

מ אַ י אַ (ווערענדיג אונגעדולדיג): מיין גאָט, רובעק, — יוי איך האָב דיר שוין היינט אין דער פריה געזאָגט, — ס'האָט זיך דיר געמוזט חלום'ן.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (טרוקען): אזוי? ווירקליך? ס'האָט זיך מיר געמוזט חלום'ן? (צום אינספּעקטאָר): די געשיכטע איז, אז איך בין היינט ביינאכט אויפגעשטאנען, ווייל איך האָב ניט געקענט איינשלאָפען, און איך האָב געוואָלט זעהן וואָס פאַר א וועטער עס איז —

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר (אויפמערקזאָם): נו יאָ, הערר פּראָפעסאָר. און —?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: איך קוק ארויס פון פענסטער

— און דערזעה, ווי א ווייסע געשטאַלט וואַנדעלט דאָרט ארום צווישען די ביימער.

מאַיא (מיט אַ שמייכעל צום אינספּעקטאָר): און אחוץ דעם ערקלעהרט רובעק, אז די געשטאלט איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין א באָד־קאָסטיום.

פּראָפעסאָר רובעק: — אָדער אין עפּעס עהנליכעס. כ'האָב ניט געקענט זעהן גאַנץ גענוי וואָס דאָס איז. נאָר עפּעס ווייסעס איז דאָס יעדענפאלס געווען.

דער אינספּעקטאָר: זעהר מערקווירדיג. איז עס געווען א הערר אָדער א דאַמע?

פּראָפעסאָר רובעק: כ'וואָלט געשוואָרען, אז עס איז געווען א דאַמע. אָבער הינטער איהר איז געקומען נאָך א געשטאַלט. און די איז געווען גאַנץ דונקעל. ווי א שאָטען —

דער אינספּעקטאָר (ערשטוינט): דונקעל? אפשר גאָר שווארץ?

פּראָפעסאָר רובעק: יאָ, ס'האָט מיר כמעט אזוי אויסגעוויזען.

דער אינספּעקטאָר (אַזוי ווי איהם וואָלט עפּעס קלאָהר געוואָרען): הינטער דער ווייסער? גאַנץ נאָהענט הינטער איהר — ?

פּראָפעסאָר רובעק: יאָ, גאַנץ נאָהענט.

דער אינספּעקטאָר: אהא! איך קען אייך פיליייכט געבען אַן ערקלעהרונג וועגען דעם, הערר פּראָפעסאָר.

פּראָפעסאָר רובעק: נו, וואָס איז דאָס אַזוינס געווען?

מאַיא (גלייכצייטיג): וואָס זשע, ס'האָט זיך רובעק'ן, הייסט עס, ניט גע'חלום'ט?

דער אינספּעקטאָר (פּלוצלונג מיט אַ שעפּטשענדען טאָן, אָנווייזענדיג אויף דעם הינטערגרונד רעכטס): שש, אויף א ווײַלע! ניט א קוק אָט דאָרט. — כ'בעט אייך, רעדט איצט ניט הויך מכח דעם.

אַ שלאַנקע דאַמע, אַנגעטהאָן אין אַ פיינעם קריעם־ווייסען קאַשמיר, בעגלייט פון אַ באַרמהאַרציגער שוועסטער אין שוואַרצען, וועלכע טראָגט אַ זילבערנעם צלם אָנגעהאַנגען אָן אַ קייטעל אויף דער ברוסט, קומט אַרויס פון הינטער דעם האָטעל און געהט אַריבער דעם פּאַרק צום פּאַוויליאָן לינקס. איהר געזיכט איז בלייך, די ציגע אזוי ווי פערגליווערט; די ברעמען ארונטערגעלאָזען, די אויגען—אַקוראַט ווי זיי וואָלטען גאָרנישט געזעהן. איהר קלייד פאַלט אַרונטער צו איהרע פיס און נעהמט אַרום אין גלייכע לענגליכע פאַלטען איהר קערפּער. איבער'ן קאָפּ, נאַקען, ברוסט, שולטערן און אָרעמס טראָגט זי אַ גרויסען ווייסען שאַל פון דינעם וואָל. אונבעוועגליכע האַלטונג. שטייפע אָבגעמאָסטענע טריט. די הענד פערלייגט איבער דער ברוסט. די האַלטונג פון דער „שוועסטער" איז אויך אָבגעמאָסטען און זי האָט די מיענע פון אַ דיענסט. זי נעהמט ניט אראָב איהרע ברוינע שטעכעדיגע אויגען פון דער דאַמע. קעלנער, מיט סערוויעטען אויף די אָרעמס, ווייזען זיך אין די טהירען פון האָטעל און קוקען נייגעריג נאָך די ביידע פרעמדע, וועלכע קוקען זיך אויף קיין זאַך ניט אום און פערשווינדען אין דעם פּאַוויליאָן

פּראָפּעסאָר רובעק (האָט זיך ניט ווילענדיג לאַנגזאַם אויפגעהויבען און קוקט אויף דער פערמאַכטער טהיר פון פּאַוויליאָן): ווער איז אָט די דאַמע?

דער אינספּעקטאָר: א פרעמדע, וועלכע האָט געדונגען אָט דעם קליינעם פּאַוויליאָן דאָ.

פּראָפּעסאָר רובעק: אַן אויסלענדערין?

דער אינספּעקטאָר: ס'ווייזט אזוי אויס. ביידע זיינען יעדענפאַלס אָנגעקומען פון אויסלאַנד. מיט אַן ערך א וואָך צוריק. זיי זיינען ביז אהער נאָך ניט געווען דאָ.

פּראָפּעסאָר רובעק (איהם אָנקוקענדיג, בעשטימט): די און ניט קיין אנדערע האָב איך היינט ביינאַכט געזעהן אין פּאַרק.

דער אינספּעקטאָר: דאָס איז עס גאַנץ זיכער געוועןֿ. כ'האָב עס גלייך פערשטאַנען.

פּראָפּעסאָר רובעק: ווי הייסט די דאמע, הערר אינספּעקטאָר?

דער אינספעקטאָר: זי האָט זיך איינגעשריבען אלס: „מאדאם דע סאטאָוו מיט בעגלייטערין”. מעהר ווייסען מיר ניט.

מאיא (לאַכט שפּאָטיש): וואָס זשע, דו קענסט וועמען עס איז, וואָס הייסט אזוי, רובעק? הא?

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין, קיי־נעם ניט. — סאטאָוו? דאָס קלינגט רוסיש. אָדער יעדענפאלס סלאוויש. (צום אינספּעקטאָר): וואָס פאר א שפראַך רעדט זי?

דער אינספעקטאָר: ווען דיביידע דאמען שמועסען איינע מיט דער אנדערער, ריידען זיי א שפראַך, פון וועלכער איך קען ניט קלוג ווערן. נאָר אזוי רעדט זי נאָרוועגיש ווי א געבוי־רענע נאָרוועגערין.

פּראָפעסאָר רובעק (ערשטוינט): נאָרוועגיש? זייט איהר זיכער, אז איהר האָט ניט קיין טעות?

דער אינספעקטאָר: ניין, דעריין קען איך קיין טעות ניט האָבען.

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט איהם אָן מיט שפּאַנענדע בליקען): איהר האָט עס אליין געהערט?

דער אינספעקטאָר: יאָ, כ'האָב אליין א פּאָר מאָל מיט איהר גערעדט. דעם אמת זאָגענדיג, נור עטליכע ווערטער. וואָרים זי איז גאָרנישט ריידעוודיג. אָבער —

פּראָפעסאָר רובעק: אָבער נאָרוועגיש איז עס געוועזען?

דער אינספעקטאָר: ריינעם גוטעם נאָרוועגיש. פּי־לייכט מיט אן אקצענט, וואָס האָט אביסעל דערמאָהנט אָן דאָס נאָרדישע נאָרוועגיש.

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט ערשטוינט פאַר זיך און שעפּ־טשעט): דאָס אויך!

מאיא (אביסעל געטראָפען און אומאנגענעהם בעריהרט): פּי־לייכט איז די דאָזיגע דאמע אמאָל געוועזען איינס פון דיינע מאָדעלען, רובעק? דערמאָן זיך אקאָרשט.

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט א דורכדרינגענדען בליק): מאָדעל!

מ אַ י אַ (מיט אַן אַרויסרופּענדען שמייכעל): נו יאָ, אין דיינע איננגערע יאָהרען. דו האָסט דאָך געהאַט, זאָגט מען, אַזוי פיעל מאָ־דעלען. מיט יאָהרען צוריק, פערשטעהסט זיך.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט'ן זעלבען טאָן): אַך ניין, מיין קליינע פרוי מאַיאַ. כ'האָב אין גרונד גענומען תמיד געהאַט נור איין איינציגען מאָדעל. איין איינציגען — פאַר אַלץ, וואָס איך האָב געשאַפען.

ד ע ר א י נ ס פּ ע ק ט אָ ר (וועלכער האָט זיך אָבגעקעהרט און אַריבערגעקוקט נאָך לינקס): יאָ, איצט וועל איך לײדער אייך מוזען פערלאָזען. וואָרים אַ בעגעגעניש מיט דעם הערר, וואָס איך זעה דאָ קומען, איז גראָד ניט פון די אנגענעהמע זאכען. דער עיקר אין דער געגענוואַרט פון דאַמען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט אויך נאָך לינקס): איהר מיינט דעם יעגער, וועלכער קומט דאָ? ווער איז דאָס?

ד ע ר א י נ ס פּ ע ק ט אָ ר: דאָס איז גוטסבעזיצער אולפ־היים —

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָה, גוטסבעזיצער אולפהיים.

ד ע ר א י נ ס פּ ע ק ט אָ ר: —דער „בערען־טויטער", ווי מען רופט איהם.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: יאָ, כ'קען איהם.

ד ע ר א י נ ס פּ ע ק ט אָ ר: יאָ, ווער קען איהם דען ניט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: נור גאַנץ ווייניג אייגענטליך. וואָס זשע, איז ער איצט — ענדליך — א ו י ך צווישען אייערע פּאַציענטען?

ד ע ר א י נ ס פּ ע ק ט אָ ר: ניין, ס'איז מערקווירדיג, — נאָך אַלץ ניט. ער קומט נור איינמאָל אין יאָהר אַראָב אהער, — ווען ער געהט אויף דער יאַגד אין די בערג. (וויל אַריינגעהן אין האָטעל).

א ו ל פ ה י י ם'ס ש ט י מ ע (פון דרויסען): וואַרט דאָך אויס אַ ווײלע! דער טייוועל זאָל עס נעהמען, וואָס האָט איהר קיין צייט ניט? פאַרוואָס לויפט איהר שטענדיג אַוועק פון מיר?

דער אינפעקטאָר (בלייבט שטעהן): איך לויף דאָך גאָר ניט אוועק, הערר גוטסבעזיצער.

גוטסבעזיצער אולפהיים קומט אריין פון לינקס, בעגלייט פון אַ דיענער, וועלכער פיהרט אַ פּאָר יאגד הינד. אולפהיים טראָגט אַ יאַגד־אַנצוג, הויכע שטיוועל און א פּולץ־הוט מיט אַ פעדער. ער איז אַ מאָגערע, לאַנגע, נערוועזע פּערזאָן, מיט ווייסע האָר און באָרד און מיט אַ הויכער שטימע. נאָך זיין אויסזעהן נאָך קען מען ניט זאָגען בעשטימט ווי אַלט ער איז, נאָר ער איז יעדענפאַלס ניט קיין יונגער מאַן.

אולפהיים (לאָזט זיך ארויף אויפ׳ן אינספּעקטאָר): וואס זשע, אָט אזוי נעהמט מען עס אויף פרעמדע, הא? איהר ענטלויפט דאָך מיט׳ן עק צווישען די הינטערשטע פיס, — אקוראט ווי דער טייוועל וואָלט זיך נאָך אייך נאָכגעיאָגט.

דער אינספּעקטאָר (רוהיג, איהם ניט ענטפערענדיג דערויף): איז דער הערר גוטסבעזיצער געקומען מיט׳ן שיף?

אולפהיים (ברומענדיג) כ׳האָב ניט געהאט די עהרע אפילו אָנצוקוקען א שיף. (די הענד אין די זייטען). אָט אפּנים איהר ווייסט גאָר ניט, אז איך פאָהר אויף מיין אייגען שיפעל? (צו זיין דיענער) קוק זיך גוט אום אויף דיינע מיט־בעשעפּענישען, לאָרס. נאָר גיב אכטונג, זיי זאָלען מיר פונדעסטוועגען בלייבען הונגעריג. פרישע ביינער, אבער ניט מיט צופיעל פלייש דערויף, פערשטעהסט? און רויה מוז עס זיין און נאָך רויכענדיג פון בלוט? און דאן האק דיר אליין אויך וואָס עס איז אין בויך אריין.. (זיך לאָזענדיג צו איהם מיט אַ בריק). נו, — און אצינד טראָג זיך צום טייוועל! (דער דיענער געהט ארויס מיט די הינט, הינטער דעם ווינקעל פון האָטעל).

דער אינספּעקטאָר: וואָלט אפשר דער הערר גוטסבעזיצער געוואָלט אריינגעהן דערווייל אין דעם עסס־זאַאל?

אולפהיים: אריין דאָרט צו די דאָזיגע האלב־טויטע פליגען און מענשען? ניין, — כ׳דאנק אייך טויזענד מאָל דערפאר, הערר אינספּעקטאָר.

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר: נו, נו, ווי אייך איז אם ליעב־סטען.

א ו ל פ ה י י ם: אָבער זעהט, די מויד זאָל מיר צורעכט מאַ־כען דעם פּראָוויאַנט, ווי געוועהנליך. קודם כל א סך, מען זאָל האָבען וואָס צו בייסען. און אזוי א היבש ביסעל בראנפען! זאָגט איהר נור, אז איך אָדער לאַרם וועט איהר מאכען א שווארצען סוף אויב זי וועט ניט —

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט אָ ר (שלאָגט איהם איבער די רייד): מיר ווייסען שוין אלעס פון פריהער. (זיך ווענדענדיג אויף דער אַנ־דער זייט). זאָל איך דעם קעלנער הייסען ברייננגען וואָס עס איז, הערר פּראָפעסאָר? אָדער פיליכט פאר דער גנעדיגער פרוי?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ניין, כ'דאנק אייך זעהר, — פאר מיר ניט.

מ אַ י אַ: פאר מיר אויך ניט.

דער אינספּעקטאָר אָב אין האָטעל.

א ו ל פ ה י י ם (קוקט זיי ביידען אָן אַ רגע; דאַן נעהמט ער אַרונטער דעם הוט): נו, צום טייפעל! דאָ איז, הייסט עס, א גאנץ פּראָסטער פויער אריינגעפאלען גאָר אין די הויכע פענסטער?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (טהוט אַ קוק אויף איהם): וואָס מיינט איהר דערמיט, הערר גוטסבעזיצער?

א ו ל פ ה י י ם (איינגעהאַלטענער און מיט מעהר דרך ארץ): אָט אפנים איך שטעה דאָ ניט פאר קיין אנדערן, ווי פאר דעם הערר פּראָפעסאָר רובעק אליין.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ): מיר האָבען זיך א פּאָר מאָל געטראָפען אין געזעלשאפטען. דעם לעצטען הערבסט, וואָס איך האָב פערבראכט דאָ אויבען.

א ו ל פ ה י י ם: יאָ, מיט יאָהרען צוריק. און אין י ע נ ע ר צייט איז נאָך אייער נאָמען אויך ניט געוועזן אזוי בעקאנט ווי איצט. וואָרים ד ע מ אָ ל ט האָט נאָך אַ שמוציגער בערען־יעגער געמעגט צוקומען נאָהענט צו אייך.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק (שמייכעלט): איך ביים איצט אויף קיינעם ניט.

מ אַ י אַ (קוקט אָן אולפּחיים מיט אינטערעס): איהר זייט טאַקי אַ ריכטיגער בערען־יעגער?

אַ ו ל פ ה י י ם (זעצט זיך ביים צוויייטען טיש, נעהענטער צום האָטעל): אם ליעבסטען יאָג איך זיך נאָך בערען. נאָר איך וואַרף זיך פונדעסטוועגען ניט מיט קיין אנדער זאַך, וואָס קומט מיר אין וועג. צי דאָס זיינען אָדלערס, צי וועלף, צי גאָר ווייבער, אָדער הירשען. — נאָר פריש מוזען זיי זיין און זאַפטיג און פול מיט בלוט. (טרינקט פון דער יאָגד־פלאַש).

מ אַ י אַ (קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין): אם ליעבסטען אָבער יאָגט איהר זיך נאָך בערען?

אַ ו ל פ ה י י ם: יאָ, דאָס איז מיר ליעבער פון אַלעס. וואָרים דאָ קען מען זיך אַזוי פיין בענוצען מיט'ן מעסער, ווען מען האָט קיין אנדער ברירה ניט. — (מיט אַ לייכטען שמייכעל). מיר ארבייטען אין אַ הארטען מאטעריאל, מיר ביידע, גנעדיגע פרוי, — איך און אייער מאַן. ער מוטשעט זיך, ווי איך שטעל מיר פאָר, מיט'ן מארמאָר. און איך מוטשע זיך אָב מיט דיקע, ציטערנדע בערען־מוסקולען. און ביידע בעזיעגען מיר ענדליך דאָס מאַטעריאַל, ווערען בעלי בתים איבער דעם. מיר גיבען ניט נאָך, ביז וואַנען מיר האָבען ניט בייגעקומען דעם הארטנעקיגען, ווידערשטעהענדען שטאָף.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר   ר ו ב ע ק (פערטיעפט אין געדאַנקען): דאָס איז כ'לעבען גאָרנישט אַזוי קרום וואָס איהר זאָגט דאָ.

אַ ו ל פ ה י י ם: נו יאָ, וואָרים דער שטיין ווייסט דאָך מסתמא, פאַרוואָס ער לאָזט זיך ניט. ער איז טויט, און דאָך וויל ער זיך מיט אַלע כחות ניט לאָזען לעבעדיג אויסהאַמערען. אַקוראַט ווי דער בער, ווען אימיצער וועקט איהם אויף אין זיין גרוב.

מ אַ י אַ: איהר ווילט, הייסט עס, איצט ארויפגעהן אין די וועלדער און יאָגען?

אַ ו ל פ ה י י ם: גאַנץ הויך אויף די בערג וויל איך ארויפ־

געהן. — איהר אפנים זייט קיינמאָל ניט געווען אויף די הויכע בערג, מאדאם?

מאיא: ניין, קיינמאָל ניט.

אולפהיים: הערט א געשיכטע, טאָ זעהט זשע איהר זאָלט היינטיגען זומער ארויפגעהן אהין! איהר קענט זיך אָנשליסען אָן מיר. איהר מיט אייער מאן — דאָס געהט אויסגעצייכענט.

מאיא: זעהר פריינדליך פון אייך. נאָר רובעק האָט גאָר בדעה צו מאכען א רייזע אויפ'ן ים.

פראָפעסאָר רובעק: ארום דעם ברעג — דורך די קאַנאַלען פון אינזעל.

אולפהיים: פע, צו'ן אַלדע שווארץ יאָהר, — וואָס וועט איהר דען טהאָן אין דעם פערדאמטען, עפּוש'דיגען רינשטאָק! וואָס זשע, איהר ווילט פערטרייבען די צייט אין ברודנע וואסער? אין ברעך־וואסער, וואָלט גלייכער געווען צו זאָגען.

מאיא: אָט האָסט דו דיר, רובעק.

אולפהיים: אַך, איהר קומט ליעבערשט מיט מיר אויף די בערג. דאָרט איז פריי און ריין פון מענשען. איהר קענט זיך גאָר ניט משער זיין וואָס דאָס הייסט פאר מיר. פערשטעהט זיך, אזא קליין ווייבעלע — (ער שטעלט זיך אָב. די באַרמהאַרציגע שוועסטער קומט אַרויס פון פּאַווילואָן און געהט אַריין אין האָטעל).

אולפהיים (פאָלגט איהר נאָך מיט די אויגען): קוקט אקאָרשט אָן אָט די דאָ! דעם שווארצען פויגעל! — ווער דאַרף דען דאָ בעגראָבען ווערן?

פראָפעסאָר רובעק: אסור אויב איך וויים.

אולפהיים: נו, דאַן מוז דאָ ווער עס איז האַלטען ביים קראפּירען ערגעץ אין א ווינקעל. אַך, די קראנקע און שלאָפע וואָלטען געמעגט א טובה טהאָן און זיך לאָזען בעגראָבען — און טאַקע אזוי שנעל ווי מעגליך.

מאיא: איהר זייט גאָר קיינמאָל ניט קראנק געווען, הערר גוטסבעזיצער?

אולפהיים: ניין. זאָנסט וואָלט איך דאָ ניט געווען. —

אָבער מיינע בעסטע פריינד — ז י י זיינען אָפט קראַנק געווען, די אָרעמע טייוואָלים.

מ אַ י אַ: און וואָס האָט איהר מיט זיי געטהאָן?

א ו ל פ ה י י ם: דערשאָסען האָב איך זיי, פערשטעהט זיך.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט איהם אָן): דערשאָסען?

מ אַ י אַ (טהוט אַ רוק איהר שטוהל צוריק): דערשאָסען אויף טויט?

א ו ל פ ה י י ם (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): איך שים קיינמאָל ניט פערביי, מאדאם.

מ אַ י אַ: אָבער שיסען מענשען — ווי אזוי קענט איהר זיי איינפאך דערשיסען אויף טויט? מענשען — ?

א ו ל פ ה י י ם: איך רעד דאָך ניט פון מענשען —

מ אַ י אַ: אייערע בעסטע פריינד האָט איהר געזאָגט —

א ו ל פ ה י י ם: מיינע בעסטע פריינד זיינען דאָך מיינע הינט.

מ אַ י אַ: אייערע הינט — ?

א ו ל פ ה י י ם: כ'האָב ניט קיין בעסערע איידער אָט די עהרליכע, געטרייע, דורך און דורך בראַווע יאגד־קאמעראדען מיי־נע—. אז איינער פון זיי ווערט קראַנק און שוואך, איז פּוּף! און אריבערגעפּעקעלט איז דער פריינד — אויף יענער וועלט.

די בארמהארציגע שוועסטער קומט ארויס פון האָטעל מיט אַ טאַץ, אויף וועלכער עס געפינט זיך מילך און ברויט, שטעלט זי אַוועק אויפ'ן טיש לעבען פּאַוויליאָן, וואוהין זי געהט אריין.

א ו ל פ ה י י ם (מיט שפּאָט): אָט דאָס דאָ, — דאָס רופט מען שפּייז פאר מענשען! וואסערדיגע מילך און ווייך, קלעפּיג ברויט. ניין, איהר האָט געדארפט אָנקוקען מיינע פריינד. ווי זיי פרעסען! וואָלט איהר עס געוואָלט זעהן?

מ אַ י אַ (שמייכעלט צו איהר מאַן און שטעהט אויף): יאָ, פאר־וואָס דען ניט.

א ו ל פ ה י י ם (שטעהט אויך אויף): בראַוואָ! איהר זייט ווירקליך אַ שאַרפזיניגע פרוי, מאדאם. אַלזאָ, קומט. גרויסע דיקע

ביינער שלינגען די חברה־לייט ארונטער אין גאנצען. ברעכען זיי אוים און שלינגען זיי פון דאָס ניי איין. כ׳זאָג אייך, ס׳איז אַן אמת׳ע פרייד דאָס צו זעהן. און דאַן וועלען מיר אויך אַ שמועס טהאָן מכח דער רייזע אויף די בערג —. (אָב צום עק פון האָטעל. מאַיאַ געהט איהם נאָך).

כמעט אין דערזעלבער רגע קומט די פרעמדע ארויס פון פּאַוויליאָן און זעצט זיך אַנידער ביים טיש.

די פרעמדע טראָגט צו איהר גלאָז צום מויל און וויל טרינקען, נאָר אין מיטען דערינען האַלט זי זיך צוריק און קוקט מיט ליידיגע, אויסדרוקסלאָזע אויגען אויף רובעק׳ן.

פּראָפעסאָר רובעק (בלייבט זיצען ביי זיין טיש און קוקט זי אָן מיט אַן ערנסטען און דורכדרינגענדען בליק. ענדליך שטעהט ער אויף, מאַכט אַ פּאָר טריט צו איהר, בלייבט שטעהן און זאָגט שטילער־הייט): איך דערקען דיך גאנץ גוט, אירענע.

די דאמע (מיט אַ קלאַנגלאָזער שטימע, בעת זי שטעלט אַוועק דאָס גלאָז): דו טרעפסט ווער איך בין, ארנאָלד?

פּראָפעסאָר רובעק (אויסמיידענדיג אַן ענטפער): דו דערקענסט מיך אלזאָ אויך?

די דאמע: מיט דיר איז דאָס גאָר אַ גאנץ אנדער זאַך.

פּראָפעסאָר רובעק: פאַרוואָס עפּעס, — מיט מיר?

די דאמע: ווייל דו ביסט נאָך לעבעדיג.

פּראָפעסאָר רובעק (פערשטעהט זי ניט): לעבעדיג—?

די דאמע (כמעט גלייכצייטיג): ווער איז געווען די אַנדערע? די וואָס דו האָסט געהאַט מיט דיר — דאָרט ביים טיש?

פּראָפעסאָר רובעק (אַביסעל צוריקגעהאַלטען) די? דאָס איז געווען מיין פרוי.

די דאמע (שאָקעלט צו לאַנגזאַם מיט׳ן קאָפּ): אזוי. גוט, ארנאָלד. איינע, הייסט עס, וועלכע געהט מיך גאָרנישט אָן —

פּראָפעסאָר רובעק (אונזיכער): ניין, פערשטעהט זיך —

די דאמע: —איינע, הייסט עס, וועלכע דו האסט זיך איינגעשאפט ערשט נאך מיין טויט.

פראפעסאר רובעק (קוקט אויף איהר שטאר): נאך דיין — ? וואס מיינסט דו דערמיט, אירענע?

אירענע (אויסמיידענדיג צו ענטפערן): און דאס קינד? דעם געהט עס דאך אויך גוט. אונזער קינד לעבט מיך אריבער. אין כבוד און גדולה.

פראפעסאר רובעק (שמייכעלט ווי אין א ווייטער ער־אינערונג): אונזער קינד, — אך, יא, אזוי פלעגען מיר עס רופען — דעמאלט.

אירענע: בעת איך האב געלעבט, יא.

פראפעסאר רובעק (סטארעט זיך אנצונעהמען א מונ־טערן טאן): יא, יא, אירענע, — איצט איז „אונזער קינד" בע־ריהמט איבער דער גאנצער וועלט. דו האסט דאך אודאי געלייענט וועגען דעם, ניט — ?

אירענע (שאקעלט מיט'ן קאפ): און האט אויך דעם פאטער זיינעם בעריהמט געמאכט. — דערפון האסטו אימער געטרוימט.

פראפעסאר רובעק (גאנץ שטיל, געריהרט): דיר אליין בין איך שולדיג אלעס, אלעס, אירענע. און איך דאנק דיר דערפאר.

אירענע (פערזונקען אויף א ווײַלע אין געדאנקען): ווען איך וואלט דעמאלט געטהאן וואס איך האב געהאט א רעכט צו טהאן. ארנאלד —

פראפעסאר רובעק: נו? וואס וואלסטו דעמאלסט געטהאן?

אירענע: וואלט איך דאס קינד דער'הרג'עט!

פראפעסאר רובעק: דער'הרג'עט!

אירענע (שעפטשענדיג): דער'הרג'עט, — איידער איך בין אוועק פון דיר. צושמעטערט. צושמעטערט אויף שטויב.

פראפעסאר רובעק (שאקעלט דעם קאפ מיט א פאר־וואורף): דאס וואלסט דו ניט געקענט טהאן, אירענע. וואלסט קיין הארץ ניט געהאט, עס צו טהאן.

א י ר ע נ ע: ניין, דעמאָלט האָב איך ניט געהאַט קיין האַרץ דערצו.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָבער שפּעטער? זינט דאַן?

א י ר ע נ ע: זינט דאַן האָב איך עס אונצעהליגע מאָל דער־הרג'עט. אין מיטען העלען טאָג און אין'ם חושך פון דער נאַכט. דער'הרג'עט אין האַס — און אין ראַכע — און אין מורא'דיגע יסורים.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (געהט צו נאָהענט צום טיש און פרעגט שטילערהייט): אירענע, — זאָג מיר איצט — נאָך אַזוי פיעל יאָהרען, — פאַר וואָס ביסט דו דעמאָלט אוועק פון מיר? און אַזוי שטילערהייט אנטלאָפען, אַז מען האָט דיך מעהר ניט געקענט געפינען — ?

א י ר ע נ ע (שאָקעלט לאַנגזאַם דעם קאָפּ): אַך, אַרנאָלד, — נאָך וואָס זאָל איך דיר עס זאָגען — איצט, ווען איך בין פון דער אַנדער זייט קבר?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ביסט אפשר געווען פערליעבט אין אַן אַנדערן?

א י ר ע נ ע: בלויז אין א י י נ ע ם, און דער האָט מעהר ניט גערארפט מיין ליעבע. דער האָט מעהר מיין ליעבע ניט גערארפט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (וויל ענדערן דעם געשפּרעך): הם, — לאָמיר צורוה לאָזען די פערגאַנגענהייט —

א י ר ע נ ע: יאָ, יאָ, — נור צורוה לאָזען וואָס עס ליגט פון יענער זייט קבר. וואָס עס הייסט פאַר מ י ר איצט יענע זייט קבר.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: וואו ביסט דו פאָרט אַהינגעקו־מען, אירענע? כ'האָב דיך אַזוי פיעל ארומגעזוכט. — דו ביסט אַזוי ווי אין וואַסער אריין.

א י ר ע נ ע: איך בין אריין אין חושך, — בעת דאָס קינד האָט געשטראַהלט פון ליכט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: האָסט פיעל ארומגערייזט די וועלט?

אירענע: יאָ, כ'בין געווען אין א סך מלוכות און לענדער.

פראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַ בליק פון מיט־לייד): און מיט וואָס האָסטו זיך אָבגעגעבען, אירענע?

אירענע (הויבט אויף די אויגען צו איהם): ווארט אקאָרשט; לאָמיך זיך דערמאָנען —. יאָ, איצט האָב איך עס. איך פערשיעדענע אונטערהאלטונגס־פלעצער האָב איך זיך געוויזען. אלס נאקעטע שטאטוע בין איך געשטאנען אין לעבעדיגע בילדער. און פיעל געלד איינגענומען, דערצו בין איך ביי דיר ניט געוואוינט געווען — דו האָסט קיין געלד ניט געהאט. — און דאן בין איך אויך ארומגעגאנגען מיט אלערליי מאנספּערזאָנען און זיי דעם קאָפּ פערדרעהט. אויך דערצו בין איך ביי דיר ניט געוואוינט געווען, ארנאָלד. דו ביסט געווען שטאנדהאפטיגער.

פראָפעסאָר רובעק (פערלויפענדיג די פראַגע): און דאן האָסטו חתונה געהאט אויך?

אירענע: יאָ; מיט איינעם פון זיי.

פראָפעסאָר רובעק: ווער איז דיין מאן?

אירענע: ער איז געווען א זיעד אמעריקאנער. א גרויסער דיפּלאָמאט. (קוקט מיט אַ פערשטיינערטען שמייכעל פאַר זיך). דעם האָב איך סוף כל סוף פון זינען אראָבגעטריבען; גאנץ פערריקט געמאכט — ניט צום אויסהאלטען; משוגע אויף טויט. הערסטו, — ס'איז געווען א פיינער שפּאס אין אָנפאנג. איך וואָלט געקענט כסדר לאכען, אין זיך — ווען איך וואָלט נאָך געהאט עפּעס אין זיך.

פראָפעסאָר רובעק: און וואו איז ער איצט?

אירענע: ערגעץ־וואו אויף א בית עולם. מיט א הויכען גרויסארטיגען מאָנומענט איבער זיך. און אין זיין שארבען א בלייענע קויל.

פראָפעסאָר רובעק: ער האָט זיך אליין גענומען דאָס לעבען?

אירענע: יאָ, ער איז געווען פריינדליך גענוג, מיר די טובה צו טהאָן.

פראָפעסאָר רובעק: און דו טרויערסט גאָרנישט נאָך איהם, אירענע?

אירענע (ניט פערשטעהענדיג): טרויערן? נאָך וועמען?

פראָפעסאָר רובעק: נו, נאָך הערר סאטאָוו.

אירענע: ער האָט ניט געהייסען סאטאָוו.

פראָפעסאָר רובעק: ניט?

אירענע: מיין צווייטער מאַן הייסט סאטאָוו. ער איז א רוס, —

פראָפעסאָר רובעק: און וואו געפינט ער זיך ערגעץ?

אירענע: ווייט פון דאנען, אין אוראל. ביי זיינע גאָלד־גריבער.

פראָפעסאָר רובעק: ער לעבט, הייסט עס, דאָרט?

אירענע (ציהט מיט די אַקסלען): לעבט? לעבט? איי־גענטליך האָב איך איהם דער׳הרג׳עט.

פראָפעסאָר רובעק (פערציטערט): דער׳הרג׳עט — !

אירענע: יאָ, מיט א קליינעם שפיציגען שפיעז, וואָס איך האָב תמיד אין בעט.

פראָפעסאָר רובעק (ליידענשאַפטליך): איך גלויב דיך ניט, אירענע!

אירענע (מיט אַ מילדען שמייכעל): דו מעגסט עס גלויבען, ארנאָלד!

פראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַ בליק פון מיט־לייד): האָסט גאָר קיין קינדער ניט געהאט?

אירענע: אָה יאָ, א סך.

פראָפעסאָר רובעק: און וואו זיינען זיי איצט?

אירענע: איך האָב זיי דער׳הרג׳עט.

פראָפעסאָר רובעק (שטרייננג): איצט זאָגסטו שוין ווידער ליגען.

אירענע: איך האָב זיי דער׳הרג׳עט — זאָג איך דיר! גאַנץ איינפאַך זיי ערמאָרדעט אָהן א שום רחמנות. גלייך ווי זיי

זיינען נאָר געקומען אויף דער וועלט. אָדער שוין פריהער, אסך פריהער. איינעם נאָכ'ן אנדערן.

פראָפעסאָר רובעק (אומעטיג און ערנסט): ס'ליעגט עפּעס א פערבאָרגענער זינן הינטער אַלצדינג וואָס דו זאָגסט.

אירענע: וואָס קען איך טהאָן דערצו? יעדעס וואָרט, וואָס איך זאָג דיר, ווערט מיר אריינגעשושקעט אין אויער.

פראָפעסאָר רובעק: איך מיין, איך בין דער איינציגער, וואָס קען טרעפען דעם זינן דערפון.

אירענע: נו פערשטעהט זיך, אז דו דארפסט זיין דער איינציגער.

פראָפעסאָר רובעק (שפּארט זיך אָן מיט די הענד אויפ'ן טיש און קוקט איהר אריין טיעף אין די אויגען): עטליכע סטרונעס האָבען געמוזט פּלאַצען אין דיר, אירענע.

אירענע: דאָס טרעפט דאָך תמיד, ווען א יונגע הייס-בלוטיגע פרוי שטארבט.

פראָפעסאָר רובעק: אָבער אירענע, ווארף אוועק אָט די ווילדע פאָרשטעלונגען — ! דו לעבסט דאָך! דו לעבסט — לעבסט!

אירענע (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף פון איהר שטוהל און זאָגט מיט אַ ציטערנדער שטימע): יאָהרען-לאַנג בין איך געוועזן טויט. זיי זיינען געקומען און האָבען מיך געבונדען. זיי האָבען מיר צונויפגעשנורעוועט די אָרעמס אויפ'ן רוקען. און דאן האָבען זיי מיך אראָבגעלאָזט אין א קעלער-גרוב, מיט אייזערנע שטאַנגען ביים אריינגאנג, און מיט אויסגעבעטע ווענט, — אזוי אז אויבען אויף דער ערד האָט קיינער ניט געקענט הערען די געשרייען פון דער בעגראָבענער. נאָר איצט הויב איך ביסלעכווייז אָן אויפשטעהן תחית המתים. (זעצט זיך ווידער אויף איהר שטוהל).

פראָפעסאָר רובעק (נאָך אַ קורצער פויזע): האלטסטו מיך פאַר דעם שולדיגען אין דעם אַלעמען?

אירענע: יאָ.

פּראָפּעסאָר רובעק: מאכסט מיך שולדיג אין דעם, — וואָס דו רופסט אָן טויט?

אירענע: שולדיג אין דעם וואָס איך האָב געמוזט שטאַר־ען. (נעהמט אָן אַ גלייכגילטיגען טאָן). פאַרוואָס זעצסט דו זיך ניט אנידער, אַרנאָלד?

פּראָפּעסאָר רובעק: מעג איך?

אירענע: פאַר וואָס דען ניט? — דו וועסט ניט דער־פרוירען ווערען — האָב קיין מורא ניט. וואָרים אזוי ריכטיג פער־וואנדעלט אין אייז, מיין איך, בין איך נאָך אַלץ ניט.

פּראָפּעסאָר רובעק (רוקט צו אַ שטוהל צום טיש און זעצט זיך): אזוי, אירענע. איצט זיצען מיר ביידע ווידער איינס לעבען אנדערן, ווי אין די אַלטע צייטען.

אירענע: און אביסעל ווייטליך איינס פון אנדערן. אויך ווי אין די אַלטע צייטען.

פּראָפּעסאָר רובעק: דאָס האָט דעמאָלט געמוזט אזוי זיין.

אירענע: ס'האָט געמוזט?

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט אַן ענטשלאָסענעם טאָן): נו יאָ, ס'האָט געמוזט זיין אַ געוויסע ווייטקייט צווישען אונז.

אירענע: אזוי, — ווירקליך, אַרנאָלד? —

פּראָפּעסאָר רובעק (ווייטער): געדיינקסט דו נאָך, וואָס פאַר אַן ענטפער דו האָסט מיר געגעבען אויף מיין פראַגע, צי דו וואָלסט געוואָלט מיטקומען מיט מיר אין די ווייטע וועלט?

אירענע: כ'האָב אויסגעשטרעקט דריי פינגער צום הי־מעל און געשוואָרען, אז איך וועל מיטגעהן מיט דיר ביז'ן עק וועלט און ביז דעם סוף פון מיין לעבען. און דיר דיענען אין אַלצדינג. —

פּראָפּעסאָר רובעק: אַלס מאָדעל פאַר מיין קונסט־ווערק —

אירענע: — אין פרייער, פאַלשטענדיגער נאַקעטקייט —

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט געפיהל): און ווי האָסט דו

מיר געדיענט, אירענע, — ווי מוטהיג, — ווי פרעהליך און אָהן אַ שום פאָרוואורף!

אירענע: יאָ, מיט דעם גאַנצען קאָכיגען הערצענס־בלוט פון מיין יוגענד האָב איך דיר געדיענט —

פּראָפעסאָר רובעק (צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און מיט אַ דאַנקבאַרען בליק): דאָס האָסט דו ווירקליך אַ רעכט צו זאָגען.

אירענע: — און איך בין געפאַלען צו דיינע פיס און האָב דיר געדיענט, ארנאָלד. (דריקט צונויף די האַנד אַנטקעגען איהם) אָבער דו, דו, — דו —!

פּראָפעסאָר רובעק (אין פערטהיידיגונג): איך האָב זיך קיינמאָל ניט פערזינדיגט געגען דיר! קיינמאָל ניט, אירענע.

אירענע: יאָ, דו האָסט עס דאָך געטהאָן! דו האָסט זיך פערזינדיגט געגען מיין אינערסטע נאַטור.

פּראָפעסאָר רובעק (טהוט זיך אַ רוק אויף זיין שטוהל צוריק): איך —?

אירענע: יאָ, דו! איך האָב זיך געשטעלט פאַר דיר גאַנץ און אונפערהוילען. (שטילערהייט). און דו האָסט מיך קיין איין איינציג מאָל ניט אָנגעריהרט.

פּראָפעסאָר רובעק: אירענע, פערשטעהסט דו דען ניט, אַז עס זיינען געווען טעג, ווען איך בין שיער פון זינען ניט אראָב פון דיין גאַנצער שעהנקייט?

אירענע (רעדט אונגעשטערט ווייטער): און דאָך, — ווען דו וואָלסט מיך אָנגעריהרט, וואָלט איך דיך, גלויב איך אויף'ן שטעל דער'הרג'עט. ווארים איך האָב געהאַט אַ שפּיציגע נאָדעל ביי מיר, — בעהאַלטען אין די האָר — (גלעט זיך פערטראַכטערהייט איבער'ן שטערן). ניין, אָבער דאָך, דאָך —; אַז דו זאָלסט עס האָבען געקענט —

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַ פעסטען בליק): איך בין געווען אַ קינסטלער, אירענע.

אירענע: אָט דאָס איז עס טאַקי.

פּראָפעסאָר רובעק: קודם כל אַ קינסטלער. ווי א

...אנקער בין איך ארומגעגאנגען און האָב געוואָלט שאפען דאָס גרויסע ווערק פון מיין לעבען. (פערליערט זיך אין עראינערונג). דער „טאָג פון תחית המתים" האָט עס געזאָלט הייסען. און די תחית המתים האָט געדארפט פערקערפערט ווערן אין דעם בילד פון א יונגער פרוי, וועלכע כאפט זיך אויף פונ'ם שלאָף פון טויט —

אירענע: אונזער קינד, יאָ —

פראָפעסאָר רובעק (זעצט פאָרט): זי האָט געזאָלט זיין די איידעלסטע, ריינסטע, אידעאלסטע פרוי פון דער ערד, די ערוואכענדע. דאָ האָב איך דיך געפונען. דו ביסט געווען וואָס איך האָב געדארפט אין יעדער הינזיכט. און דו, דו האָסט זיך הינגעגעבען אזוי גערן און אזוי פרעהלאך. און האָסט איבערגע־לאָזט דיין פאמיליע און דיין היים — און ביסט געגאנגען מיט מיר.

אירענע: דאָס וואָס איך בין מיט דיר געגאנגען, האָט גע־הייסען פאר מיר די ווידעראויפלעבונג פון מיין קינדהייט.

פראָפעסאָר רובעק: אָט טאקי דערפאר האָב איך אין דיר געפונען וואָס איך האָב געדארפט, אין דיר און ניט אין קיין אנדערע. דו ביסט פאר מיר געוואָרען א הויך־הייליגעס ווערק פון שעפּפונג, אָן וועלכען מען קען זיך נאָר אָנריהרען אין פערגעטערנדע געדאנקען. איך בין דאָך נאָך דעמאָלט גאָר יונג געווען, אירענע. און עפּעס האָט מיך בעהערשט אָן אבערגלויבען: ווען איך וואָלט דיך נור אָנגעריהרט, ווען איך וואָלט געוואָלט ליידענשאפטליך צו דיר, דאן וואָלטען מיינע געדאנקען פערשוועכט און פעראונרייניגט געוואָרען, און איך וואָלט ניט געקענט דערענדיגען ביז'ן סוף, וואָס איך האָב אזוי געגארט צו שאפען. — און איך גלויב נאָך היינט, אז עס איז געלעגען עטוואָס אמת אין דעם.

אירענע (מיט אַ מיענע פון שפּאָט): צוערשט דאָס קונסט־ווערק — דאן דאָס מענשענקינד.

פראָפעסאָר רובעק: דו קענסט אורטהיילען דערי־בער ווי דו ווילסט. איך בין אלענפאלס דעמאָלט אין גאנצען בע־הערשט געוואָרען פון מיין אויפגאבע, און איך האָב זיך דערביי גע־פיהלט אזוי גליקליך.

אירענע: און דו האָסט דיין אויפגאבע געליוזט, ארנאָלד.

פראָפעסאָר רובעק: מיט דיין הילף, דו געבענשטע, — האָב איך זי געלייזט. איך האָב געוואָלט פערקערפערן די ריינע פרוי, ווי איך האָב זי געזעהן ערוואכענדיג אין דעם טאָג פון תחית המתים. אָהן א שום פערוואונדערונג איבער וואָס פאר עס איז נייעס אָדער אונבעקאנטעס אָדער אונגעטראכטעס. נאָר פול מיט א הייליגער פרייד דעריבער, וואָס זי קען זיך אליין צוריק געפינען אונפערענדערט, — זיך, די פרוי פון דער ערד, — אין די העכערע, פרייערע, גליקליכערע קרייזען — נאָך דעם לאנגען, טרוימלאָזען שלאָף פון טויט. (אביסעל מילדער). אזוי האָב איך עס געשאפען. — נאָך דיין בילד נאָך האָב איך עס געשאפען, אירענע.

אירענע (לייגט אוועק די הענד פלאך אויף'ן טיש און שפארט זיך אָן אָן שטוהל): און דאַן ביסט דו געוועזן פארטיג מיט מיר —

פראָפעסאָר רובעק (מיט א פארוואורף): אירענע!

אירענע: — און האָסט מיך שוין מעהר ניט געדארפט —

פראָפעסאָר רובעק: ווי קענסט דו גאָר אזוי ריידען!

אירענע: — האָסט אָנגעהויבען אלע מאָל זוכען אנדערע אידעאלען —

פראָפעסאָר רובעק: איך האָב ניט געפונען קיין אנדער אידעאל נאָך דיר.

אירענע: קיין אנדערע מאָדעלען אויך ניט, ארנאָלד?

פראָפעסאָר רובעק: דו ביסט ניט געוועזן קיין מאָדעל פאר מיר. דו ביסט געוועזן דער סאמע קוואל פון מיין שעפפונג.

אירענע (שווייגט א רגע): וואָס פאר א ווערק האָסט דו זינט דאן געמאכט? אין מארמאָר, מיין איך. זינט יענעם טאָג, ווען איך בין אוועק פון דיר?

פראָפעסאָר רובעק: קיין רעכטע זאך האָב איך מעהר ניט געשאפען זינט יענעם טאָג. בלויז אזוי אָבגעשטופט מיין לעבען אין מאָדעלירען.

אירענע: און די פרוי מיט וועמען דו לעבסט איצט צוזאמען — ?

פראפעסאר רובעק (שלאגט איהר איבער די רייד): ניט רייד איצט פון איהר. דאס פערכאפט מיר ביים אטהעם.

אירענע: וואוהין האסטו בדעה מיט איהר צו פאהרען?

פראפעסאר רובעק (מיעד און אבגעלאזען): איך וועל מסתמא מוזען מאכען א לאנגע און לאנגווייליגע ים־רייזע קיין צפון צו.

אירענע (קוקט איהם אן, שמייכעלט כמעט אונבעמערקבאר און שעפטשעט): געה ליעבערשט אויף די בערג. אזוי הויך ווי דו קענסט נור קומען. העכער, — אלץ העכער, ארנאלד.

פראפעסאר רובעק (מיט געשפאנטער ערווארטונג): האסט דו בדעה ארויפצוגעהן אויף די בערג?

אירענע: וואלסט דו געהאט דעם מוטה, נאך אמאל זיין מיט מיר צוזאמען?

פראפעסאר רובעק (אונזיכער, קעמפפענדיג מיט זיך): ווען מיר וואלטען עס געקענט, — ווען מיר וואלטען עס נור גע־קענט — !

אירענע: פארוואס זאלען מיר ניט קענען וואס מיר ווי־לען? (קוקט איהם אן און שעפטשעט בעטענדיג, מיט צונויפגעלייגטע הענד). קום. קום, ארנאלד! קום ארויף צו מיר — !

מאיא קומט אריין, מונטער, מיט גליהענדע באקען, הינטער דעם עק פון האטעל, און לויפט צו צום טיש, דארט וואו זי איז פריהער גע־זעסען.

מאיא (נאך ביים עק, זיך ניט אומקוקענדיג): קענסט זאגען וואס דו ווילסט, רובעק, אבער — (בלייבט שטעהן, בעת זי דערזעהט אירענע׳ן). אה, ענטשולדיגט, — דו האסט געמאכט א בעקאנט־שאפט, ווי איך זעה.

פראפעסאר רובעק (קורץ): בענייט א בעקאנט־שאפט. (שטעהט אויף). וואס ווילסט דו דען פון מיר?

מאיא: נור דאס האב איך דיר געוואלט זאגען, — דו פאר דיין פערזאן קענסט זיך טהאן וואס דו ווילסט, — נאר איך פאהר ניט מיט אויף דעם דאזיגען עקעלהאפטען דאמפף־שיף.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : פאַרוואָס עפּעס ניט?

מ אַ י אַ : ווייל איך וויל אַרויף אויף די בערג און די וועלדער, — נו יאָ, איך ו ו י ל. (מיט אַ זיסען שמייכעל). אַך, דו מוזט עס מיר ערלויבען, רובעק! — איך וועל דערנאָך זיין אַזוי ליעב, אַזוי ליעב צו דיר!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : ווער האָט דיר אַריינגעהאַקט אָט דעם געדאַנק אין קאָפּ.

מ אַ י אַ : אָט דער שרעקליכער בערגן־טויטער. ניין, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ וואונדערליכע זאַכען ער דערצעהלט זיך אָן פון די בערג, פונ׳ם לעבען דאָרט אויבען! העסליך, שוידערליך, מורא׳דיג דערווידער איז דאָס רוב, וואָס ער לייגט דאָ צוזאַמען —. ס׳קומט מיר כמעט פאָר, אַז עס מ ו ז זיין אויסגעטראַכט. אָבער נאָך אַלעמען איז עס דאָך אַזוי וואונדערליך פערפיהרעריש. קען איך איהם ניט בעגלייטען? בלויז צו זעהן, צי ס׳איז אמת, וואָס ער זאָגט, פערשטעהסט? מ ע ג איך, רובעק?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : פון מיינעטוועגען, איך האָב גאָרנישט דאַגעגען. געה זיך דיר אויף די בערג — אַזוי ווייט אַרויף און אַזוי לאַנג ווי דו ווילסט נור. איך וועל אפשר אויך מאַכען דעם זעלבען וועג ווי דו.

מ אַ י אַ (שנעל) : ניין, ניין, ניין, דו דאַרפסט עס ניט טהאָן! ניט פון מ י י נ ע ט ו ו ע ג ע ן!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : איך ו ו י ל אַרויף אויף די בערג. איך האָב זיך איבערגעלייגט און בעשלאָסען עס צו טהאָן.

מ אַ י אַ : אָה, כ׳דאַנק דיר פיעל מאָל! מעג איך עס טאַקי גלייך דערצעהלען דעם בערגן־טויטער?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : קענסט דעם בערגן־טויטער דערצעהלען וויפיעל דיין האַרץ גלוסט.

מ אַ י אַ : אָה, כ׳דאַנק דיר פיעל, פיעל מאָל! (וויל אָננעהמען זיין האַנד, — ער לאָזט עס ניט). ביסט דו מיר אָבער היינט זיס און ליעב, רובעק! (שנעל אָב אין האָטעל).

אין דער זעלבער רגע עפענט זיך פּאַמעלאַך און שטיל אַ שפּאַלט אין דער פּאַוויליאָן טהיר. די באַרמהאַרציגע שוועסטער שטעהט הינטער דער טהיר אויף דער וואַך. קיינער זעהט זי ניט.

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַ בעשטימטען טאָן צו אירע־נע): אַלזאָ, מיר טרעפען זיך אויבען?

אירענע (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף): בעשטימט. — איך האָב דיך אַזוי לאַנג ארומגעזוכט.

פּראָפעסאָר רובעק: ווען האָסט דו אָנגעהויבען, מיך ווידער ארומזוכען, אירענע?

אירענע (מיט אַ ביטערען טאָן): זינט ס'איז מיר קלאָהר געוואָרען, ארנאָלד, אַז איך האָב דיר אוועקגעגעבען עפּעס, וואָס מען קען ניט צוריקקריגען. אַן אוצר, פון וועלכען מען דאַרף זיך קיינ־מאָל ניט שיידען.

פּראָפעסאָר רובעק (בויגט אָן דעם קאָפּ): יאָ, דאָס איז אַ שמערצליכע וואהרהייט. דו האָסט מיר אוועקגעגעבען דריי, פיער יאָהר פון דיין יוגענד.

אירענע: מעהר, אַ סך מעהר איידער דאָס. פערשווענ־דעריש וואָס איך בין דעמאָלט געווען.

פּראָפעסאָר רובעק: יאָ, דו ביסט ווירקליך געווען פערשווענדעריש, אירענע. דו האָסט מיר דיין גאַנצע נאַקעטע שעהנקייט אוועקגעגעבען —

אירענע: — צו קוקען דערויף —

פּראָפעסאָר רובעק: — און צו פערהערליכען.

אירענע: יאָ, פאַר דיין אייגענער פערהערליכונג. — און דעם קינד'ס.

פּראָפעסאָר רובעק: און פאַר דיין פערהערליכונג אויך, אירענע.

אירענע: אָבער די גרעסטע מתנה, דאָס האָסט דו פער־געסען.

פּראָפעסאָר רובעק: די גרעסטע—? וואָס פאַר אַ מתנה איז דאָס געווען?

א י ר ע נ ע: איך האָב דיר אוועקגעגעבען מיין יונגע לעבע־דיגע זעעלע, — און בין געבליבען שטעהן מיט א ליידיגער ברוסט —אָהן א נשמה. (קוקט איהם אָן מיט אַ פערגליווערטען בליק). דאַן בין איך דאָס געשטאָרבען, ארנאָלד.

די באַרמהאַרציגע שוועסטער עפענט אין גאַנצען אויף די טהיר און מאַכט איהר פּלאַץ. זי געהט אַריין אין פּאַוויליאָן.

פּ ר אָ פּ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט איהר נאָך אַ דערשלאָגענער; דאַן שעפּטשעט ער): אירענע!

צווייטער אַקט.

לעבען אַ הויך־בערגיגען סאַנאַטאָריום. די לאַנדשאַפט שטרעקט זיך אויס אין דער פאָרם פון אַן אונגעהייער גרויסען הויכען פעלד, אָהן איין בוים, וואָס ציהט זיך צו אַ לאַנגער באַרג־אָזיערע. אויף דער אַנדער זייט וואַסער הויבט זיך אויף אַ רייהע פון הויך־בערגיגע פעלזען, מיט בלוי־ווייסען שנעע אין די שפּאַלטען. אין פאָדערגרונד לינקס פליסט אַ טייכעל און פאַלט אַרונטער אין פאַנאַנדערגעטהיילטע פאַסען איבער אַ משופּע׳דיגע פעלזען־וואַנד און פון דאַנען פליסט עס ווייטער איבער׳ן שטיק לאַנד נאָך רעכטס. קליינע בוימלאַך, פלאַנצען און שטיינער איבער דער לייגג פונ׳ם טייכעל. אין פאָדערגרונד רעכטס אַ בערגעל מיט אַ שטיינערנע באַנק אויף׳ן שפּיץ. ס׳איז אַ זומערדיגער נאָכמיטאָג ניט ווייט פון זונען־אונטערגאַנג.

ניט זעהר ווייט פון דאָרט, אויף דער אַנדער זייט טייכעל, געפינט זיך אַ הויפען קליינע קינדער, וועלכע זינגען, טאַנצען און שפּיעלען זיך. אַ טהייל געהען אָנגעטהאָן ווי בויערן און אַ טהייל אין שטאָדטישע קליידער. מען הערט זייער פרעהליכען געלעכטער, וועלכער קלינגט האַלב־פערשטיקט דורך דער שטרעקע, וואָס שיידט זיי אָב פון דעם פּלאַץ.

פּראָפעסאָר רובעק זיצט אויבען אויף דער באַנק מיט אַ מאַנטעל איבער די שולטערן און קוקט אויף די קינדער, ווי זיי שפּיעלען זיך.

גלייך נאָכדעם קומט מאַיאַ ארויס פון צווישען קליינע בוימלאַך אויף׳ן פּלאַץ לינקס און קוקט זיך ארום, זיך פערשטעלענדיג די אויגען מיט דער האַנד. זי טראָגט אַ פלאַך טוריסטען־היטעלע, אַ קורץ אויפגעהויבען קליידעל, וואָס גרייכט קוים צו די קניע, און הויכע פעסטע שניר־שטיוועל. אין דער האַנד האַלט זי אַ לאַנגען באַרג־שטעקען.

מאיא (דערזעהט ענדליך רובעק'ען און שרייט אויס): האַ־לאָהאָ!

זי קומט צו נעהנטער; מיט דער הילף פון דעם באַרג־שטעקען שפּרינגט זי אריבער דאָס טייכעל און געהט ארויף אויף'ן בערגעל.

מאיא (סאָפּענדיג): אך, ווי איך בין דאָס אביסעל ארומגע־לאָפען, דיך זוכענדיג!

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט צו גלייכגילטיג מיט'ן קאָפּ און פרעגט): דו קומסט ארויף פון סאנאטאָריום?

מאיא: יאָ, אקאָרשט איצטער קום איך ארויס פון דער פליעגען־שאפע דאָרט.

פּראָפעסאָר רובעק (וואַרפט אויף איהר אַ בליק פון דער זייט): דו ביסט ניט געווען ביים טיש, האָב איך בעמערקט.

מאיא: גאנץ ריכטיג. מירביידע האָבען געפראוועט אונ־זער מיטאָג אונטער'ן פרייען הימעל.

פּראָפעסאָר רובעק: „מיר ביידע"? וואָס פאַר ביידע?

מאיא: נו, איך — און דער מורא'דיגער בערען־טויטער. ווער דען?

פּראָפעסאָר רובעק: אָה, ער.

מאיא: נו יאָ, און מאָרגען אין־דער־פריה געהען מיר וויע־דער ארויס.

פּראָפעסאָר רובעק: זיך יאָגען נאָך בערען?

מאיא: נו געוויס, זיי הרג'ענען און אָבשינדען פון זיי די פעל.

פּראָפעסאָר רובעק: זייט איהר כאָטש שוין געקומען אויף די שפּור פון איינעם?

מאיא (מיט אַן איבערלייגטען טאָן): וואָס רעדסט דו? דאָ אויבען אויף די נאקעטע בערג געפינט מען דאָך ניט קיין בערען.

פּראָפעסאָר רובעק: וואו דען זשע?

מ א י א: טיעף אונטען. אין די ניעדעריגערע טהיילען פון בארג, — דאָ, וואו דער וואלד איז זעהר געדיכט, און וואו גע־וועהנליכע שטאָדט־לייט קענען איבערהויפּט קיינמאָל ניט דורכ־קריכען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אַט דאָרטען ווילט איהרביידע מאָרגען ארונטערגעהן?

מ א י א (טהוט זיך אַ וואָרף אין גראָז): יאָ, אזוי האָבען מיר אָבגערעדט. נאָר אפשר וועלען מיר נאָך היינט אָבענד ארויסגעהן. — אויב דו האָסט גאָרנישט דאגעגען, הייסט עס.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: איך? ס'פאלט מיר נאָר ניט איין —

מ א י א (שנעל): איבעריגענס — לאָרס מיט די הינט גע־העז, פערשטעהט זיך, מיט אונז מיט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: איך האָב זיך דאָך גאָר ניט נאָכ־געפרעגט אויף דעם הערר לאָרס און זיינע הינט. אָבער ווילסט דו זיך ניט ליעבערשט אנידערזעצען ווי געהעריג איז דאָ אויף דער באנק?

מ א י א (מיעד): ניין, אַ דאנק. איך ליעג אזוי בעקוועם אין'ם ווייכען גראָז.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דו ביסט מיעד, זעה איך.

מ א י א (אָטהעמט טיעף): כ'מיין, אז איך הויב טאקי אָן ווערען מיעד.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דאָס קומט ערשט דערנאָך, — ווען די שפּאנונג איז אריבער.

מ א י א (מיט אַ שלעפערדיגען טאָן): נו יאָ. איך וויל בלויז צומאכען א ווייל די אויגען.

א קורצע פויזע.

מ א י א (פלוצלונג אונגעדולדיג): אוף, רובעק, — ווי אזוי קענסט דו דאָס גאָר אויסהאלטען, כסדר זיצען און זיך צוהערען צו די געשרייען פון אַט די קינדער! און זיך צוקוקען צו אַט די קונ־צען, וואָס זיי מאכען דאָרט!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: פאראַן מאָמענטען, ווען עס ליעגט עטוואָס הארמאָנישעס — א מין מוזיק וואָלט איך כמעט זאָגען — אין זייערע בעוועגונגען. און ווי אונגעשיקט און אונבע-האָלפען זיי זיינען ניט — דאָך אָט די איינצעלנע מאָמענטען, וואָס קומען אימער וויעדער, פערשאפען מיר פערגניגען.

מ אַ י א (מיט אַביסעל אַ שפּאָטישען שמייכעל): נו יאָ, דו ביסט דאָך אימער און אייביג א קינסטלער.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און וואָלט געווען גליקליך אי-מער צו בלייבען אזעלכער.

מ אַ י א (קעהרט זיך אום אויף דער זייט, אַזוי אַז זי ליעגט מיט'ן רוקען צו איהם): ע ר האָט אפילו קיין סימן פון קיין קינס-טלער ניט אין זיך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ו ו ע ר איז ניט קיין קינסטלער?

מ אַ י א (וויעדער מיט אַ שלעפּעריגען טאָן): נו—דער אנ-דערער.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דער בערען-יעגער, מיינסט דו?

מ אַ י א: נו אודאי. דער האָט אפילו קיין סימן פון קיין קינסטלער ניט אין זיך. קיין שום סימן ניט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שמייכעלט): ניין, זעהסטו, דאָ ביסט דו פאָלשטענדיג גערעכט.

מ אַ י א (מיט אַ היציגען טאָן, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט): און ווי העסליך ער איז! (רייסט ארויס אַ בינטעל גראָז און וואַרפט עס אַוועק פון זיך). אזוי העסליך, אזוי העסליך! אוה!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: געהסטו דעריבער אזוי גערן מיט איהם — אויף דער יאגד?

מ אַ י א (קורץ): וואָס וויים איך! (קעהרט זיך אום מיט'ן פנים צו איהם): דו ביסט אויך העסליך, רובעק.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: האָסט עס ערשט איצט אויס-געפונען?

מ אַ י א: ניין, כ'האָב עס שוין לאנג געזעהן.

פראָפעסאָר רובעק (ציהט מיט די אַקסלען): מען ווערט עלטער, פרוי מאיא, מען ווערט עלטער.

מאיא: ניט דאָס מיין איך. אָבער דיין בליק האָט בעקו־מען עפּעס א מיעדקייט, עטוואָס ענטזאגענדעס אין זיך—. ווען דו ביסט צייטענווייז אזוי גוט, א קוק צו טהאָן אויף מיר פון דער זייט—.

פראָפעסאָר רובעק: איז דאָס דיר אויפגעפאַלען?

מאיא (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ): וואָס ווייטער האָבען דיי־נע אויגען אלץ מעהר אָנגענומען דעם דאָזיגען שלעכטען אויסדרוק. עפּעס אזוי ווי דו וואָלסט ביי זיך אין מח געשפּונען א פינסטערע קאָנספּיראציע געגען מיר.

פראָפעסאָר רובעק: אזוי? (פריינדליך, נאָר ערנסט). קום אהער און זעץ זיך דאָ אנידער לעבען מיר, מאיא. מיר וועלען זיך אביסעל דורכשמועסען.

מאיא (הויבט זיך האַלב אויף): וועסט מיר לאָזען זיצען אויף דיינע קניע? ווי אין די ערשטע יאָהרען?

פראָפעסאָר רובעק: ניין, דאָס געהט ניט. מען קען אונז נאָך זעהן פון האָטעל אונטען. ((רוקט זיך אָב א שטיקעל). אָבער דאָ אויף דער באנק קענסט דו זיך זעצען — לעבען מיר.

מאיא: ניין, א דאנק; דאן בלייב איך בעסער ליעגען דאָ. איך הער אויך פון דאנען זעהר גוט. (קוקט איהם אָן מיט א פראגע). נו, פון וואָס האָסט דו אלזאָ געוואָלט ריידען?

פראָפעסאָר רובעק (הויבט אָן לאנגזאַם): פארוואָס, מיינסט דו, האָב איך ביי מיר אָבגעמאכט צו אונטערנעהמען די דאָזיגע זומער־רייזע?

מאיא: נו, — דו האָסט אפילו צווישען אנדערעס געזאָגט, אז דאָס וועט מיר פערשאפען אזוי פיעל פערגניגען. אָבער —

פראָפעסאָר רובעק: אָבער — ?

מאיא: אָבער איצט הויב איך ניט אָן גלויבען, אז דאָס איז געווען די אורזאך —

פראָפעסאָר רובעק: וואָס דען — ?

מ א י א: איצט גלויב איך, אז דאָס איז געשעהן צוליעב יע־נער בלייכער דאמע.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: מאדאם פאָן סאטאָוו — ?

מ א י א: יאָ, וועגען אָט דער פרוי, וועלכע געהט אונז נאָך טריט ביי טריט. נעכטען אָבענד האָט זי זיך דאָך אויך מיט אמאָל בעוויזען דאָ.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָבער וואָס פאלט דיר איין—?

מ א י א: נו, דו האָסט זי דאָך זעהר גוט געקענט. נאָך לאנג איידער דו האָסט זיך בעקענט מיט מ י ר.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און איך האָב זי אויך פערגעסען — א היבשע צייט איידער איך האָב דיך דערקענט.

מ א י א (זעצט זיך אויף): קענסטו אזוי לייכט פערגעסען, רובעק ?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קורץ): יא, אויסערגעוועהנליך לייכט. (לעגט צו שטריינג). ווען איך ו י ל פערגעסען.

מ א י א: אפילו א פרוי, וואָס איז געשטאנען פאר דיר אלס מאָדעל ?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ווען איך דארף זי מעהר ניט האָבען, —

מ א י א: אפילו ווען זי האָט זיך אויסגעטהאָן פאר דיר גאנץ נאקעט ?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דאָס שפּיעלט קיין ראָלע ניט. אלענפאלס פאר אונז קינסטלער. (נעהמט אָן אַן אַנדער טאָן). און, — מעג איך פרעגען, — ווי האָט מיר גאָר געקענט ארויפקומען אויף'ן זינען, אז זי איז דאָ אין לאנד ?

מ א י א: אָה, דו האָסט געקענט איבערלייענען איהר נאָמען אין א ליסטע פון געסט. ערגעץ־וואו אין א צייטונג.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָבער איך האָב גאָרנישט גע־וואוסט וואָס פאר א נאָמען זי טראָגט איצט. כ'האָב דאָך אין מיין לעבענס טאָג ניט געהערט פון קיין הערר פאָן סאטאָוו.

מאיא (מיט אן אויסדרוק פון מיעדקייט): נו, דו ליעבער גאָט, איז מן הסתם געווען עפּעס אן אנדער אורזאך, צוליעב וואָס דו האָסט געוואָלט מאכען אָט די רייזע.

פּראָפּעסאָר רובעק (ערנסט): יאָ, מאיא — ס'איז ווירקליך געווען צוליעב אן אנדער אורזאך א גאַנץ אנדער אורזאך. און מכח דעם טאקי מוזען מיר זיך ענדליך אמאָל גוט דורכ־שמועסען.

מאיא (אונטערדריקט אן אָנפאל פון געלעכטער): גאָט אין הי־מעל, ווי ערנסט דו זעהסט אוים!

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט אַ מיסטרוויליכען בליק, זו־כענדיג זי אויסצופאָרשען): יאָ, פיליכט אביסעל ערנסטער איי־דער ס'איז נויטיג.

מאיא: ווי —?

פּראָפּעסאָר רובעק: און נויטיג איז עס פונדעסטוועגען פאר אונז ביידען.

מאיא: דו הויבסט אָן מיך מאכען נייגיעריג, רובעק.

פּראָפּעסאָר רובעק: בלויז נייגיעריג? גאָר נישט אביסעל אונרוהיג?

מאיא (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): קיין האָר אויך ניט.

פּראָפּעסאָר רובעק: גוט. טאָ הער אלזאָ אוים. דו האָסט יענעם טאָג אונטען אין די בעדער געזאָגט, אז איך בין די לעצטע צייט געוואָרען זעהר נערוועז —

מאיא: יאָ, דאָס ביסטו ווירקליך געווען.

פּראָפּעסאָר רובעק: און וואָס, מיינסטו דו, קען זיין די אורזאך דערפון?

מאיא: ווי קען איך וויסען? (שנעל). אפשר האָט זיך דיר דאָס אייביגע צוזאמענלעבען מיט מיר צוגעגעסען?

פּראָפּעסאָר רובעק: אייביגע —? באלד וועסטו גאָר זאָגען: אימער און אייביגע.

מאיא: נו, זאָל זיין: דאָס טעגליכע צוזאמענלעבען. מיר צוויי בעזדיעטניקעס, מיר זיינען דאך שוין אזוי פולע פיער, פינף

יאָהר איינס לעבען דאָס אנדערע און מיר האָבען זיך דאָך נאָך כמעט אויף א שעה צייט ניט צושיידט. — מירביידע זיינען כסדר אליין פאר זיך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (פעראינטערעסירט): נו, און — ?

מ אַ י אַ (אַביסעל געדריקט): דו ביסט גראָד ניט קיין געזעל־שאפטס־מענש, רובעק. דו געהסט זיך דיין אייגענעם וועג פאר זיך און גיבסט זיך אָב מיט דיינע אייגענע אינטערעסען. און איך קען מיט דיר מכח דיינע אייגענע זאכען ריכטיג גאָר ניט רעדען, — מכח אָט די קונסט־פראגען און אזוי ווייטער. (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד). און דעם אמת זאָגענדיג, אינטערעסירט עס מיר אויך גאָר ניט אזוי שטארק.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: נו יאָ; דעריבער זיצען מיר דאָך טאקי דאָס רוב ביים קאמין און ריידען מכח דיינע זאכען.

מ אַ י אַ: אַך, דו ליעבער גאָט, — וואָס פאר זאכען האָב איך דען!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דאָס זיינען טאקי ניט מעהר ווי קליינינגקייטען; אָבער יעדענפאלס די צייט פערשווינדט דערביי פונקט ווי ביי עפּעס אנדערש, מאיא.

מ אַ י אַ: יאָ, דו ביסט גערעכט. זי פערשווינדט. זי האלט אין פערשווינדען פון דיר, רובעק. — און ד אָ ס, מיין איך, מאכט דיך אזוי אונרוהיג —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שאָקעלט שטארק מיט׳ן קאָפּ): און אזוי ניט־פעסט. (דרעהט זיך אום אַהין און אַהער אויף דער באַנק). איך וועל באלד איינפאך ניט קענען אריבערטראָגען דאָס דאָזיגע קלעגליכע לעבען!

מ אַ י אַ (שטעהט אויף און קוקט איהם אַ ווײלע אָן): אויב דו ווילסט פון מיר פטור ווערען, טאָ זאָג עס אָפען ארויס.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: וואָס זיינען דאָס פאר ווערטער? פון דיר פטור ווערן!

מ אַ י אַ: אויב דו ווילסט זיין פריי, זאָלסט דו זיך גאָר ניט

שעהמען און עס גאַנץ אָפּען זאָגען. און איך וועל זיך גלייך נעהמען דעם וועג.

פּראָפּעסאָר רובעק (שמייכעלט כמעט אונבעמערקבאַר): וואָס, דו מיינסט מיך צו סטראַשען דערמיט, מאיא?

מאיא: פאַר דיר קען דאָס דאָך אודאי קיין סטראַשונאָק ניט זיין.

פּראָפּעסאָר רובעק (הויבט זיך אויף): ניין, איי־גענטליך ניט. (לעגט צו אין אַ ווייַלע ארום): ס'איז אונמעגליך מירביידע זאָלען אזוי ווייטער לעבען צוזאמען —

מאיא: נו אלזאָ — !

פּראָפּעסאָר רובעק: כ'בעט דיך אָהן „אלזאָ". (מיט אַן איינדרוקספולען טאָן). אויב מיר ביידע קענען ווייטער ניט לע־בען אזוי אליין, — איז נאָך דערפון ניט געדרונגען, אז מיר דאַר־פען זיך שיידען.

מאיא (מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל): נור אביסילע דערוויי־טערן זיך איינס פון אנדערן, וואָס?

פּראָפּעסאָר רובעק: אפילו דאָס אויך ניט.

מאיא: נו, קום דאָך ארויס דערמיט, — וואָס ווילסט דו פאַרט מאַכען מיט מיר?

פּראָפּעסאָר רובעק (אַביסעל אונזיכער): וואָס איך פיהל איצט אזוי שטאַרק און אזוי שמערצליך אז מיר פעהלט, איז אַ מענש, וואָס שטעהט ווירקליך גאַנץ נאָהענט צו מיר —

מאיא (שלאָגט איהם איבער די רייד): טהו איך דאָס ניט, רובעק?

פּראָפּעסאָר רובעק (אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד): פערשטעה מיך ניט פאַלש. איך מוז האָבען אימיצען, וואָס זאָל מיך אויספילען, — מיך גאַנץ מאַכען, — ווערן איינס מיט מיר אין מיין גאַנצען טהאָן און שאַפען.

מאיא (לאַנגזאַם): נו, אזעלכע הויכע פאָדערונגען האָב איך מורא אז איך קען ווירקליך ניט נאָכקומען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: יאָ, דערצו ביסטו ניט געשאַ־פען, מאיא.

מ א י א (מיט היטץ): און איין גאָט ווייס דעם אמת, אז איך האָב גאָר קיין חשק ניט דערצו.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. — און איך האָב גאָר אפילו אין זינען ניט געהאַט צו געפינען אין דיר אזא מין הילף, ווען איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט.

מ א י א (זיך איינקוקענדיג אין איהם): איך קען דערקענען אין דיין פנים, אז דו טראַכסט איצט וועגען אַן אַנדערע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ווירקליך? איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז דו ביסט א געדאַנקען־לעזערין אויך. וואָס, דו זעהסט עס אויף מיין פנים?

מ א י א: יאָ, איך זעה עס. אָה, איך קען דיך אזוי גוט, רו־בעק, אזוי גוט!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אויב אזוי ווייסט דו אפשר אויך וועגען ו ו ע מ ע ן איך טראַכט?

מ א י א: אודאי ווייס איך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אנו? לאָמיר הערען—?

מ א י א: דו טראַכסט וועגען יענעם — וועגען יענעם מאָדעל, וואָס דו האָסט אמאָל געהאַט, כדי — (פערליערט פלוצלונג דעם פאָדים פון איהרע געדאַנקען). דו ווייסט, אז די לייט אין האָטעל האַלטען זי פאַר א משוגע'נע?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אזוי? און וואָס דענקען די לייט אין האָטעל פון דיר און דעם בערען־טויטער?

מ א י א: דאָס האָט גאָרנישט צו טהאָן דערמיט. (קומט צו־ריק צו איהר פריהערדיגען געדאַנק). אָבער יעדענפאַלס האָסט דו גע־טראַכט וועגען דער דאָזיגער בלייכער דאַמע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (פעסט): וועגען איהר און קיין אַנדערער. — ווען איך האָב זי מעהר ניט געדאַרפט, — און ווען זי האָט מיך אחוץ דעם נאָך פערלאָזען — פערשוואונדען פון מיר אָהן א שום וואָרט, דאַן —

מאיא: דאן האסט דו מיך גענומען ווי א זאך, מיט וואס זיך אויסצוהעלפען אין דער נויטה?

פראפעסאר רובעק (מיט ווייניגער איינזעהעניש): אפען גערעדט, אן ערך אזוי איז עס טאקי געווען, מיין קליינע מאיא. א יאהר אדער אנדערהאלבען האב איך אזוי געלעבט איינזאם, זיך גריבלענדיג אין זיך, און האב ארויפגעלעגט די לעצטע, די אלער לעצטע שטריכען אויף מיין ווערק. דער „טאג פון תחית המתים" איז ארוים אויף דער וועלט און האט מיר געבראכט א גרויסען נאמען — און אלע אנדערע הערליכקייטען. (ווארעמער). אבער איך האב מעהר מיין אייגען ווערק ניט ליעב געהאט. און די קרענץ און דער ווייהרוך פון די מענשען זיינען מיר אזוי צו־ווידער געווען, אז איך וואלט פון פערצווייפלונג ליעבערשט אנטלאפען אין די פינסטערסטע וועלדער. (קוקט זי אן). נו, דו ביזט דאך א געדאנקען־לעזערין, קענסט אפשר טרעפען וואס מיר איז דאן איינגעפאלען?

מאיא (מיט א לייכטזיניגען טאן): יא, — דיר איז איינגעפאלען צו מאכען פארטרעט־ביוסטען פון העררען און דאמען.

פראפעסאר רובעק (שאקעלט מיט'ן קאפ): אויף בעשטעלונג, יא, מיט פנים'ער פון חיות הינטער די מאסקען. די האבען זיי געקראגען אומזיסט — אלס צוגאב, פערשטעהסט דו מיך. (מיט א שמייכעל). אבער ניט דאס האב איך אייגענטליך געמיינט.

מאיא: וואס דען?

פראפעסאר רובעק (ווייעדער ערנסט): אט דער גאנצער קינסטלער־פאך און די גאנצע קינסטלערישע טהעטיגקייט — און אלעס, וואס איז שייך דערצו, — האט מיר אנגעהויבען אויסוויזען גאנץ פוסט און הויהל און אהן א שום זינן.

מאיא: וואס האסטו דען געוואלט אנשטאט דעם?

פראפעסאר רובעק: לעבען, מאיא.

מאיא: לעבען?

פראפעסאר רובעק: יא, איז דען ניט הונדערט מאל

מעהר ווערטה צו פיהרען א לעבען אין זונענשיין און שעהנקייט, איידער זיך פלאגען צום טויט דאָס גאנצע לעבען לאנג אין א נאס־קאלטער הייהל מיט שטיקער גיפס און שטיין?

מ א י א (מיט אַ לייכטען זיפץ): יאָ, דאָס איז תמיד מיין מיינונג געווען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און דאן בין איך דאָך אויך געוואָרען רייך גענוג, כדי צו לעבען אין לוקסוס און אין הוילע זו־נענשיין. איך האָב זיך געקענט אויפבויען די ווילא ביי דער טאוניצער אזיערע און דעם פאלאץ אין דער הויפט־שטאָדט. פון אלעם איבעריגע איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען.

מ א י א (אין איהר מאַן׳ס טאָן): און צו גוטער לעצט האָסט דו נאָך געהאט די מיטלען מיך צו קריגען, און האָסט זיך מיט מיר מיט אלע דיינע אוצרות געטהיילט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט אַ שפּאַס, עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט איבערבייטען דעם געשפּרעך): האָב איך דיך דען ניט גע־וואָלט מיטנעהמען אויף א הויכען בארג, כדי דיר צו ווייזען די גאנצע הערליכקייט פון דער וועלט?

מ א י א (מיט אַ מילדען אויסדרוק): עס מעג טאקי זיין א גאנץ הויכער בארג, דער, אויף וועלכען דו האָסט מיך מיטגענומען, רו־בעק, — נאָר די גאנצע הערליכקייט פון דער וועלט האָסטו מיר ניט געוויזען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (לאַכט גערייצט): אָך, ביסט ד ו דאָס אביסעל אונצופריעדען, מאיא! א ז ו י אונצופריעדען! (מיט אַ פּייערדיגען טאָן). אָבער ווייסט דו וואָס עס איז טרויעריגער פון אלצדינג? האָסט דו ד ע ר פ ו ן כאָטש דעם מינדסטען בעגריף?

מ א י א (מיט אַ שטילען אָבער פעסטען טאָן): וואָס דו האָסט זיך מיט מיר פערבונדען אויף׳ן ג א נ צ ע ן לעבען לאנג, — דאָס איז עס מסתמא.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: איך וואָלט זיך ניט אויסגע־דריקט אזוי אומ׳ברחמנות׳דיג.

מאיא: אָבער דער זינן וואָלט אודאי געווען פונקט אזוי אומ'ברחמנות'דיג.

פראָפעסאָר רובעק: דו האָסט ניט קיין קלאָרען בעגריעף וואָס עס טהוט זיך ביי א קינסטלער אין דער נשמה.

מאיא (שמייכעלט און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): גאָט מיינער, איך האָב דאָך אפילו קיין בעגריעף ניט וואָס עס טהוט זיך ביי מיר אין מיין אייגענער נשמה.

פראָפעסאָר רובעק (זעצט פאָרט אונגעשטערט): איך לעב אזוי שנעל, מאיא. דאָס איז שוין אזוי ביי אונז קינסטלער. איך פאר מיין טהייל האָב אין די פּאָר יאָהר, וואָס מיר קענען זיך, א גאנץ לעבען דורכגעלעבט. מענשען ווי איך געפינען ניט קיין גליק און וואוילטאָג אין אלערליי תענוגים פון דעם געוועהנליכען סאָרט; דאָס האָב איך ביסלעכווייז איינגעזעהן. אזוי איינפאך איז דאָס לעבען ניט פאר מיר און מיינסגלייכען. איך מוז כסדר ארבייטען — שאפען איין ווערק אויף דאָס אנדערע — ביז צו מיינע לעצטע טעג. (זיך צווינגענדיג ווייטער צו ריידען). אָט דער־פאר קען איך מיט דיר לענגער ניט אויסקומען, מאיא. — ווענינ־סטענס ניט מיט דיר אליין.

מאיא (רוהיג): זאָל דאָס מיט אנדערע ווערטער הייסען קלאָר און פשוט, אז איך בין דיר נמאס געוואָרען?

פראָפעסאָר רובעק (פּלאַצט ארויס): נו יאָ, דאָס איז דאָס! נמאס איז מיר געוואָרען דאָס דאָזיגע צוזאמענלעבען מיט דיר, נמאס ומאוס! איצט ווייסט דו עס. (בעהערשט זיך). הארטע, מיאוס'ע ווערטער זאָג איך דיר דאָ. דאָס פיהל איך אליין גאנץ גוט. און דו ביסט גאָרנישט שולדיג אין דעם, — דאָס גיב איך גערן צו. איך, און נור איך האָב דורכגעלעבט אן אומוואנדלונג — (האַלב פאַר זיך) — און אן ערוואכונג צו מיין ווירקליכען לעבען.

מאיא (לעגט ניט ווילענדיג צונויף די הענד): אָבער פאר־וואָס, פרעג איך, קענען מיר דען ניט געהן יעדער זיין וועג?

פראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן איבערראַשט): — וואָס, דו וואָלסט געוואָלט — ?

מ אַ י אַ (ציהט מיט די אַקסלען): יאָ, עס מוז אַזוי זיין —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט פייער): עס מ ו ז אָבער ניט זיין. פ אַ ר ה אַ ן אַן אויסוועג —

מ אַ י אַ (הויבט אויף דעם פינגער): איצט טראכסט דו שוין ווידער וועגען דער בלייכער דאמע!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: יאָ, דעם ריינעם אמת געזאָגט, איך מוז כסדר טראכטען וועגען איהר פון דער רגע אָן, וואָס איך האָב זי ווידער דערזעהן. (אַ טריט נעהנטער). דען איצט וויל איך דיר עפּעס אנפערטרויען, מאיא.

מ אַ י אַ: נו?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (גיט זיך אַ קלאַפּ אויף דער ברוסט): זעהסט דו, אָט דאָ אינעווייניג, — דאָ האָב איך אַ גאַנץ קליין פערשלאָסען קעסטעלע. און אין דעם דאָזיגען קעסטעלע ליעגען בעהאַלטען אַלע מיינע חלומות פון אַ סקולפּטאָר. נאָר ווען זי איז פערשוואונדען און האָט נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפּור, איז דער דעקעל צוגעפאַלען און דאָס קעסטעלע האָט זיך פערשלאָסען. און זי האָט דעם שליסעל געהאַט—און איהם מיטגענומען מיט זיך. — דו, מיין קליינע מאיא, האָסט ניט געהאַט קיין שליסעל. דעריבער ליעגט אַלצדינג אונבענוצט אינעווייניג. — און די יאָהרען פערגעהען! און איך קען ניט און קען ניט בשום אופן צוקומען צום אוצר.

מ אַ י אַ (אונטערדריקענדיג אַ ביטרען שמייכעל): טאָ זאָל זי עס דיר ווידער אויפשליסען —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (פערשטעהט ניט): מאיא — ?

מ אַ י אַ: זי איז דאָך איצט דאָ. און זי איז דאָך אודאי געקומען אהער צוליעב דעם דאָזיגען קעסטעלע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: קיין איין וואָרט האָב איך מיט איהר ניט גערעדט וועגען אָט דער זאַך.

מ אַ י אַ (קוקט איהם אָן אונשולדיג): אָבער, ליעבער רובעק, — איז דען ווערטה צו מאכען אזא ווען וועגען אזא איינפאכע זאַך ווי ד י?

פראָפעסאָר רובעק: דו מיינסט דען, אז דאָס איז אזוי איינפאך?

מאיא: יעדענפאלס דענק איך אזוי. דו פערבינד זיך נור מיט דעם מענשען, וואָס קען דיר אם בעסטען נוטצען. (שאָקעלט איהם צו מיט'ן קאָפּ). איך וועל נאָך אימער געפינען א פלאץ פאר מיר.

פראָפעסאָר רובעק: און וואו?

מאיא (אָהן זאָרג): נו, איך דארף דאָך בלויז אריבערציהען אין דער ווילא, אויב עס וועט זיין נויטיג. אָבער עס וועט גאָר־נישט נויטיג זיין. וואָרים אין שטאָדט — אין אונזער גרויסען הויז — וועט דאָך אודאי, מיט אביסעל גוטען ווילען, זיין פלאץ פאר דריי.

פראָפעסאָר רובעק (אונזיכער): און דו מיינסט, אז עס וואָלט געקענט אזוי אָנגעהן אויף שטענדיג?

מאיא (מיט אַ לייכטען טאָן): ליעבער גאָט, — וועט עס ניט געהן, איז נישט. ס'לוינט דאָך ניט איצט זיך צוברעכען דעם קאָפּ דעריבער.

פראָפעסאָר רובעק: און אויב עס וועט ניט געהן, מאיא, — וואָס וועט דאַן זיין?

מאיא (אָהן א שום זאָרג): דאַן וועלען מיר זיך איינפאך איינס דאָס אנדערע אָבטרעטען דעם וועג. לחלוטין אָבטרעטען דעם וועג. נישקשה, איך וועל נאָך אימער געפינען מיין פלאץ אין דער וועלט. וואו איך וועל זיין פריי, פריי! פריי! — ניט נויטיג זיך צו נעהמען אזוי צום הארצען דעריבער, הערר פראָפעסאָר. (ווייזט פלוצלונג אָן נאָך רעכטס). נא! אָט איז זי דאָך.

פראָפעסאָר רובעק (דרעהט אום דעם קאָפּ): וואו?

מאיא: דאָרט אויף דער אנדער זייט. ווי א מארמאָר־סטאַטוע, אזוי גלייך געהט זי. זי קומט אהער.

פראָפעסאָר רובעק (קוקט אריבער, מיט דער האַנד איבער די אויגען): איז זי ניט די פערקערפערונג פון תחית המתים? (פאר זיך). און זי האָב איך דאָס געקענט אָבלייגען אָן א זייט —

אין שאָטען אוועקשטעלען — איבערמאַכען —. אָה, נאַר וואָס איך בין געווען!

מ א י א: וואָס מיינסט דו דערמיט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (אַוועקמאַכענדיג די פראַגע אָהן אַ זייט): גאָרנישט. אַלענפאַלס קיין זאַך ניט, וואָס דו וואָלסט געקענט פערשטעהן.

א י ר ע נ ע קומט פון רעכטס איבער'ן פעלד. די שפּיעלענדע קינדער האָבען שוין פריהער דערזעהן ווי זי קומט און זיינען איהר אַנטקעגען געלאָפען. איצט איז זי ארומגערינגעלט פון זיי; אַ טהייל זעהען אויס צופריעדען און צוטרויליך, אַנדערע שרעקענדיג. זי רעדט גאַנץ שטיל צו זיי און הייסט זיי ארונטערגעהן אין סאַנאַטאָריום; זי אַליין וויל זיך אַביסעל אויסרוהען ביים טייכעל. די קינדער לויפען באַרג אַראָב לינקס. אירענע געהט צו צו דער באַרג־וואַנד און לאָזט די קיהלע וואַסער־שטראַהלען רינען איבער איהר האַנד.

מ א י א (מיט אַ נידעריגער שטימע): געה ארונטער צו איהר און רייד מיט איהר אונטער פיער אויגען, רובעק.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און וואו וועסט דו דערווייל אוועקגעהן?

מ א י א (קוקט איהם אָן מיט אַ בעדייטענדען בליק): פון היינט אָן געה איך מיין אייגענעם וועג.

זי געהט אַרונטער פון שפּיץ באַרג און מיט דער הילף פון איהר שטעקען שפּרינגט זי אריבער דעם טייכעל. לעבען אירענע'ן בלייבט זי שטעהן.

מ א י א: רובעק וואַרט אויף אייך אויבען, מאַדאַם.

א י ר ע נ ע: וואָס וויל ער פון מיר?

מ א י א: איהר זאָלט איהם העלפען עפענען אַ קעסטעלע, וואָס דער דעקעל האָט זיך צוגעקלאַפּט צום שלאָס.

א י ר ע נ ע: קען איך עס?

מ א י א: ער זאָגט, איהר זייט די איינציגע, וואָס קען עס.

א י ר ע נ ע: דאַן וועל איך עס פּרובירען —

מ א י א: יאָ, איהר מוזט עס טהאָן, מאַדאַם.

זי געהט אַרונטער מיט'ן וועג צום סאַנאַטאָריום.

גלייך נאכדעם קומט פּראָפעסאָר רובעק ארונטער צו אירענע'ן, נאָר אַזוי אַז דאָס טייבעל בלייבט צווישען זיי.

אירענע (נאָך אַ קורצער פּויזע): די אנדערע האָט געזאָגט, אַז דו האָסט געוואַרט אויף מיר.

פּראָפעסאָר רובעק: יאָהר פאר יאָהר האָב איך אויף דיר געוואַרט — און איך האָב עס גאָר אליין ניט געוואוסט.

אירענע: איך האָב ניט געקענט קומען צו דיר, ארנאָלד. איך בין דאָן געלעגען און געשלאָפען דעם לאַנגען, טיעפען שלאָף, פול מיט חלומות.

פּראָפעסאָר רובעק: אָבער איצט האָסט דו ערוואכט, אירענע!

אירענע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): כ'האָב נאָך אַלץ יענעם שווערען, טיעפען שלאָף אין די אויגען.

פּראָפעסאָר רובעק: דו וועסט זעהן, ס'וועט טאָג ווערן פאַר אונז ביידען. אַנהויבען טאָגען און ליכטיג ווערן.

אירענע: גלויב דאָס ניט.

פּראָפעסאָר רובעק (מיט היטץ): איך גלויב עס! און איך ווייס עס! איצט, אַז איך האָב דיך צוריק געפונען —

אירענע: פון קבר אויפגעשטאנען —

פּראָפעסאָר רובעק: און פערוואַנדעלט!

אירענע: נור אויפגעשטאנען פון קבר, ארנאָלד. ניט פערוואנדעלט.

ער געהט אַריבער צו איהר אויף די שטיינער אונטער דעם וואַסערפאַל.

פּראָפעסאָר רובעק: וואו ביסט דו געוועזן דעם גאַנצען טאָג, אירענע?

אירענע (ווייזט אין דער ווייטען): ווייט אוועק, אין די פעלדער פון טויט—

פּראָפעסאָר רובעק (בייטענדיג דעם געשפּרעך): דו האָסט ניט דיין — דיין פריינדין היינט מיט דיר, ווי איך זעה.

אירענע (שמייכעלט): מיין פריינדין נעהמט פונדעסט־וועגען ניט אראב קיין אויג פון מיר.

פראפעסאר רובעק: קען זי דאס?

אירענע (קוקט זיך אום מיט שרעק): מעגסט זיין זיכער אז זי קען. וואו איך געה און שטעה. זי פערלירט מיך קיינמאל ניט פון אויג — (שעפטשעט) — ביז וואנען איך וועל זי אין א שעה־נעם פריה־מארגען דער׳הרג׳ענען.

פראפעסאר רובעק: דו וואלסט דאס געטהאן?

אירענע: פון גאנצען הארצען. ווען איך וואלט נור גע־פונען א געלעגענהייט דערצו.

פראפעסאר רובעק: פאר וואס פארט?

אירענע: ווייל זי איז א מכשפה. (געהיימניספול). שטעל זיך פאר, ארנאלד, — זי האט זיך אין מיין שאטען פערוואנדעלט.

פראפעסאר רובעק (זוכט זי צו בערוהיגען): נו, נו, — א שאטען מוזען מיר דאך אלע האבען.

אירענע: איך בין מיין אייגענער שאטען. (פלאצט ארויס). פערשטעהסטו מיך דען ניט!

פראפעסאר רובעק (מיט אן אומעטיגען טאן): יא, יא, אירענע, איך פערשטעה דיך. (זעצט זיך אויף א שטיין ביים טייכעל. זי שטעהט הינטער איהם, אנגעשפארט ביי דער פעלז־וואנד).

אירענע (נאך א פויזע): וואס זיצסט דו דא און קעהרסט אב די אויגען פון מיר?

פראפעסאר רובעק (שטילערהייט, שאקעלט מיט׳ן קאפ): איך טאר דיך ניט — כ׳טאר דיך ניט אנקוקען.

אירענע: פארוואס עפעס אויף איינמאל טארסט דו ניט?

פראפעסאר רובעק: דיך מוטשעט א שאטען, און מיך מיין נאגענדע חרטה.

אירענע (מיט א פריידענ־געשריי און ערלייכטערט): ענדליך!

פראפעסאר רובעק (שפרינגט אויף): וואס איז דיר?

אירענע (מאכט מיט דער האנד): נור רוהיג, רוהיג, רוהיג! (אטהעמט טיעף אויף און זאגט, עפעס אזוי ווי א שטיין וואלט איהר

אראָב פון האַרצען). אזוי. ענדליך האָבען זיי מיך פריי געלאָזען, פאר דאָס מאָל. — איצט קענען מיר זיך אנידערזעצען און פער-ברייננגען ווי פריהער — ווען איך האָב נאָך געלעבט.

פראָפעסאָר רובעק: אָה, ווען מיר וואָלטען עס נור ווירקליך געקענט טהאָן.

אירענע: זעץ זיך צוריק אויף דין פּלאַץ. און איך וועל זיך זעצען לעבען דיר.

ער זעצט זיך צוריק אויף'ן שטיין, זי אויף אַן אַנדערן ניט ווייט פון איהם.

אירענע (נאָך אַ קורצער פּויזע): איצט בין איך אלזאָ צו-ריקגעקומען צו דיר פון די ווייטסטע לענדער, ארנאָלד.

פראָפעסאָר רובעק: יאָ, ווירקליך, פון א רייזע, וועל-כע איז געווען לאנג אָהן א שיעור.

אירענע: צוריק צו מיין הערר און מייסטער —

פראָפעסאָר רובעק: אהיים — וואו מיר זיינען אין דערהיים, אירענע.

אירענע: האָסט דו טאָג אוים טאָג איין אויף מיר גע-ווארט?

פראָפעסאָר רובעק: ווי האָב איך עס געקענט?

אירענע (מיט אַ זייטענבליק): ניין, — ווי האָסט דו דאָס ווירקליך געקענט? דו האָסט דאָך גאָרנישט געוואוסט.

פראָפעסאָר רובעק: ווי איז דאָס, — דו האָסט זיך דעמאָלט ווירקליך ניט צוליעב אַן אנדערען ארויסגעמאכט פון מיר?

אירענע: דענקסטו ס'האָט גאָר ניט געקענט זיין צוליעב דיר, ארנאָלד?

פראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַ אונזיכערען בליק): איך פערשטעה דיך ניט — ?

אירענע: בעת איך האָב דיר מיט ליעב און זעעל געדיענט — און די סטאטוע איז דאָרט געשטאנען פארטיג, — אונזער קינד, ווי דו האָסט זי גערופען, — דאַן האָב איך דיר צופוסען אוועקגע-

ליגט דעם טייערסטען קרבן מיינעם — און זיך אליין אויסגעמעקט אויף אייביג.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (לאָזט אראָב דעם קאָפּ): און דער־מיט האָסט דו מיין לעבען פּוסט געמאכט.

א י ר ע נ ע (פּלוצלונג אויפברויזענדיג): אָט ד אָ ס טאקי האָב איך געוואָלט. ק י י ן ז א ך האָט דיר ניט געטאָרט מעהר גע־לינגען. ק י י ן ז א ך ניט מעהר, — נאָכדעם ווי דו האָסט אָט דאָס איינציג קינד אונזערס געשאַפען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: איז עס געווען אייפערזוכט וואָס האָט דיך געטריבען דערצו?

א י ר ע נ ע (קאַלט): איך מיין, ס'איז גיכער געווען האס איידער אייפערזוכט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: האס? געגען מיר?

א י ר ע נ ע (ווידער מיט פייער): יאָ, געגען דיר, געגען דעם קינסטלער, וועלכער האָט אזוי לייכט און אָהן א שום איינזעהע־ניש גענומען א ווארם בלוטיגען לייב, א יונג מענשען־לעבען, און ביי איהם די נשמה זיינע ארויסגע'גנב'עט, — ווייל ס'האָט געמוזט ווערען דערפון א קונסטווערק.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און דאָס מוז איך פון ד י ר הערען —? צי האָסטו ניט, גליהענדיג פאר ליידענשאפט און היי־ליגען פערלאנגען, זיך מיט מיין ארבייט געטהיילט? מיט דער אר־בייט, צו וועלכער מיר פלעגען זיך יעדען פריה־מאָרגען צונויפטרע־פען אזוי ווי צו א גאָטעס־דיענסט?

א י ר ע נ ע (קאַלט ווי פריהער): איך וויל דיר וואָס זאָגען, ארנאָלד.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: נו?

א י ר ע נ ע: איך האָב קיינמאָל דיין קונסט ניט ליעב גע־האט. ניט פריהער איידער איך האָב זיך מיט דיר בעקענט — און אויך ניט נאָכדעם.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָבער דעם קינסטלער, אירענע?

א י ר ע נ ע: דעם קינסטלער האָס איך.

פראפעסאר רובעק: אויך דעם קינסטלער אין מיר?

אירענע: דעם מעהר פון אלעמען. ווען איך בין געשטאנען אין גאנצען אויסגעטהאן פאר דיר, דאן האב איך דיך געהאסט, ארנאלד—

פראפעסאר רובעק (ווארים): ניין, אירענע! דאס איז ניט אמת!

אירענע: כ'האב דיך געהאסט, ווייל דו האסט געקענט בלייבען אזוי אונבעריהרט—

פראפעסאר רובעק (לאכט): אונבעריהרט? אזוי מיינסט דו?

אירענע: — אדער וועניגסטענס אזוי פול מיט זעלבסט־בעהערשונג. און ווייל דו ביסט א קינסטלער געוועזען, בלויז א קינס־טלער — ניט קיין מאן. (נעהט אן א ווארעמען, הארציגען טאן): אבער די סטאטוע אין דעם נאסען, לעבעדיגען ליים, די האב איך ליעב געהאט, — ווי פון דער דאזיגער רויהער מאסע אהן א שום פארם, האט זי זיך אויפגעהויבען ווי א לעבעדיג מענשען־קינד, — ווארים דאס איז געוועזן אונזער שעפפונג, אונזער קינד. מיינס און דיינס.

פראפעסאר רובעק (מיט אן אומעטיגען טאן): דאס איז עס טאקי געוועזן אין גייסט און אין דער וואהרהייט.

אירענע: זעהסט דו, ארנאלד, צוליעב אט דעם קינד האב איך עס אונטערנומען די לאנגע רייזע.

פראפעסאר רובעק: (פלוצלונג אויפמערקזאם): צו־ליעב אט דעם מארמאר־בילד — ?

אירענע: רוף עס ווי דו ווילסט. איך רוף עס אונזער קינד.

פראפעסאר רובעק (אונרוהיג): און איצט ווילסטו עס זעהן? פארטיג? אין „קאלטען" מארמאר, ווי דו פלעגסט תמיד זאגען? (מיט אינטערעס). דו ווייסט אפנים ניט, אז עס שטעהט אין א גרויסען מוזעאום — ווייט אין דער וועלט ארוים?

אירענע: כ'האב עפעס געהערט וועגען דעם.

פראָפעסאָר רובעק: און מוזעאומס האָבען דאָך שטענדיג דיך געגרוילט. דו פלעגסט זיי אימער רופען קברים־שטיבער.

אירענע: איך וויל מאכען א רייזע צו דעם אָרט, וואו מיין זעעלע און דאָס קינד פון מיין זעעלע ליעגען בעגראָבען.

פראָפעסאָר רובעק (אונרוהיג און דערשראָקען): דו טאָרסט קיינמאָל דאָס ווערק ניט זעהן! הערסט דו, אירענע. איך בעט דיך — ! קיינמאָל, קיינמאָל טאָרסט דו עס מעהר ניט זעהן!

אירענע: דו מיינסט אפשר, אז איך וואָלט דערפון נאָך אמאָל געשטאָרבען?

פראָפעסאָר רובעק (פערברעכט מיט די הענד): איך ווייס אליין ניט וואָס איך מיין. — אָבער ווי האָט עס מיר געקענט ארויפקומען אויף'ן זינען, אז דו וועסט זיך פיהלען אזוי שטארק צוגעבונדען צו דעם דאָזיגען בילד? אז דו האָסט מיך פערלאָזען, — נאָך איידער ס'איז אין גאנצען געענדיגט געווען.

אירענע: ס'איז געווען געענדיגט. דערפאר האָב איך געקענט רוהיג אוועקגעהן — און דיך לאָזען אליין.

פראָפעסאָר רובעק (די עלענבויגען אויף די קניע, וויגט דעם קאָפּ האַלטענדיג די הענד פאר די אויגען): ס'איז נאָך ניט גע־ווען דאָס, וואָס עס איז שפּעטער געוואָרען.

אירענע (ציהט שטילערהייט און שנעל ווי א בליץ ארויס אויף דער העלפט אַ דינעם, שפּיציגען מעסער, וואָס זי טראָגט אין בוזעם, און פרעגט מיט אַ הייזעריגער, שעפּטשענדער שטימע): ארנאָלד, האָסט דו אונזער קינד עפּעס שלעכטס געטהאָן?

פראָפעסאָר רובעק: עפּעס שלעכטס? — ווי קען איך וויסען וואָס דו רופסט אָן שלעכטס?

אירענע (אָהן אַן אָטהעם): זאָג מיר גלייך אויפ'ן שטעל, וואָס דו האָסט דעם קינד געטהאָן.

פראָפעסאָר רובעק: איך וועל דיר זאָגען, ווען דו וועסט זיך רוהיג אנידערזעצען און מיך אויסהערען.

אירענע (בעהאַלט דאָס מעסער): איך וועל דיך אויסהערען אזוי רוהיג ווי א מוטער קען, ווען —

פּראָפעסאָר רובעק (שלאָגט איהר איבער די רייד): און דאַן, קוק ניט אויף מיר, בעת איך דערצעהל.

אירענע (זעצט זיך אויף אַ שטיין הינטער זיין רוקען): אַט זעץ איך זיך דאָ הינטער דיר. — און איצט פאַנג אָן.

פּראָפעסאָר רובעק (נעהמט אַוועק די הענד פון די אויגען און קוקט גלייך פאַר זיך): בעת איך האָב דיך אויסגעפונען, איז מיר אין דער זעלבער רגע גלייך קלאָר געוואָרען, ווי אזוי מיין לעבענסווערק האָט געזאָלט פון דיר געשאַפען ווערען.

אירענע: „דער טאָג פון תחית המתים" האָסט דו גערופען דיין לעבענס-ווערק. — איך רוף עס „אונזער קינד".

פּראָפעסאָר רובעק: איך בין נאָך דאַן יונג געווען און אָהן אַ שום לעבענס-ערפאהרונג. די „תחית המתים", האָב איך זיך געטראַכט, מוז אַם שעהנסטען און וואונדער-ליעבליכסטען פאַר-געשטעלט ווערן אַלס א יונגע, אונבעריהרטע פרוי — אָהן וואָס פאַר ס'איז ערדישע לעבענס-ערפאהרונגען — ערוואַכט צו ליכט און הערליכקייט און ריין פון יעטווערען פלעק און אומריינקייט.

אירענע (שנעל): יאָ, — און אזוי שטעה איך דאָך דאָרט, אין אונזער ווערק?

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַ האַלבען מויל): אייגענט-ליך ניט אין גאַנצען אזוי, אירענע.

אירענע (אין וואַקסענדער אויפרעגונג): ניט אין גאַנ-צען—? ניט אזוי, ווי איך בין פאַר דיר געשטאַנען?

פּראָפעסאָר רובעק (אויסמיידענדיג אַן ענטפער): איך בין געוואָרען וועלט-קלוג אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, אירענע. דער „טאָג פון תחית המתים" איז ביי מיר אין מח געוואָרען עפּעס גרעסערעס — עפּעס פיעלפאַכערעס. דער קליינער קייל-עכדיגער פּיעדעסטאַל, אויף וועלכען דיין בילד איז געשטאַנען שלאַנק און איינזאַם, — דער האָט שוין מעהר קיין פּלאַץ ניט געהאַט פאַר אלצ-דינג, וואָס איך האָב נאָך געוואָלט צוגעבען —

א י ר ע נ ע (טהוט זיך א כאפּ צום מעסער, נאָר לאָזט עס ווידער אָב): וואָס האָסט דו נאָך צוגעגעבען? זאָג!

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: וואָס איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהן ארום מיר אין דער וועלט. איך האָב עס געמוזט האָבען אין בילד. איך האָב אנדערש ניט געקענט, אירענע. כ'האָב אויסגעברייטעט דעם פּיעדעסטאַל, — אזוי אז ער איז געוואָרען גרויס און געראָם. און אויף איהם האָב איך ארויפגעלייגט א שטיק פון דער געוועלבטער, פלאנצענדער ערד. און פון די שפּאַלטען פון דער ערד שפּארען זיך ארויף מחנות מענשען מיט תּמ'עוואטע פּנים'ער פון חיות, — מענער און פרויען,—ווי איך האָב זיי געקענט אין דעם ווירקליכען לעבען.

א י ר ע נ ע (אין אָטהעמלאָזער שפּאַנונג): אָבער אין מיטען דער מחנה שטעהט די יונגע פרוי אין ליכטיגער הימעלס־פרייד? ניט אזוי, ארנאָלד?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ניט גאנץ אין מיטען. איך האָב ליידער געמוזט די סטאטוע אוועקרוקען נאָך הינטען — צוליעב דער אלגעמיינער ווירקונג, ווייסט דו. אניט וואָלט זי צו שטארק בעהערשט דאָס גאנצע.

א י ר ע נ ע: אָבער דער גלאנץ פון פערוואנדעלטער פרייד שטראהלט דאָך מיר נאָך אלץ אראָב פון געזיכט?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: פערשטעהט זיך, אירענע. אין א געוויסען זינן ווייניגסטענס. פיליכט אביסעלע איינגעהאלטענער. ווי מיין נייע אידעע האָט עס געפאָדערט.

א י ר ע נ ע (הויבט זיך אויף שטילערהייט): דאָס דאָזיגע בילד דריקט אויס דאָס לעבען, אזוי ווי דו זעהסט עס איצט, ארנאָלד.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק. יאָ, דאָס דריקט זי טאקע אויס.

א י ר ע נ ע: און אין דעם דאָזיגען בילד האָסט דו מיך — אביסעל פערבלאסט — אלס א הינטערגרונד־פיגור — אוועקגעשטעלט אין א גרופּע. (ציהט ארויס דאָס מעסער).

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ניט אין דעם הינטערגרונד — לאָמיר זאָגען אין'ם מיטעלגרונד — אָדער אזוי וואָס.

אירענע: איצט האסט דו דיר אליין ארויסגעגעבן דיין אורטהייל. (ווייל איהם שטעכעו).

פראפעסאר רובעק (קעהרט זיך אום מיט'ן פנים צו איהר און קוקט זי אן): מיין אורטהייל?

אירענע (בעהאלט אויף גיך דאס מעסער און זאגט מיט א פערשטיקטער שמערצליכער שטימע): מיין גאנצע זעעלע, — דו און איך, — מיר, מיר און אונזער קינד זיינען געווען אין דער דאזיגער איינזאמער געשטאלט.

פראפעסאר רובעק (היטציג, נעהמט ארונטער דעם הוט פון קאפ און ווישט זיך אב די טראפענס שווייס פון שטערן): אבער איצט הער אויך אויס, ווי אזוי איך האב זיך אליין פארגעשטעלט אין דער גרופע. פון פארענט ביי א קוואל, ווי דא, זיצט א מאן, שווער בעלאסטעט מיט שולדען, וועלכער קען זיך ניט אין גאנצען בעפרייען פון דער ערד־שאלאכץ. איך רוף איהם „די חרטה אויף א פערלארען לעבען". ער טונקט זיינע פינגער אין דאס קוועלענדע וואסער, כדי זיי ריינצוואשען—און ער ליידט אין קרימט זיך פון שמערץ ביי דעם געדאנק, אז דאס וועט זיך איהם קיינמאל ניט איינגעבען. קיינמאל, קיינמאל וועט ער ניט פריי ווערען, קיינמאל וועט ער ניט צוקומען צו א נייעם לעבען. אויף אייביג בלייבט ער איינגעשפארט אין זיין גיהנום'שער תפיסה.

אירענע (הארט און קאלט): דיכטער!

פראפעסאר רובעק: פארוואס עפעס דיכטער?

אירענע: ווייל דו ביסט אהן קראפט און אהן ווילען און פול מיט פערגעבונג פאר אלע דיינע האנדלונגען און געדאנקען. צו־ערשט האסט דו מיין זעעלע ערמארדעט — און דאן שטעלסט דו זיך אליין פאר אין חרטה און תשובה און זעלבסט בעשולדיגונג — (שמייכעלט) — און דערמיט, מיינסט דו, איז דיין חשבון גע־סילוק'ט.

פראפעסאר רובעק (מיט א דרייסטען טאן): איך בין א קינסטלער, אירענע, — און איך שעהם זיך גאר ניט מיט דער שוואכקייט און ניט־פאלקאמענהייט, וואס קען זיך געפינען אין מיר.

וואָרים איך בין געבוירען צו זיין א קינסטלער, פערשטעהסט דו מיך. און טראָץ אלעם וועל איך קיינמאָל עפּעס אנדערש ווי א קינסטלער ניט ווערען.

אירענע (קוקט איהם אָן מיט א פערשטיקטען בייזען שמייכעל און זאָגט ווייך און מילד): א דיכטער ביסט דו, ארנאָלד. (גלעט איהם שטיל איבער די האָר). אך, דו ליעב, גרויס, בעיאָהרענט קינד, זאָלסט דאָס ניט קענען זעהן!

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַן אויסדרוק פון לאַנגווייליג־קייט): פארוואָס רופסט דו מיך בסדר דיכטער?

אירענע (מיט לויערענדע אויגען): מחמת אין דעם דאָזיגען וואָרט ליעגט אן ענטשולדיגונג, מיין פריינד. א פערגעבונג — וועלכע שפּרייט אויס א מאנטעל איבער אלע שוואכקייטען און אונפאָלקאָמענהייטען. ((פּלוצלונג מיט אַן אַנדער טאָן): אָבער איך בין דעמאָלט געווען א מענש! און איך האָב אויך געהאט א מענשענלעבען צו לעבען — און א מענשען־שיקזאַל צו ערפילען. זעה, אָט דאָס אלעס, האָב איך געלאָזט ליעגען, — האָב עס אוועקגעוואָרפען, כדי דיר אונטערטהעניג צו זיין. — אָה, דאָס איז געווען א זעלבסמאָרד; א אומפערצייהליכע זינד געגען זיך אליין. (האַלב שעפּטשענדיג) און אָט דעם פערברעכען קען איך קיינמאָל ניט ווידער גוט מאכען. (זי זעצט זיך אַנידער לעבען איהם בייס טייכעל, קוקט איהם אונבעמערקט נאָך, און עפּעס אזוי ווי אונבעוואוסטערהייט פליקט זי אָב עטליכע בלומען פון די בוימלאַך ארום).

אירענע (מיט אַ לפנים'דיגער געזעצטקייט): איך האָב געזאָלט ברייננגען קינדער אויף דער וועלט. א סך קינדער. ריכטיגע קינדער. ניט אזעלכע, וואָס ווערען בעהאלטען אין קברים. דאָס האָט געזאָלט זיין מיין בערוף. קיינמאָל האָב איך דיך ניט געדארפט דינען — דו דיכטער.

פּראָפעסאָר רובעק (פערלאָרען אין זכרונות): עס זיינען פונדעסטוועגען פּאָרט געווען שעהנע צייטען, אירענע. וואונדערשעהנע צייטען, — אז איך דערמאָן זיך —

אירענע (קוקט איהם אָן מיט אַ ווייכען אויסדרוק אין איהר

בליק): געדענקסטו נאָך מיט וואָס פאר א וואָרט דו האָסט זיך בע־נוצט, — בעת דו ביסט פארטיג געוואָרען — פארטיג מיט מיר און מיט אונזער קינד? (שאָקעלט איהם צו מיט'ן קאָפּ): געדענק־סטו נאָך דאָס קליינע וואָרט, ארנאָלד?

פּראָפּעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַ פרעגענדען בליק): האָב איך דעמאָלט געזאָגט אזא וואָרט, וואָס איז געבלי־בען ביי דיר אין זכרון?

אירענע: יאָ. קענסט זיך שוין ניט דערמאָנען אָן דעם?

פּראָפּעסאָר רובעק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין, בנאמנות אז ניט. יעדענפאלס ניט אין דער רגע.

אירענע: דו האָסט מיך אָנגענומען פארביידע הענד און האָסט זיי ווארים געדריקט. און איך בין געשטאנען פאר דיר אין הויכע ערוואַרטונג. און דאַן האָסטו געזאָגט: „איך דאנק דיר פון גאנצען הארצען, אירענע. דאָס איז געווען פאר מיר אַן אונשעצ־בארע עפּיזאָדע".

פּראָפּעסאָר רובעק (צווייפלענדיג): האָב איך געזאָגט „עפּיזאָדע". איך בענוץ זיך געוועהנליך ניט מיט דעם דאָזיגען וואָרט.

אירענע: דו האָסט געזאָגט „עפּיזאָדע".

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט אָנגענומענער מונטערקייט): נו יאָ, — און אין גרונד גענומען איז דאָך דאָס טאקי געווען אַן עפּיזאָדע.

אירענע (קורץ): פאר דעם וואָרט האָב איך דיך דאַ־מאָלסט פערלאָזען.

פּראָפּעסאָר רובעק: דו נעהמסט זיך פון אלעס אזוי שטארק צום הארצען, אירענע.

אירענע (גלעט זיך איבער'ן שטערן): אפשר ביסט דו גע־רעכט. לאָמיר אָבטרייסלען פון זיך אלע שווערע, מרה־שחורה'דיגע געדאנקען! (פליקט אָב די בלעטער פון אַ באַרג־רויז און וואַרפט זיי פונאַנדער איבער'ן טייכעל): טהו נאָר אַ קוק, ארנאָלד! אָט שווי־מען אונזערע פויגלען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: וואָס פאר פויגלען?

א י ר ע נ ע: פלאמינגאָס*). — זעהסטו דען ניט? רויזענ־רויטע פלאמינגאָס.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: פלאמינגאָס שווימען ניט. זיי בראָדזשען נור.

א י ר ע נ ע: דאן זיינען עס ניט קיין פלאמינגאָס, נאָר מעוועו.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: מעוועו מיט רויטע שנאָבלען, יאָ, — דאָס שוין גיכער. (פליקט אָב ברייטע גרינע בלעטער און ווארפט זיי אין טייכעל). איצט שיק איך ארוים מיינע שיפען נאָך זיי.

א י ר ע נ ע: אָבער קיין פויגעל־פאנגער דארפען ניט זיין ביים ברעג וואסער.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ניין, קיין פויגעל־פאנגער. (שמייכעלט צו). געדענקסטו נאָך דעם זומער, ווען מיר פלעגען אזוי זיצען פאר'ן בויערן־הייזעל ביי דער טאוניצער אָזיערע.

א י ר ע נ ע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): שבת צו־נאכט, — ווען מיר פלעגען זיין פארטיג מיט אונזער וואָך ארבייט —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: — און מיר פלעגען ארויספאָה־רען מיט דער באהן — און פלעגען בלייבען דאָרט איבער זונטאג —

א י ר ע נ ע (מיט אַ בליק פול מיט האָס): ס'איז געוועזן אן עפּיזאָדע, ארנאָלד.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (אַקוראַט ווי ער וואָלט גאָרנישט גע־הערט): דאן פלעגסטו אויך אוועקלאָזען פויגלען שווימען אין טייך. וואסער־ליליען —

א י ר ע נ ע: דאָס זיינען געווען ווייסע שוואנען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: שוואנען מיין איך. און איך גע־דענק נאָך, ווי איך האָב צוגעטשעפּעט אַ גרוים, גראָב בלאט צו איינעם פון יענע שוואנען. ס'איז געווען אַ שטשאַוו־בלאט.

---

*) רויטע געגז.

אירענע: ס'האָט אויסגעזעהן ווי לאָהענגרין'ס שיפעל — מיט דעם שוואַן פון פאָרענט.

פּראָפעסאָר רובעק: ווי גערן דו פלעגסט זיך אַזוי שפּיעלען, אירענע.

אירענע: מיר האָבען אָפּט אַזוי געשפּיעלט.

פּראָפעסאָר רובעק: יעדען שבת, דוכט זיך; — דעם גאַנצען זומער נאָכאַנאַנד.

אירענע: דו פלעגסט זאָגען, אַז איך בין דער שוואַן און איך ציה דיין שיפעל.

פּראָפעסאָר רובעק: אַזוי? יאָ, יאָ. (אַריינגעטהאָן אין שפּיעלען). זעה נאָר, ווי די מעווען שווימען אַרונטער דעם גאַנצען טייך!

אירענע (לאַכט): און דיינע שיפען געהען אַלע אונטער.

פּראָפעסאָר רובעק (וואַרפט נאָך בלעטער אין טייך): איך האָב נאָך גענוג שיפען אין זאַפּאַס. (קוקט נאָך די בלעטער ווי זיי שווימען, רייסט אָב נאָך עטליכע בלעטער און זאָגט, נאָך אַ קליינער פּויזע): דו, אירענע, — דאָס בויערן־הייזעל ביי דער טואַניצער אָזיערע, דאָס האָב איך אָבגעקויפט.

אירענע: האָסטו עס איצט געקויפט? דו פלעגסט אָפּט זאָגען, אַז דו וואָלסט עס קויפען, ווען דו האָסט די מיטלען דערצו.

פּראָפעסאָר רובעק: שפּעטער האָב איך געהאַט גענוג מיטלען. און איך האָב עס אָבגעקויפט.

אירענע (גיט אַ קוק אויף איהם פון דער זייט): דו וואוינסט אַלזאָ איצט דאָרט — אין אונזער אַלטען הויז?

פּראָפעסאָר רובעק: ניין, דאָס האָב איך שוין לאַנג געלאָזט אַרונטערררייסען. און כ'האָב מיר אויף דעם אָרט אויפגע־בויט אַ גרויסע, שעהנע בעקוועמע ווילאַ — מיט אַ פּאַרק אַרום. דאָרט זיינען מיר געוועהנליך — (שטעלט זיך אָב און פערריכט זיך אַליין). — דאָרט בין איך געוועהנליך זומער.

אירענע (קאָנטראָלירט זיך): אַזוי, דו און — די אַנדערע, איהר וואוינט אימער דאָרט?

פראָפעסאָר רובעק (מיט אַ ביסעל אַ דרייסטערן טאָן): יאָ, ווען מיין פרוי און איך זיינען ניט — ווי היינטיגס יאָהר אויף דער רייזע.

אירענע (אַרויסקוקענדיג ווייט פאַר זיך): שעהן, שעהן איז דאָס לעבען געווען ביי דער טאוניצער אָזיערע.

פראָפעסאָר רובעק (עפּעס אזוי ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין זיך אַליין): און דאָך, אירענע, —

אירענע (דערענדיגט זיין געדאַנק): — און דאָך האָבען מיר ביידע אָט דאָס שעהנע לעבען אין גאנצען ארויסגעלאָזט פון די הענד —

פראָפעסאָר רובעק (שטיל אָבער איינדרינגענדיג): קומט די חרטה צו שפּעט?

אירענע (ענטפערט ניט, נאָר זיצט אַ ווײַלע שטיל; דאַן קוקט זי אַרויס איבער'ן פעלד אין דער ווייטען): זעה, ארנאָלד. איצט געהט די זונן אונטער דאָרט הינטער די שפּיץ בערג. זעה נור, ווי רויט די לעצטע שטראַהלען איהרע בעפארבען דאָרט די גאנצע וויסטע.

פראָפעסאָר רובעק (קוקט אויך אַריבער אַהין): ס'איז שוין לאנג, זינט איך האָב געזעהן א זונען־אונטערגאנג אין די בערג.

אירענע: א זונען־אויפגאנג אויך?

פראָפעסאָר רובעק: א זונען־אויפגאנג, מיין איך, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

אירענע (שמייכעלט אַזוי ווי פערטיעפט אין ערינערונג): איך האָב איינמאָל א וואונדער־שעהנעם זונען־אויפגאנג געזעהן.

פראָפעסאָר רובעק: אזוי? וואו איז דאָס געווען?

אירענע: הויך, הויך אויבען אויף א שווינדעלדיגען שפּיץ בארג. דו האָסט מיך פערנאַרט אויבען און האָסט מיר צוגעזאָגט די גאנצע הערליכקייט פון דער וועלט, ווען איך — (זי שטעלט זיך פלוצלונג אָב).

פראָפעסאָר רובעק: ווען דו —? נו?

אירענע: — וואָלט געטהאָן וואָס דו האָסט מיר געהייסען און וואָלט מיט דיר ארויפגעגאַנגען אין דער הויך. און דאָ בין איך געפאַלען אויף די קניע — און האָב צו דיר געבעטען — און דיר געדיענט (שווייגט אַ רגע, דאַן זאָגט זי שטילערהייט): דאַן האָב איך געזעהן ווי די זונן געהט אויף.

פראָפעסאָר רובעק (ביוטענדיג דעם געשפּרעך): וואָלסט דו ניט געוואָלט מיטקומען מיט אונז און וואוינען ביי אונז אין דער ווילא?

אירענע (קוקט איהם אָן מיט אַ פעראַכטענדען שמייכעל): אינאיינעם מיט דיר — און מיט דער אנדער דאמע?

פראָפעסאָר רובעק (מיט האַרץ): אינאיינעם מיט מיר — ווי אין די אַלטע טעג פון שאפען. כדי אויפצושליסען אַט די אַלטע טויערן, וועלכע זיינען ביי מיר אינעווייניג פערשלאָסען. וואָלסט דו דאָס ניט געוואָלט טהאָן, אירענע?

אירענע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): איך האָב שוין ניט מעהר דעם שליסעל צו דיר, אַרנאָלד.

פראָפעסאָר רובעק: דו האָסט דעם שליסעל! נאָר דו האָסט איהם! (בעט זיך רחמים). העלף מיר נאָך אַמאָל צו קענען לעבען מיין לעבען!

אירענע (אונבעוועגליך ווי פריהער): פוסטע חלומות. ליידיגע — טויטע חלומות. פאַר אונזער צוזאמענלעבען איז שוין קיין תחית המתים ניטאָ.

פראָפעסאָר רובעק (קורץ אָבהאַקענדיג): דאַן לאָמיר אַלזאָ, וויטער שפּיעלען.

אירענע: יאָ, שפּיעלען, שפּיעלען, — נור שפּיעלען.

זיי זיצען און וואַרפען בלומען-בלעטער אין טייך און לאָזען זיי אוועקשווימען. איבער'ן בערגעל אין הינטערגרונד לינקס קומען גוטסבעזיצער אולפהיים און מאַיאַ אין יאַגד-קאָסטיומען. הינטער זיי דער דיענער מיט די הינט, וועלכע ער פיהרט אַוועק רעכטס.

פראָפעסאָר רובעק (בעמערקט זיי): אה! דאָ געהט דאָך די קליינע מאַיאַ ארויס מיט דעם בערען-יעגער.

אירענע: דיין מאיא.

פראפעסאר רובעק: אדער זיינע.

מאיא (קוקט געהענדיג אריבער, דערזעהט די ביידע זיצען ביים טייך און שרייט אויס): גוטע נאכט, פראפעסאר. חלום פון מיר. איצט לאזט מען זיך אוועק אויף ריזיקע.

פראפעסאר רובעק (רופט צוריק): און וואס פאר א סארט ריזיקע זאל דאס זיין?

מאיא (צוקומענדיג נעהנטער): איך וויל לעבען — אנשטאט אלעם אנדערע.

פראפעסאר רובעק (שפאטיש): אזוי, דו ווילסט עס אויך, קליינע מאיא?

מאיא: יא! און דערצו האב איך נאך א פערז געמאכט, דער הייסט אזוי: (זינגט פרעהלאך).

איך בין פריי! איך בין פריי! איך בין פריי!
דער געפאנגשאפט'ס צייט איז פערביי!
איך בין פריי ווי א פויגעל, כ'בין פריי!

נו יא! ווארים איך גלויב, איצט האב איך ענדליך ערוואכט.

פראפעסאר רובעק: עס זעהט אויס אזוי.

מאיא (אטהעמט פון דער פולער ברוסט): אה, — ווי הימליש לייכט אזא מין ערוואכונג מאכט!

פראפעסאר רובעק: גוטע נאכט, פרוי מאיא — און פיעל גליק —

אולפהיים (שרייט אויס אונגעדולדיג): מען איז אייך מוחל—! צום טייוועל מיט אייערע גוטע ווינשע! איהר זעהט ניט, אז מיר געהען ארויס אויף דער יאגד —

פראפעסאר רובעק: וואס ועסט דו מיר מיטברייינגען פון דער יאגד, מאיא?

מאיא: דו זאלסט קריגען א רויב־פויגעל אלס מאדעל. איך וועל איינעם אונטערהאקען די פליגלען.

פראפעסאר רובעק (לאכט פול מיט ביטערן שפאט):

יאָ, איינעם אונטערהאקען די פליגלען — אזוי על פי טעות — איז פון תמיד אָן געווען א געשעפט פאר דיר.

מ א י א (פערוואָרפט מיט'ן קאָפּ אַהינטער): אה, דו לאָז מיך בעסער אין דער צוקונפט זאָרגען פאר זיך אליין — ! (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און לאַכט שטיפעריש). זיי געזונד — און א גוטע, רוהיגע זומערנאכט!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (לוסטיג): א דאנק! און אַלע בייזע חלומות צו אייך און צו אייער יאַגד!

א ו ל פ ה י י ם (לאַכט אויף'ן קול): בראוואָ! אָט ד אָ ס הייסט צוגעוואונשען ווי עס דארף צו זיין.

מ א י א (לאַכענדיג): א שעהנעם דאנק, פּראָפעסאָר, א שעה־נעם דאנק!

זיי זיינען ביידע אַריבער דעם זיכטבאַרען טהייל פון דעם פעלד און געהען דורך'ן וועלדעל רעכטס אָב).

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (נאָך אַ קורצער פּויזע): א זומער־נאכט אין די בערג. יאָ, ד אָ ס וואָלט געהייסען לעבען.

א י ר ע נ ע (פלוצלונג, מיט אַ ווילדען אויסדרוק אין די אוי־גען): ו ו י ל ס ט ו אזא זומערנאכט — מיט מיר?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שפּרייט אויס די אָרעמס): יאָ! יאָ! — קום!

א י ר ע נ ע: מיין געליעבטער העדר און מייסטער!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָה, אירענע!

א י ר ע נ ע: (שמייכעלט און טאַפּט זיך אויף דער ברוסט, היי־זעריג): ס'וועט בלויז זיין אן עפּיזאָדע — (שנעל, שעפּטשענדיג). שטיל! קוק זיך ניט אום, ארנאָלד!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (פונקט אַזוי שטיל): וואָס איז דען?

א י ר ע נ ע: א געזיכט קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: (קעהרט זיך ניט ווילענדיג אום):

וואו? (בלייבט אַ פערציטערטער): אה! (דער קאָפּ פון דער באַרמ־הארציגער שוועסטער ווייזט זיך טהיילווייז צווישען דעם וועלדעל

ליגקס. איהרע אויגען זיינען ווי שפּיזען געווענדעט צו אירענע'ן).

איר ענע (הויבט זיך אויף און זאָגט מיט אַ נידעריגער שטי־מע): מיר מוזען זיך שיידען. ניין, דו זאָלסט בלייבען דאָ, דו הערסט? דו טאָרסט מיך ניט בעגלייטען. (בויגט זיך אָן צו איהם און שעפּטשעט): צום ווידערזעהן היינט ביי נאכט, דאָ אויף'ן פעלד.

פּראָפעסאָר רובעק: און דו וועסט קומען, אירענע?

אירענע: איך קום בעשטימט. ווארט אויף מיר דאָ.

פּראָפעסאָר רובעק (ווידערהאָלט ווי אין חלום): א זומערנאכט אין די בערג, מיט דיר. מיט דיר. (זיינע אויגען בעגעגענען זיך מיט איהרע). אָה, אירענע, — דאָס האָט געקענט זיין דאָס לעבען. און דאָס האָבען מיר פערפּושט — מירביידע.

אירענע: וואָס עס איז ניט צוריקצוברייננגען, דאָס זעהען מיר ערשט, ווען — (האַקט קורץ אָב).

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַ פרעגענדען בליק) ווען — ?

אירענע: ווען מיר טויטע ערוואכען.

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ): יאָ, — וואָס זעהען מיר דאן אייגענטליך?

אירענע: מיר זעהען אז מיר האָבען קיינמאָל ניט גע־לעבט. (זי געהט ארונטער דעם וועג צום סאַנאַטאָריום. די באַרמהאַר־ציגע שוועסטער מאַכט איהר פּלאַץ און געהט איהר נאָך. רובעק בלייבט זיצען אונבעוועגליך ביים טייך.

מאַיאַ (מען הערט איהר שטימע פון די פעלזען אויבען, ווי זי זינגט פרעהלאַך):

איך בין פריי! איך בין פריי! איך בין פריי!
דער געפאַנגשאַפט'ס צייט איז פערביי!
איך בין פריי ווי א פויגעל! כ'בין פריי!

דריטער אקט.

ווילד־איינגעשניטענע הויכע בערג מיט משופע׳דיגע אָבגרונדען אין דעם הינטערשטען טהייל פון דער ביהנע. עטליכע שפּיץ בערג, בע־דעקט מיט שנעע, הויבען זיך אויף רעכטס און ווערן פערפאַלען אויבען אין דער הויך אין בעוועגענדע טומאַנען. לינקס אויף אָנגעוואָרפענע שטיינער, ליעגט אַן אַלט, האַלב־צופאַלען שטיבעל. ס׳איז גאנץ פריה, בעגינען צו טאָג; די זונן איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען.

מאַדאַם מאַיאַ רובעק קומט אַרונטער, רויט און צוהיצט, פון דעם פעלזען־בערגעל לינקס. גוטסבעזיצער אולפהיים געהט איהר נאָך האַלב־צאָרנדיג, האַלב־לאַכענדיג און האַלט זי פעסט פאַר׳ן אָרעם.

מאיא (סטאַרעט זיך ארויסצומאַכען): לאָזט מיך אָב! לאָזט מיך אָב, זאָג איך!

אולפהיים: נו, נו, — אַט דאָס טאקי האָט נאָך געפעהלט, איהר זאָלט זיך בייסען. איהר זייט דאָך ווילד ווי א מארדער.

מאיא (גיט איהם אַ זעץ אין האַנד): איהר זאָלט מיך אָב־לאָזען, האָב איך געזאָגט! און צורוה לאָזען!

אולפהיים: נו, זאָל מיך דער —

מאיא: דאן געה איך ניט קיין טריט ווייטער מיט אייך! הערט איהר — קיין איין טריט ניט — !

אולפהיים: האַהאַ, וואו האָט איהר אשטייגער בדעה צו געהן אין דער דאָזיגער פעלזען־ווילדערניש אָהן מיר?

מאיא: אז ס׳וועט קיין אנדער ברירה ניט זיין, שפּרינג איך איינפאך ארונטער פון דער וואנד דאָרט.

אולפהיים: וואָס, כדי צו ליעגען דאָרט א צומאַלענע און א צושמעטערטע — א געשמאַק, זאפטיג שטיק פלייש פאר די הינט? (לאָזט זי אָב). נור געפלויגען! לויפט ארונטער די וואנד,

אויב איהר האָט חשק. זי איז מורא'דיג משופע. בלויז איין שמאָ־לער שטעג פיהרט ארונטער, און אויף דעם איז כמעט אונמעגליך צו געהן.

מאיא (רייניגט זיך אָב איהר קלייד מיט דער האַנד און קוקט איהם אָן מיט צאָרנדיגע אויגען): און מיט אזא מענשען מוז מען דאָס ארויסגעהן אויף געיעג!

אולפהיים: זאָגט ליעבערשט: טרייבען ספאָרט.

מאיא: אזוי גאָר, איהר רופט דאָס אָן ספאָרט?

אולפהיים: יאָ, כ'נעהם זיך די פרייהייט דערצו. אָט דעם סאָרט ספאָרט האָב איך ליעבער פון אלע.

מאיא (קעהרט אָב דעם קאָפּ אַהינטער): נו — דאָס הייסט אביסעל—! (נאָך אַ קורצער פויזע; קוקט איהם אָן מיט אַ פאַרשעמנדען בליק): פאר וואָס האָט איהר עפּעס אָבגעלאָזען די הינט אויבען?

אולפהיים (פינטעלט מיט די אויגען און שמייכעלט): כדי זיי אויך צו פערשאפען א קליינעם יאגד־פערגניגען, פערשטעהט איהר מיך.

מאיא: דאָס איז גאָר פשוט ניט אמת! ניט דערפאר האָט איהר די הינט אָבגעלאָזען.

אולפהיים (שמייכעלט נאָך אַלץ): נו, פאר וואָס זשע דען, אז ניט דערפאר? לאָמיר הערען—?

מאיא: מחמת איהר האָט געוואָלט פטור ווערן פון לארס'ן. ער זאָל נאָכלויפען די הינט און זיי ווידער כאפּען. און דערווייל — איהר זייט מיר א פיינער בחור!

אולפהיים: — און דערווייל — ?

מאיא (קורץ אָבהאַקענדיג): שוין רעכט.

אולפהיים (מיט אַ פערטרויליכען טאָן): לארס וועט זיי אזוי גיך ניט געפינען, דערויף מעגט איהר זיך פערלאָזען. ער קומט ניט צוריק פאר דער צייט.

מאיא (קוקט איהם אָן צאָרנדיג): פערשטעהט זיך, אז ניט.

אולפהיים (כאַפּט איהר אָן ביים אָרם): וואָרים פער־

שטעהט איהר מיך, לארס, — אָט דער קען שוין מיינע ספּאָרט־גע־וואוינהייטען.

מ א י א (ווישט איהם אויס און מעסט איהם אָב מיט די אויגען): ווייסט איהר, ווי איהר זעהט אויס, הערר אולפהיים?

א ו ל פ ה י י ם: נו, ווי איך אליין, פערשטעהט זיך.

מ א י א: פּונקט אויפ'ן האָר. ווי א לעבעדיגער פאון.

א ו ל פ ה י י ם: א פאון?

מ א י א: אודאי, אקוראט ווי א פאון.

א ו ל פ ה י י ם: א פאון — דאָס איז אזא מין פערזעהעניש פון א חיה, וואָס? אָדער אזא מין וואלד־טייוועל, ניט?

מ א י א: נו יאָ, פּונקט אזא איינער ווי איהר! מיט א ציגען בערדיל און פיס ווי א באָק. און הערנער האָט דער פאון אויך.

א ו ל פ ה י י ם: הערט, הערט, ד ע ר אויך?

מ א י א: א פּאָר שרעקליכע הערנער ווי איהר, פערשטעהט זיך.

א ו ל פ ה י י ם: איהר קענט דען זעהן די הערנערלאך, וואָס איך האָב?

מ א י א: יאָ, מיר דוכט, כ'קען זיי גאנץ דייטליך זעהן.

א ו ל פ ה י י ם (נעהמט אַרויס די הינט־שטריק פון טאַש): דאן וועל איך אייך, הייסט עס, מוזען בינדען.

מ א י א: איהר זייט פעררינקט געוואָרען?! בינדען ווילט איהר מיך —?

א ו ל פ ה י י ם: אויב איך בין שוין יא א טייוועל, איז לאָמיך עס זיין ווי געהעריג איז. הערט אקאָרשט! איהר קענט אלזאָ זעהן די הערנער?

מ א י א (מיט אַ בערוהיגענדען טאָן): נו — זייט אלזאָ אנ־שטענדיג, הערר אולפהיים. (שלאָגט זיך אליין איבער די רייד). אָבער וואו איז ערגעץ אייער יאגד־שלאָס, וועגען וועלכען איהר האָט מיר אזוי לאנג און ברייט דערצעהלט? דאָס מוז דאָך ליעגען דאָ ארום דער געגענד?

אולפהיים (ווייזט אויף'ן שטיבעל): אָט האָט איהר עס דאָ פאר אייערע אויגען.

מאיא (קוקט איהם אָן): אָט דער אלטען שווינען־שטאַל דאָ?

אולפהיים (לאַכט זיך אַריין אין באָרד): דאָ האָט שוין מעהר ווי איין בת מלכה איבערגענעכטיגט.

מאיא: און דאָרט, זאָגט איהר, האָט דער מיאוס'ער בחור דעם קעניג'ס טאָכטער אין דער געשטאַלט פון א בער בע־זוכט?

אולפהיים: יאָ, מאדאם יאגד־קאמעראד, — טאקי דאָ. (מיט אַן איינלאַדענדען מאַך מיט דער האַנד). ווען איהר ווילט אזוי גוט זיין אריינגעהן, —

מאיא: בררר! קיין פוס שטעל איך דאָ ניט אריין — ! בררר!

אולפהיים: אָה, אין אזא זומערנאכט קען דאָ א פּאָרל גאנץ גוט איבערשלאָפען. א גאנץ זומער אפילו, ווען ס'קען אנדעריש ניט זיין.

מאיא: א שעהנעם דאנק. דערצו מוז מען האָבען א בעזונ־דער אפּעטיט. (אונגעדולדיג). אָבער איצט בין איך שוין זאט מיט אייך און מיט אייער יאגד פּארטיע. כ'וויל אַרונטערגעהן אין האָ־טעל — איידער דער עולם שטעהט אויף.

אולפהיים: ווי שטעלט איהר זיך אשטייגער פאר דעם אראָבגאנג פון דאנען?

מאיא: דאָס איז אייער עסק. ס'וועט זיך דאָך ווי ניט איז געפינען א וועג.

אולפהיים (ווייזט אראָב צום אָבגרונד): נו, פערשטעהט זיך; עפּעס א מין וועג איז שוין פאַרהאַן — איבער דער וואנד דאָ ארונטער —

מאיא: נו, אלזאָ —. מיט אביסעל גוטען ווילען —

אולפהיים: אָבער פּרואווט נאָר געהן דעם דאָזיגען וועג.

מאיא (פערזאָרגט): איהר מיינט, ס'איז ניט מעגליך?

אולפהיים: קיינמאָל אין לעבען ניט. אויב איך זאָל אייך ניט העלפען —

מאיא (אומרותיג): דאַן קומט זשע און העלפט מיר! נאָך וואָס דען זייט איהר דאָ?

אולפהיים: זאָל איך אייך נעהמען אויף'ן רוקען?

מאיא: אונזין!

אולפהיים: — אָדער ליעבערשט אויף די אָרעמס?

מאיא: איהר הויבט שוין ווידער אָן מיט אָט די נאַריש־קייטען?

אולפהיים (מיט אַ פערביסענעם כעס): כ'האָב אמאָל אויפגעהויבען א יונג מיידעל פון דער גאַס און זי צו מיר אין די אָרעמס גענומען. אויף די הענד האָב איך זי געטראָגען און איך האָב זי אַזוי געוואָלט דורך'ן גאַנצען לעבען טראָגען; — כדי איהר פוס זאָל זיך ניט אָנשלאָגען אָן קיין שום שטיין, וואָרים זי האָט דעמאָלט געהאַט שטאַרק אויסגעטראָגענע שיך, בעת איך האָב זי געפונען, —

מאיא: און איהר האָט זי פונדעסטוועגען פּאַרט אויפגע־הויבען און אויף די הענד געטראָגען?

אולפהיים: כ'האָב זי אַרויסגעשלעפּט פון בלאָטע און געטראָגען הויך איבער דער ערד — אַזוי פאָרזיכטיג ווי איך האָב נאָר געקענט. (מיט אַ ברומענדיגען געלעכטער): און ווייסט איהר, וואָס איך האָב אלס דאַנק דערפאַר געקראָגען?

מאיא: ניין, וואָס פּאַרט?

אולפהיים (קוקט זי אָן און שאָקעלט דעם קאָפּ מיט אַ שמייכעל): הערנער האָב איך געקראָגען. די הערנער, וואָס איהר קענט אַזוי דייטליך זעהן. איז עס ניט א שעהנע מעשה, מאַדאַם בערען־טויטער?

מאיא: אָה, יאָ, גאַנץ שעהן. אָבער איך ווייס נאָך א סך א שעהנערע מעשה.

אולפהיים: און ווי איז זי?

מ א י א: אָט ווי אזוי. אמאָל איז געווען א נאריש מיידעל, וואָס האָט געלעבט ביי טאטע מאמע — אָבער אין דחקות און נויטה. פּלוצלונג פאלט אראָב א גרויסארטיגער העדר אין דער דאָזיגער ארימקייט אריין און נעהמט דאָס מיידעל אויף זיינע אָרעמס — אזוי ווי איהר, — און פאָהרט מיט איהר אוועק, ווייט, העט ווייט —

א ו ל פ ה י י ם: און זי איז מרוצה געוואָרען צו זיין ביי איהם?

מ א י א: יאָ — וואָרים, פערשטעהט איהר מיך, זי איז געווען דום.

א ו ל פ ה י י ם: און ער איז אפנים געווען, וואָס מען רופט אזוי א שעהנער מאנסביל?

מ א י א: אך ניין, ער איז גאָר ניט געווען איבעריגס שעהן אָבער ער האָט געוואוסט איינצוריידען, אז ער וועט איהר ארויפפיהרען אויף גאָט ווייס וואָס פאר א הויכען בארג, וואו ס׳איז פארהאן ליכט און זונענשיין לרוב.

א ו ל פ ה י י ם: אפנים ער איז געווען א בארג־מענש, אָט דער מאן?

מ א י א: יאָ, אויף זיין אופן.

א ו ל פ ה י י ם: און ער האָט דאָס מיידעל, הייסט עס, מיט זיך ארויפגענומען — ?

מ א י א (גיט אַ וואָרף דעם קאָפּ אַהינטער): יאָ בנאמנות, אלץ הייסט מיט זיך ארויפגענומען — ! אָה ניין, אין א קאלטער, ענגער שטייג האָט ער זי אריינגענארט, וואו ס׳איז ניט געווען ניט קיין זונן, ניט קיין פרישע לופט — יעדענפאלס לויט א י ה ר מיינונג נאָך — נאָר אלעס איז געווען פערגאָלדעט און גרויסע פערשטיינערטע מענשען־שאָטענס ארום אויף אלע ווענד.

א ו ל פ ה י י ם: זאָל מיך דער טייוועל נעהמען, דאָס איז דאָך געווען דער ריכטיגער אָרט פאר איהר.

מ א י א: אָבער געפינט איהר ניט, אז דאָס איז א גאנץ שעהנע מעשה.

א ו ל פ ה י י ם (קוקט זי אָן אַ ווײַלע): הער אקאַרשט, ליע־בער יאגד־קאמעראַד —

מ א י א: נו, וואָס איז שוין ווידער נײַעס?

א ו ל פ ה י י ם: וואָלטען מיר צוויי ניט געקענט צונויפוואַר־פען אינאיינעם אונזערע לומפּיגע לעבענס?

מ א י א: אפּנים דער הערר גוטסבעזיצער האָט חשק צו ווע־רען א לאַטוטניק אויף דער עלטער?

א ו ל פ ה י י ם: יאָ, פאַר וואָס ניט. וואָלטען מיר צוויי דען ניט געקענט פּרואווען פערלאַטען דאָ און דאָרט די שמאַטעס — אַזוי אז עס זאָל סוף כל סוף פאָרט ארויסקומען דערפון עפּעס א מין מענשענלעבען?

מ א י א: און אז די טראַנטעס וועלען אלזאָ גאָר אין גאַנצען צוריסען און צושליסען ווערן, — וואָס דאַן?

א ו ל פ ה י י ם (מיט אַן ענערגישען מאַך מיט דער האַנד): דאַן שטעהען מיר דאָ, שטאָלץ און פרײַ, — ווי מיר זײַנען.

מ א י א (לאַכט): איהר מיט אײַערע באַקען־פּיס, יאָ!

א ו ל פ ה י י ם: און איהר מיט אײַער —. נו, לאָמיר'ס לאָ־זען געהן.

מ א י א: יאָ, קומט — לאָמיר טאַקי געהן.

א ו ל פ ה י י ם: האַלט! וואוהין קאַמעראַד?

מ א י א: אין האָטעל, פערשטעהט זיך.

א ו ל פ ה י י ם: און דערנאָך?

מ א י א: דערנאָך וועלען מיר זיך איינע די אנדערע זאָגען א שעהנעם זײַ־געזונד און א דאַנק פאַר קאָמפּאַניע.

א ו ל פ ה י י ם: קענען מיר זיך שיידען, מיר ביידע? מיינט איהר אז מיר ק ע נ ע ן עס?

מ א י א: יאָ, געבונדען האָט איהר דאָך מיך ניט, אַזוי ווײַט ווי איך ווייס.

א ו ל פ ה י י ם: כ'האָב א שלאָס פאַר אייך —

מ א י א (ווײַזט אויף'ן שטיבעל): אַזוי ווי דער דאָ?

א ו ל פ ה י י ם: ניין, יענער איז נאָך ניט אײַנגעפאַלען.

מאיא: און דערצו אלע הערליכקייטען פון דער וועלט?

אולפהיים: א שלאָס, זאָג איך.

מאיא: א דאנק. זיי קריכען מיר שוין פון האלז, די שלעפּער.

אולפהיים: — מיט פּראכטפולע יאגד־פּלעצער, מיילען ארום.

מאיא: פארהאן אויך קונסטווערק אין שלאָס?

אולפהיים (לאַנגזאַם): ניין, קיין קונסט־ווערק ניט, נאָר —

מאיא (אויפאָטהעמענדיג): נו, א דאנק גאָט דערפאר.

אולפהיים: אלזאָ ווילסט איהר מיט מיר געהן — אזוי לאנג און אזוי וויים איך וועל וועלען?

מאיא: ווען ס'וואָלט ניט געווען קיין פריעדליכער רויב־פויגעל, וואָס בעוואכט מיך!

אולפהיים (ווילד): דעם וועלען מיר ארייננשיסען איינס אין די פליגלען, מאיא!

מאיא (קוקט איהם אָן אַ רגע און זאָגט ענטשלאָסען): דאן קומט און טראָגט מיך ארונטער — אין טהאָל.

אולפהיים (לעגט ארום דעם אָרעם ארום איהר לייב): ס'איז ווירקליך צייט. דער נעבעל איז שוין איבער אונז — !

מאיא: איז דער וועג ארונטער מורא'דיג געפעהרליך?

אולפהיים: דער בארג־נעבעל איז נאָך געפעהרליכער.

זי מאַכט זיך ארויס, לויפט צו צום ראַנד פון אָבגרונד און קוקט אַרונטער, טרעט אָבער אויף גיך אָב צוריק.

אולפהיים (געהט איהר אַנטקעגען און לאַכט): ס'שווינדעלט אייך אביסעל, וואָס?

מאיא (מאַט): דאָס אויך. אָבער גיט אקאָרשט אליין א קוק אראָב, ווער ס'קומט —

אולפהיים (געהט צו צום אָבגרונד און בויגט זיך איבער'ן ראַנד): דאָס איז דאָך בלויז אייער רויב־פויגעל — און די פרעמדע זיינע.

מאיא: קענען מיר אפשר פערבייגעהן, זיי זאָלען אונז ניט זעהן?

אולפהיים: אונמעגליך. דער שטעג איז צו שמאָל. און קיין אנדער וועג איז ניטאָ.

מאיא (שטאַרקט זיך): גוט אלזאָ, — וועלען מיר זיי ווייזען, אז מיר האָבען פאר זיי קיין מורא ניט.

אולפהיים: דאָס הייסט גערעדט ווי אן עכטער בערענטויטער, קאמעראד!

פּראָפּעסאָר רובעק און אירענע קומען ארויף אויף'ן ראַנד פון דער טיעפקייט. ער האַלט זיין איבערציהער איבער די שולטערען, זי טראָגט אַ פעלץ־מאַנטעל לויז איבער איהר ווייס קלייד און אַ היטעלע פון שוואַנען־פעלץ.

פּראָפּעסאָר רובעק (ווייזט זיך אַ העלפט איבער'ן ראַנד פון פעלז): ווי, מאיא! מיר בײדע בעגעגנען זיך, הייסט עס, נאָך אמאָל?

מאיא (מיט געמאַכטער זיכערקייט): צו דיענען. ביטע, קום צו נעהנטער.

פּראָפּעסאָר רובעק געהט אין גאַנצען ארויף און שטרעקט אויס די האַנד צו אירענע'ן, וועלכע קומט אויך ארויף אויבען.

פּראָפּעסאָר רובעק (קאַלט צו מאַיאַ'ן): דו ביזט אלזאָ אויך געוועזען די גאנצע נאכט אויף די בערג — ווי מיר?

מאיא: אויף געיעג בין איך געוועזען, נו יאָ. דו האָסט דאָך מיר ערלויבט.

אולפהיים (ווייזט אראָב אויף'ן אָבגרונד): איהר זייט ארויפגעקומען אהער מיט דעם שטעג דאָ?

פּראָפּעסאָר רובעק: איהר האָט דאָך דאָס געזעהן.

אולפהיים: און די דאמע אויך?

פּראָפּעסאָר רובעק: פערשטעהט זיך. (מיט אַ בליק אויף מאַיאַ'ן): אַט די דאמע און איך, מיר רעכענען פון היינט אָן און ווייטער ניט מעהר צו צושיידען אונזערע וועגען.

אולפהיים: ווייסט איהר, אז דער וועג וואָס איהר זייט געגאַנגען, וואָלט אייך געקענט קאָסטען דאָס לעבען.

פּראָפּעסאָר רובעק: מיר האָבען איהם פונדעסטוועגען פּאַרט אונטערנומען. מחמת אין אָנהויב האָט ער גאָרניט אַזוי שלעכט אויסגעזעהן.

אולפהיים: אין אָנהויב זעהט קיין זאַך ניט אויס שלעכט. אָבער מיט אַמאָל קומט מען אויף אַן אָרט, וואו מען קען ניט געהן ניט פאָראויס און ניט צוריק. און דאַן בלייבט מען שטעקען פעסט, הערר פּראָפּעסאָר, בארג־פעסט ווי מיר יעגער זאָגען.

פּראָפּעסאָר רובעק (קוקט איהם אָן מיט אַ שמייכעל): איהר ווילט מיך אפנים קליגער מאַכען ווי איך בין, הערר גוטס־בעזיצער?

אולפהיים: זאָל מיך גאָט אָבהיטען! (מיט וואַרמקייט, ווייזט מיט דער האַנד אין דער הויך). אָבער זעהט איהר ניט, אז דער שטורם איז איבער אונזערע קעפּ? איהר הערט גאָרניט די ווינדען, וואָס קומען אָן?

פּראָפּעסאָר רובעק (האָרכט): ס'קלינגט ווי דער פאָר־שפּיעל צום טאָג פון תחית המתים.

אולפהיים: מענש, דאָס איז דער שטורם־ווינד פון די שפּיץ בערג! קוקט זיך נור צו, ווי די וואָלקענס קאַטשען זיך און לאָזען זיך אַראָב איבער אונז! באַלד וועלען זיי אונז ארומוויקלען ווי די תכריכים דעם בר־מינן.

אירענע (דערשרעקט זיך): כ'קען זיי, די תכריכים.

מאיא (וויל אַוועקציהען אולפהיים'ן): לאָמיר וואָס גיכער ארונטערגעהן.

אולפהיים (צו פּראָפּעסאָר רובעק): מעהר ווי איינס קען איך ניט העלפען. אַזוי לאַנג ווי דער שטורם האַלט אָן, בלייבט דאָרט אינוויינינג אין שטיבעל; דערנאָך וועל איך שיקען מענשען, מען זאָל אייך ארונטערנעהמען.

אירענע: ארונטערנעהמען! ניין! ניין! —

א ו ל פ ה י י ם (גראָב) : אז ס'וועט נייטיג זיין וועלען אייך די מענשען מיט געוואלד נעהמען. ווארים ס'איז א פראגע פון לעבען און טויט. איצט ווייסט איהר ע.ב. (צו מאַיאַ'ן) : קומט — און פערלאָזט זיך אין גאנצען אויף אייער קאַמעראד.

מ א י א (נעהמט איהם פעסט אַרום) : ווי איך וועל דאָס אבימעל זינגען און זיך פרעהען, ווען איך וועל מיט גאנצע ביינער ארונטערקומען!

א ו ל פ ה י י ם (הויבט אָן ארונטערגעהן און שרייט צו די אַנדערע) : ווארט אלזאָ אין דעם יאגד־שטיבעל אינווייניג, ביז וואנען די מענער וועלען קומען מיט שטאנגען און אייך ארונטערנעהמען.

גוטסבעזיצער אולפהיים מיט מאַיאַ'ן אין די אָרעמס, קלעטערט שנעל אָבער פאָרזיכטיג אַרונטער דעם אָבגרונד.

א י ר ע נ ע (קוקט אַ ווײַלע מיט צושראָקענע אויגען אויף רובעק'ן) : האָסט געהערט, ארנאָלד? — ס'וועלען קומען מענער און מיך נעהמען, פיעלע מענער!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : נור רוהיג, אירענע!

א י ר ע נ ע (אין וואַקסענדען שרעק) : און זי ,די שווארצע, — די וועט אויך קומען. ווארים זי מוז מיך שוין פון א היבשע צייט ארומזוכען. און דאן וועט זי מיך א פאַק טהאָן, ארנאָלד! און מיר די צוואנגס־יאַק אָנטהאָן! יאָ — ווארים זי האָט זי ביי זיך אין קופער. כ'האָב עס אליין געזעהן —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : קיין מענש זאָל דיך ניט אָנרירען!

א י ר ע נ ע (מיט אַ וואַהנזיניגען שמייכעל) : אָה ניין, — אנטקעגען דעם האָב איך אליין אויך א מיטעל.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : וואָס פאר א מיטעל?

א י ר ע נ ע (ציהט ארויס דאָס מעסער) : אָט דאָס דאָ!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : גיעב אהער דאָס מעסער, אירענע!

א י ר ע נ ע (בעהאַלט עס ווידער) : דו וועסט עס ניט קריגען. כ'קען עס אליין דארפען.

פראָפעסאָר רובעק: צו וואָס קענסטו עס דאָ דאַר־פען?

אירענע (קוקט איהם שטאַרק אָן): ס'איז געווען בעשטימט פאר דיר, ארנאָלד!

פראָפעסאָר רובעק: פאר מיר?

אירענע: איינמאָל ביינאכט, בעת מיר זיינען געזעסען ביי דער טאוניצער אָזיערע —

פראָפעסאָר רובעק: ביי דער טאוניצער אָזיערע—?

אירענע: —לעבען דעם בויערן־הייזעל — און מיר האָ־בען זיך מיט שוואַנען און מיט וואסער־בלומען געשפּיעלט —

פראָפעסאָר רובעק: נו — און?

אירענע: און אז איך האָב געהערט ווי דו האָסט מיט אזא אייז־קאַלטען טאָן געזאָגט — איך בין בלויז אן עפּיזאָדע אין דיין לעבען געווען —

פראָפעסאָר רובעק: דאָס האָסט דו געזאָגט, אירענע! ניט איך!

אירענע (רעדט ווייטער): — דאָ האָב איך א כאַפּ געטהאָן דאָס מעסער און האָב עס דיר געוואָלט אריינזעצען אין רוקען.

פראָפעסאָר רובעק (אומעטיג): און פארוואָס האָסט דו עס ניט געטהאָן?

אירענע: ווייל מיר איז מיט אמאָל ארויף דער שרעקליכער געדאנק אויף'ן זינען, אז דו ביסט שוין געווען טויט — שוין לאַנג טויט.

פראָפעסאָר רובעק: טויט?

אירענע: טויט. דו און איך. דאָרט זיינען מיר געזעסען ביי דער טאוניצער אָזיערע, מיר צוויי פערגליווערטע מתים, — און זיך געשפּיעלט איינער מיט'ן אנדערן.

פראָפעסאָר רובעק: איך רוף דאָס ניט טויט. אָבער דו פערשטעהסט מיך ניט.

אירענע: וואו איז זי ערגעץ, דיין ליידענשאפט פאר מיר, אָט די פלאַמענדע ליידענשאפט, מיט וועלכער דו האָסט זיך געראנ־

געלט און געקעמפּפט, בעת איך בין געשטאנען פריי פאר דיר — אלס די ערוואכטע, פון קבר אויפגעשטאנענע פרוי?

פּראָפּעסאָר רובעק: אונזער ליעבע איז געווים ניט טויט, אירענע.

אירענע: די ליעבע, וואָס איז פון אָט דער וועלט — פון דיעזער פּראכטפולער, וואונדערליכער און רעטזעלהאפטער וועלט, — אָט די ליעבע איז טויט אין אונז ביידען.

פּראָפּעסאָר רובעק (ליידענשאַפטליך): אָה, דו. גראָד אָט די ליעבע — די ברענט און פלאקערט אין מיר אזוי היים ווי אמאָל!

אירענע: און איך? האָסט דו פערגעסען, ווער איך בין איצטער?

פּראָפּעסאָר רובעק: זיי פון מיינעטוועגען ווער און וואָס דו ווילסט! פאר מיר ביסט דו די פרוי, ווי איך האָב זי אין מיינע חלומות געזעהן.

אירענע: איך בין אויף דער שוי־ביהנע געשטאנען — נאַקעט — און האָב זיך נאָך דיר אזוי פיעל הונדערט מענער פאר די אויגען געוויזען.

פּראָפּעסאָר רובעק: ווער זשע האָט דיך ארויפגעטריבען אהין אויב ניט איך? פערבלענדעט, ווי איך בין דעמאָלסט געוועזן, איז דער לייםענער גולם, די סטאטוע פון גיפּס, ביי מיר אין די אויגען געשטאנען העכער איידער דאָס גליק פון לעבען — דאָס גליק פון דער ליעבע.

אירענע (קוקט אראָב אויף דער ערד): צו שפּעט. צו שפּעט.

פּראָפּעסאָר רובעק: וואָס פאר א וואנד עס זאָל ניט שטעהן צווישען אונז, דאָך האָט זיך דיין ווערטה אפילו אויף קיין איין האָר ניט פערקלענערט אין מיינע אויגען.

אירענע (הויבט אויף דעם קאָפּ): אויך אין מיינע ניט.

פּראָפּעסאָר רובעק: נו, אלזאָ! דאן זיינען מיר דאָך פריי. נאָך איז צייט פאר אונז צו לעבען, אירענע.

אירענע (קוקט איהם אָן מיט אַ מרה־שחורה'דיגען בליק):

דער לעבענס־טריעב איז טויט אין מיר, ארנאָלד. איצט בין איך אויפגעשטאנען. איך קוק אוים נאָך דיר. און געפין דיך. און מיט אמאָל דערזעה איך, — דו און דאָס לעבען, איהר זייט מתים — אקוראט ווי איך בין פריהער געוועזן.

פראָפעסאָר רובעק: אָה, וואָס פאר א טעות דאָס איז! דאָס לעבען אין אונז און ארום אונז ברויזט און שטורעמט אזוי ווי פריהער.

אירענע (שמייכעלט און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): דיין יונגע, פון קבר אויפגעשטאנענע פרוי, זעהט דאָס גאנצע לעבען אויף׳ן טויטענבעט ליעגען.

פראָפעסאָר רובעק (נעהמט זי שטירמיש אין זיינע אָרעמס): דאן לאָמיר ביידע טויטע באָטש איין איינציג מאָל ווי געהעריג איז פערזוכען דעם טעם פון לעבען — איידער מיר קעהרען זיך אום צו אונז אין די קברים.

אירענע (מיט א פריידענגעשריי): ארנאָלד!

פראָפעסאָר רובעק: אָבער ניט דאָ אין דער פינסטער —! ניט דאָ, וואו די נאסע, מיאוס׳ע תכריכים נעהמען אונז ארום —

אירענע (פול מיט ליידענשאַפט): ניין, ניין, — ארויף צום ליכט און צו דער גאנצער שטראהלענדער הערליכקייט — אויף׳ן בארג פון פערשפרעכען.

פראָפעסאָר רובעק: דאָרט אויבען וועלען מיר אונזער חופה שטעלען, אירענע, — געליעבטע!

אירענע (שטאָלץ): מעג די זונן שטענדיג אראָבקוקען אויף אונז, ארנאָלד!

פראָפעסאָר רובעק: מעגען אלע כחות פון ליכט ארונטערקוקען אויף אונז! און אלע כחות פון פינסטערניש אויך! (נעהמט זי אָן ביי דער האַנד). ווילסט דו מיר נאָכגעהן, דו מיין בעשעהרטע כלה?

אירענע (אין אַ געהויבענער שטימונג): כ׳געה וויליג און גערן נאָך מיין העררן און מייסטער.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (ציהט זי אַוועק מיט זיך): דורך די נעבעל מוזען מיר פריהער דורכגעהן, און דערנאָך —

א י ר ע נ ע: יאָ, דורך אלע נעבעל. און דאַן אויף'ן שפּי'ץ טהורם, וואָס שיינט אין דעם זונענאויפגאַנג.

די נעבעל-וואָלקענס לאָזען זיך אַראָב געדיכטער אויף דר'ערד. רובעק און אירענע לאָזען זיך געהען האַנד אין האַנד איבער'ן שנעע-פעלד רעכטס און פערשווינדען אין די ארונטער־זינקענדע וואָלקענס. מורא'דיגע שטורמווינדען יאָגען און פייפען דורך די לופט.

די באַרמהאַרציגע שוועסטער בעוויזט זיך אין דער חורבה ליגקס. זי בלייבט שטעהן און קוקט זיך אום שטום און מיט זוכענדע בליקען.

מ אַ י אַ (זינגט און יובעלט פון ווייטען אונטען אין דער טיעפ־קייט):

> איך בין פריי! איך בין פריי! איך בין פריי!
> דער געפאַנגשאפט'ס צייט איז פערביי!
> איך בין פריי ווי א פויגעל! כ'בין פריי!

פּלוצלונג דערהערט מען אַ קראַך אַזוי ווי אַ דונער, וואָס קומט פון דעם אויבערשטען טהייל פון שנעע־פעלד. אַ שטיק לאַווע גליטשט זיך און שטורמט ארונטער מיט אַ ווילדער שנעלקייט צום טהאָל צו. מען זעהט אונדייטליך, ווי רובעק און אירענע ווערן מיטגעשלעפּט און בע־גראָבען אין די שנעע־מאַסען).

ד י ב א ר מ ה א ר צ י ג ע ש ו ו ע ס ט ע ר (טהוט אַ געשריי, שטרעקט אויס די אָרעמס צו דעם וואָס פאַלט און רופט): אירענע! (שטעהט אַ ווייל שטום; דערנאָך הויבט זי אויף א קרייץ פאר זיך אין דער לופטען און זאָגט): פרידען מיט אייך!

מאַיאַ'ס געזאַנג און פריידענגעשרייען הערען זיך נאָך — דער־ווייטערט — פון דער טיעפקייט אַרויס.

ע נ ד ע.

—— מייזעל עט קאָ. ——
יודישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און וויסענשאַפט

לעאָניד אנדרעיעוו

בילדער און דראַמען

דאס לעבען פונ'ם מענשען

א פארשטעלונג אין פינף בילדער מיט אַ פּראָלאָג. איבערזעצט פון ווארשע און לאפין.

קעניג הונגער

א פאָרשטעלונג אין פינף בילדער מיט אַ פּראָלאָג. איבערזעצט פון אָלגין.

די טעג פון אונזער לעבען

אַ דראַמאַ אין 4 אַקטען, איבערזעצט פון מ. קאַטץ.

„אנדרעיעוו'ס ווערטער — זאגט דער רוסישער קריטיקער אַראַבאַזשין — שלאגען אין געזיכט, דרינגען טיעף אין דער נשמה, אָכטצען און קלינגען, וועקען און שניידען זיך אריין אין הארצען און בלייבען דאָרטען ווי אַ פערעלטערטער שמערץ . . .

— זיין גרעסטע פערדיענסט איז, זיין זעלטענע פעהיגקייט צו דערוועקען ביים לעזער אַ זעעלען־אונרוהע, און ציהען זיין אויפ־מערקזאמקייט צו די „פערשאלטענע פראגען" און צו די ליגענס פון אונזער לעבען".

פרייז, שעהן געבונדען, 60 סענט נעט, אין קאָנטרי 75 סענט. בראָשירט — דאָס לעבען פונ'ם מענשען 20 סענט נעט, אין קאָנטרי 25 סענט.

קעניג הונגער 20 סענט נעט, אין קאָנטרי 25 סענט.

די טעג פון אונזער לעבען 15 סענט נעט, אין קאָנטרי 20 סענט.

424 GRAND ST., N. Y.

—— מייזעל עט קאָ. ——

יודישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און וויסענשאַפט

די זוכער פון אמת.

א סאָציאַלער ראָמאַן אין פיער ביכער

פון פעליקס האָלענדער

איבערזעצט פון ש. יאנאָווסקי.

אויסצוג פון ש. יאנאָווסקי'ס ליטעראַטיקעל
אין דער „פר. ארב. שטימע":

„מיר האַלטען דיעזען ראָמאַן פאַר אַן אויסגעצייכענטען פראָפּאַגאַנדאַ־ווערק... הויבט איהר איהם אָן ליינען, מוזט איהר איהם דערענדיגען און דערווייל ווערט איהר בעקאַנט מיט הונדערטערלייי פראַגען, וועלכע זיינען די וויכטיגסטע אין אונזער סאָציאַלען, פריוואַטען און פאַמיליען־לעבען.

מאַנכע מיינען, אַז, ווייל זיי האָבען שוין איינמאָל געלייענט דעם ראָמאַן אין דער צייטונג („פר. ארב. שטימע") דאַרפען זיי ניט דאָס בוך. דאָס איז אַ טעות. אַזאַ בוך זאָל מען לעזען צוויי, אויך מעהרערע מאָל, און דאַן עס לייהען אַ בעקאַנטען. זאָל ער אויך הנאה האבען. דאס איז דאס בעסטע און אינטערעסאנטסטע פראָפּאַגאַנדאַ־ווערק וואס מיר האבען אין אידיש. מיר וואלטען געוואונשען צו זעהען דיעזעס בוך פערשפּרייט אין די צעהנדליגע טויזענדע".

587 זייטען שעהן געבונדען

פרייז 50 סענט נעט, אין קאָנטרי 65 סענט.

---

424 GRAND ST., N. Y.

—— מײזעל עט קאָ. ——

יודישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און װיסענשאַפט

אַנטאָן טשעכאָװ

געזאַמעלטע דראַמען

דער אָנקעל װאַניאַ

סצענעס פון דאָרפישען לעבען אין 4 אַקטען

דער װאַסער־פױגעל

אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטען.

דער קאַרשען־גאַרטען

א דראמא אין 4 אקטען

איבערזעצט פון מ. װארשע און ק. טעפּער.

דיעזע 3 בעסטע דראמען פון דעם גרױסען קינסטלער, געטרײ איבערזעצט אין א גוטען, רײנעם יודיש, שעהן געבונדען אין אײן באנד ——

פּרײז 50 סענט נעט, אין קאָנטרי 65 סענט.

די צװײ בעריהמטע אײן־אַקטער קאָמעדיען פון אַנטאָן טשעכאָװ דער בער און דער שדוך, איבערזעצט פון א. ברומקין, (צװײטע אויפלאַגע) ——

בראָשירט, 8 סענט נעט, אין קאָנטרי 10 סענט.

424 GRAND ST., N. Y.

—— מייזעל עט קאָ. ——
יודישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און וויסענשאַפט

פרייליין יוליא

אַ נאַטוראליסטישע דראמא אין איין אקט
פון אויגוסט סטרינדבערג
איבערזעצט פון ס. שאפירא
פרייז 12 סענט נעט, אין קאַנטרי 15 סענט.

שנעע

א דראמא אין 4 אקטען
פון סטאניסלאוו פשיבישעווסקי
איבערזעצט פון פוילישען אריגינאל דורך ש. עפשטיין
פרייז 15 סענט נעט, אין קאַנטרי 20 סענט.

טרוימען

אַ סעריע בילדער און פאַנטאַזיען פול מיט רייכע געדאַנקען
פון דער בעריהמטער פערפאַסערין
אליוו שריינער
איבערזעצט פון ג. דייוויד.
א פראכט אויסגאבע, 122 זייטען, האלב געבונדען
פרייז 20 סענט נעט, אין קאַנטרי 25 סענט.

424 GRAND ST., N. Y.

— מייזעל עט קאָ. —

יודישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און וויסענשאַפט

האַמלעט און דאָן קיכאָט

פון איוואן טורגענעוו, איבערזעצט און איינגעלייטעט פון מ. קאַטץ.

אַ קריטישע שטודיע איבער די צוויי בעריהמטעסטע כאַראַקטערען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

דער גרויסער רוסישער קינסטלער, געבענדיג א פאראלעל צווישען די העלדען פון שעקספיר'ס און סערוואנטעס'עס איביגע שעפּפונגען, ברענגט ארויס זעהר קלאר די אָפּטימיסטישע און פּעסימיסטישע וועלט אַנשויאונגען און זוכט פעסטצושטעלען אויף וויפיעל זיי פערהעלפען דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט.

פרייז 10 סענט נעט, אין קאָנטרי 12 סענט.

די מענשליכע נשמה

אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט

פון אָסקאר ווײלד

איבערזעצט פון מ. ווארשע, אונטער דער רעדאַקציאָן פון דר. מעריסאן.

אַן אָריגינעלער בליק פון אַ קינסטלער־עסטעטיקער אויף דעם צוקונפטיגען סאָציאַליסטישען לעבען.

פרייז 12 סענט נעט, אין קאָנטרי 15 סענט.

די פליכט פון אונגעהאָרזאמקייט

פון הענרי דייוויד טהאָראָ איבערזעצט און איינגעלייטעט מיט אַ ביאגראַפיע פון פּערפאסער פון דר. י. א. מעריסאן

אַנאַרכיסטישע געדאַנקען גלענצענד געשריבען פון איינעם פון די אינדיווידואַליסטישע פילאסאָפען פון אמעריקא אין דער עמערסאנישער פּעריאדע.

פרייז 10 סענט נעט, אין קאָנטרי 12 סענט.

דער אַנאַרכיזם און די פּאָליטישע טהעטיגקייט

א קריטיק און א פאָרשלאג פון דר. י. א. מעריסאן

רעוויזיאניסטישע געדאַנקען אין דעם אַנאַרכיזם, וועלכע געפינען וואָס וויטער אַלץ א גרעסערען אָבקלאַנג אין דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור.

פרייז 8 סענט נעט, אין קאָנטרי 10 סענט.

424 GRAND ST., N. Y.

—— מײזעל עט קאָ. ——

ידישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און װיסענשאַפט

די קרייצער סאנאטא

א דראמא אין 4 אקטען

פון יעקב גארדין

בראָשירט 20 סענט נעט, אין קאָנטרי 25 סענט.

יהודית

א געשיכטע פון ליעבע און ליידען

פון מרים קארפילאָװ

א העכסט אינטערעסאנטער ראָמאן (איבערגעגעבען אין די בריעף פון יהודית ליליען צו איהר געליעבטען) פון דעם לעבען פון א אידישער אינטעליגענטקע אין רוסלאנד, װעלכע שטארבט פון שװינדזוכט אלס ארבייטער־מיידעל אין אמעריקא.

שעהן געדרוקט און ארויסגעגעבען, בראָשירט פרייז 25 סענט נעט; אין קאָנטרי 30 סענט.

424 GRAND ST., N. Y.